STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00225

MAYN LEBN

Isaac Raboy

Permanent preservation of this book was made possible by
Rose Kurland
in memory of
her husband, Louis Kurland

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מײַן לעבן
אַ. ראַבאָי

מיינע אייניקלעך דודלען און מרימען —

אַ מתנה

מײַן לעבן

י. ראַבאָי

ערשטער באַנד

איקוף פֿאַרלאַג

הילע געצייכנט פֿון מאַקס ראַבאָי

Copyright 1945
By Book League
Jewish Peoples Fraternal Order
of the I. W. O.

Printed in U. S. A.

ערשטער טייל

מיינע קינדער־יאָרן

ערשטער קאַפּיטל

ווען איך בין געבוירן געוואָרן, איז מיין פּאָטער געווען אַ קאַסיר אין זאַוואַליער וואַלד. איך האָב געזאָלט זיין דאָס צווייטע קינד ביי מיינע עלטערן. נאָר מיין עלטער ברודערל האָט זיך באַצייטנס אָפּגע־טראָגן פון דער וועלט און מיר איבערגעלאָזט די בכורה... ניט אומזיסט בין איך געבוירן געוואָרן אין אַ „הייבל"...

אונדזער הויז איז געווען די איינציקע ביים ברעג פון זאַוואַליער וואַלד. עס איז געשטאַנען מיט די פענצטערלעך צום וועג, וועלכער האָט זיך דורכגעשלענגלט און ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן ווייט, ווייט אין די פעלדער.

עס איז זייער זעלטן עמיצער דורכגעפאָרן דורך אָט דעם וועג. נאָר אַמאָל פלעגן אַכאַטניקעס * מיט זייערע כאַרט־הינט קומען אויף יאָגד אין זאַוואַליער וואַלד, אַדער אַמאָל, אַמאָל האָט עמיצער פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ שטורמדיקער נאַכט...

אונדזער הויז איז געווען אַ ברייטע, אַ נידריקע, אַ ווייסע מיט דריי קליינע פענצטערלעך צום וועג, מיט אַ לאַנגער פריזבע און מיט אַ שטרויענעם דאַך אַ געקאַרבטן. אויפן שפּיץ פון דאַך איז געלעגן אַ שורה סנאָפּעס שטרוי, ווי זיי וואָלטן זיך אַרויפגעזעצט אויפן דאַך רייטנדיק.

איך האָב די דאָזיקע סנאָפּעס תמיד מקנא געווען, וואָס זיי זיצן זיך אַזוי הויך אויפן דאַך. כאָטש עס איז זיי ניט געווען וואָס מקנא צו זיין, ווען עס האָט גערעגנט, אָדער ווען עס איז אָנגעקומען אַ שטורם־ווינט און האָט זיי צעשויבערט...

הינטערן הויז איז געלאָפן אַ סטעזשקעלע ביז צו דער ריטשקע. זי, די ריטשקע, איז געווען אַ בייזע, אַ יאַגעדיקע. און זי האָט זיך מיט מיר אָפט דורכגערעדט און איך מיט איר. די ריטשקע איז אָנגעקומען פון ווייט, ווייט און איז אַריבערגעלאָפן איבער אַ פעלז און זיך אַראָפּ־געגאָסן ווי אַ וואַסער־פאַל מיט אַ ווייסער פּיענע און מיט לאַנגע, דינע פעדעמלעך. איבער דער ריטשקע איז געווען אַריבערגעוואָרפן אַ

---

* יעגער.

לאַנגע ברעט, ווי אַ בריק צום אַריבערגיין. און אַז מען איז אַריבערגע־גאַנגען אַט־די ברעט איז מען שוין געווען אין דעם זאַוואַליער וואַלד.

איצט זאָגן, וואָס פֿאַר אַ מיןביימער עס האָבן דאָרט אין וואַלד געוואַקסן, קאָן איך ניט — ניט עס איז דאָ אין אונדזער אידיש אַזעלכע נעמען פֿאַר אַלערליי ביימער, און ניט איך האָב געוואוסט ווי אַזוי די ביימער הייסן.

איך ווייס נאָר, אַז דער וואַלד איז געווען אַזוי גרויס ווי ווייט מיין אויג האָט געקאָנט גרייכן. ער איז געווען געדיכט און הויך ביז צום הימל און יעדער בוים האָט, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, געוואָלט אַריבערוואַקסן דעם צווייטן בוים. עס איז דערפֿאַר געווען שיין צו קוקן ווי אַזוי יעדער בוים שטרעקט זיך מיט די צווייגן, ווי ער וואָלט צו מיר געשריען: קוק, איך בין הויך!...

איך האָב דעם וואַלד שטאַרק ליב געהאַט, כמעט ווי מיין טאַטע־מאַמע. און זייער אָפֿט בין איך אַריבער מיט דער ברעט איבער דער ריטשקע און פֿאַרבלאָנדזשעט אין דעם וואַלד. און ביז היינטיקן טאָג קלינגט מיר נאָך דאָס ווידער־קול פֿון מיין מאַמען, ווי אַזוי עס האָט אָפּגעקלונגען אין וואַלד, ווען זי פֿלעגט מיך אַרומלויפֿן זוכן.

איך האָב ליב געהאַט זיך שפּילן אין וואַלד מיט די פֿויגל. זיי, די פֿויגל, זיינען געשפּרונגען פֿון איין צווייג צום אַנדערן און איך בין געזעסן אויפֿן גרינעם מאָך און זיך צוגעקוקט.

עס זיינען געווען אַלערליי פֿויגעלעך. שוואַרצע מיט געלע פּיסקלעך, גראָע מיט רויטע קעפּלעך, גלאַנציק־שוואַרצע מיט טשוביקלעך אויף זייערע קעפּלעך, געפֿלעקט פֿון אַלערליי קאָלירן און מיט לאַנגע פּיסקלעך ווי נאָדלען, וואָס פֿלעגן זיך אַוועקשטעלן און פּיקען די קאָרעס פֿון די ביימער.

איך האָב זיך איינגעהערט אין זייער זינגען. טייל האָבן ממש ווי געוויינט, בשעת זיי האָבן געזונגען, און אַנדערע האָבן זיך מיט מיר געשפּילט, ווי זיי וואָלטן צו מיר געשריען: קור־קו! קור־קו! און גאָר אַנדערע פֿייגל האָבן געפֿייפֿט ווי דער ווינט אין קוימען און ווידער אַנדערע האָבן געטרילעוועט און זיך געגאָרגלט און זיך פֿאַרגאַנגען אין אַזאַ זיס געזאַנג, אַז מיר פֿלעגט שיר ניט אויסגיין דאָס האַרץ. חוץ דעם אַלעמען, איז אויף דער ערד, אין דעם זאַוואַליער וואַלד, געווען אַזוי פֿיל קליינע קריכערלעך. דאָ האָב איך געקענט אַ קריכערל מיט אַ סך פֿיסלעך, וואָס איז געלאָפֿן גיך, גיך. און איך האָב אים געפּרוווט פֿאַרשפּאַרן דעם וועג. איך האָב שוין געוואוסט, אַז ער וויל צוקריכן צו אַ בוים. האָב איך אים אַליין צוגע־

טראָגן צום בוים. אָדער איך האָב דאָ געזען קלײנטשיקע, שוואַרצע מוראַשקעס לויפֿן און יאָגן און אײדער זײ קריכן אַריבער איבער אַ בלאַט קומט זײ אָן מיט גרויס װײטאָג. האָב איך זײ געכאַפּט און זײ געהאָלפֿן אַריבערשטעלן פֿון יענער זײט בלאַט. איך האָב געזען װי שפּינען האָבן פֿאַרצױגן אַ געװעב און זיך אַנידערגעזעצט װאַרטן ביז עפּעס אַ נאַרישע פֿליג האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין געװעב און זײ זײַנען מיט זײערע גרױסע פּיס צוגעלאָפֿן און די פֿליג געכאַפּט און זי געביסן, דאָס דאָזיקע איז מיר מער געפֿעלן, װי אַלץ אין װאַלד. איך האָב געכאַפּט פֿליגן און זײ געבראַכט צו דער שפּין און זײ אַנידערגעלײגט אויף דער פּאַוטינע און אַזוי גיך װי די שפּין האָט זיך געטאָן אַ לאָז צו דער פֿליג, האָב איך די פֿליג אַרױסגענומען פֿון דער צרה און זיך פֿון װײַטנס געדרײצט מיטן שפּין...

איך װײס נישט פֿאַרװאָס, נאָר איך האָב די שפּין פֿײַנט געהאַט און אָפֿט גענומען אַ שטײנדל און אַ װאָרף געטאָן און צעריסן איר גאַנץ געװעב. און זיך צוגעקוקט װי אַזוי די שפּין מאַכט באַלד אַ נײַעם געװעב. איך האָב געזען, אַז זי לאָזט אַרױס אַזױנע פֿעדעמלעך פֿון בײַכל און יאָגט אַרום אין אַ ראָד, און בשעת זי יאָגט אַרום אַזוי אין דער לופֿטן פֿאַלט זי נישט אַראָפּ.

איך האָב געזען װי פֿױגעלעך זיצן אין נעסטן און װי זײערע מאַמעס ברענגען זײ עסן. װי אַזוי די מאַמע לײגט יעדן קינד אַרײַן אין מױל אַ ביסל עסן און איך האָב געהערט װי אַזוי די פֿױגעלעך־קינדערלעך װײנען, אַז זײ װילן נאָך.

נאָר אָט איז אָנגעקומען דער װינטער און בײַ מיר צוגענומען אָט די אַלע גוטע זאַכן. עס האָט אין דרױסן אױסגעשאָטן אַ שניי. און מיך האָט מען געהאַלטן אין שטוב. איז מײַן אײנציקע פֿרייד געװען װען די אַכאָטניקעס זײַנען אַמאָל אַרײַנגעקומען מיט זײערע כאַרט־הינט. דאָס זײַנען געװען הינט מיט לאַנגע פֿיסקעס, מיט לאַנגע אויערן, מיט דאַרע, הויכע פּיס און מיט פֿאַרדרײטע קאָדעס אַזוי װי בײגל. זײ פֿלעגן האַלטן זײערע לאַנגע צינגער אינדרױסן אין איך האָב זײ מקנא געװען די דאָזיקע לאַנגע צינגער. איך האָב זיך געמוטשעט מיט מײַן קורצער צונג און זי געריסן אַרױס אין דרױסן פֿון מײַן מויל, אָבער דאָך געבליבן מיט אַ קורצער צונג.

די דאָזיקע הינט האָבן מיך געקושט אין פּנים און איך האָב זײ געהאַלדזט און אויף זײ געפֿאָרן רײַטנדיק און אַרײַנגעלײגט מײַן האַנט אין זײערע מײַלער און פֿאַר זײ נישט מורא געהאַט.

איך בין נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט געווען, ווען איינמאָל יענעם ווינטער איז אין דרויסן געווען אַ שטאַרקע זאַווערוכע. עס האָט געוואָיעט דער ווינט אין קוימען און עס איז צוגעפּאַלן די נאַכט. עס האָט זיך פּלוצים געעפנט די טיר און אין שטוב איז אַריינגעקומען אַ הויכער מענטש מיט אַ ברייטער, ווייסער באָרד און אינגאַנצן ווייס פון קאָפּ ביז צו די פּיס.

כאָטש מיין טאַטע האָט שוין דעמאָלט פאַרמאָגט אַ היפּשע באָרד מיט פּאות, אָבער אַזאַ הויכן מענטשן מיט אַזאַ ברייטער, ווייסער באָרד און מיט אַזוינע לאַנגע פּאות, האָב איך געזען צום ערשטען מאָל. איך האָב זיך פאַר אים דערשראָקן און אָנגעמאַכט אַ געוואַלד.

— עס איז אַ איד — האָט מיין מאַמע מיך איינגעשטילט — ער איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן... וויין ניט קינד מיינס... עס איז אַן אַלטער איד...

אָבער איך האָב מורא געהאַט פאַר אים און ניט אויפגעהערט צו וויינען.

האָט דער פרעמדער געזען, אַז דאָס קינד, דאָס הייסט איך, האָב מורא פאַר אים, האָט ער זיך נאָר אַ ביסל דערוואָרימט מיט אַ גלאָז טיי און זיך צוריק אָנגעטאָן און אוועקגעגאַנגען.

מיין טאַטע איז געווען זייער אַ פרומער און אויך אַ חסיד און עס איז אים געווען אַ גרויס פאַרדראָס, וואָס צוליב מיר האָט אַ איד אַ פאַרבלאָנדזשעטער געמוזט אוועקגיין אין אַזאַ זאַווערוכע, און ווען ער איז געפאָרן צום רבין, קיין הוסיאַטין, האָט ער זיך געקלאָגט פאַרן רבין, אַז ער האָט אַ אינגעלע, דאָס הייסט איך, וואָס אַז עס קומען אָכאָטניקעס מיט כאָרט־הינט שפּילט ער זיך מיט זיי, נאָר טאָמער האָט אַמאָל פאַרבלאָדזשעט אַ פרעמדער איד אין אַ זאַווערוכע, האָט דאָס אינגעלע זיך פאַר אים דערשראָקן און געוויינט אַזוי לאַנג, ביז דער איד האָט נעבעך געמוזט אוועקגיין.

— פאַר אַ היים — האָט דער רבי געזאָגט מיין טאַטן — און אַזוי גיך ווי עס וועט צו דיר קומען אַ איד, וועט דאָס אינגעלע אים גיבן שלום...

צווייטער קאַפּיטל

און אַזוי איז דער ערשטער נס געשען.

עס האָט גראָד געטראָפן אין אַ פרייטיק צו־נאַכטס, יענעם ווינטער. מיין טאַטע האָט שוין געמאַכט קידוש און די מאַמע האָט דערלאַנגט די פיש... אין דרויסן איז געווען אַ ברענענדיקער פראָסט און אין שטוב איז געווען וואַרעם. די פענצטערלעך זיינען געווען פאַרקאָוועט מיט צווייגלעך און בלעטלעך, פונקט ווי עס צעוואַקסן זיך ביימער זומער אין וואַלד. מען האָט געקאָנט הערן ווי אין וואַלד גיט אַלע מאָל עפּעס אַ שאָס.

פּלוצים קלאַפּט עמעצער אין טיר.

— ווער איז דאָרט? — פרעגט דער טאַטע. מיין מאַמע דערשרעקט זיך און טוליעט מיך צו זיך.

— אַ איד...— הערט זיך קוים אַ שוואַך קול פון יענער זייט טיר.

לויפט דער טאַטע צו דער טיר און די מאַמע ווייסט דאָך שוין מיין טבע, נעמט זי מיך אויף די הענט און הויבט מיך אָן פאַררעדן און פאַרשפּילן, כדי איך זאָל ניט וויינען.

דער טאַטע עפנט די טיר און עס גיט אַ זעץ אַריין אין שטוב אַ ווייסע פּאַרע און עס גיט אַ פאַל אַריין אַ האַלב פאַרפרוירענער מענטש.

— גוטע מענטשן, האָט רחמנות! — זאָגט דער פרעמדער — איך האָב פאַרבלאָנדזשעט...

דער טאַטע פאַרמאַכט די טיר און פירט צו דעם פרעמדן צו דער הרובע און נעמט אים וואַרעמען זיינע הענט.

דער טאַטע האָט מורא געהאַט, אַז איך זאָל ניט אָנהויבן צו וויינען, און האָט געדענקט וואָס דער הוסיאַטינער רבי האָט אים געזאָגט.

איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און מיר געהייסן געבן שלום דעם פרעמדן.

איך האָב זיך אַראָפּגעריסן פון דער מאַמעס קני און צוגעלאָפן צום פרעמדן און אים געגעבן שלום.

אין שטוב איז געוואָרן אַ פרייד און דער פרעמדער האָט זיך דער־וואַרעמט און זיך געזעצט צום טיש און די מאַמע האָט אים אויך דער־לאַנגט פיש.

דער טאַטע האָט דעם פרעמדן אויסגעפרעגט וואָס עס הערט זיך אויף דער וועלט. און דער איד האָט דערציילט און ביי אים האָבן די אויגן געברענט ווי ער וואָלט געווען אַ כאַרט...

אַז עס וועט מאָרגן געשען אַ צווייטער נס, האָט קיינער ביי אונז ניט געוואוסט.

און גראָד האָט זיך יענע נאַכט זייער געשמאַק געשלאָפן. איך האָב זיך אַביסל איינגעהערט ווי אין דרויסן וואָיעט דער ווינט און איך בין געשמאַק איינגעשלאָפן.

און ווי געוויינלעך, פלעגט מיין טאַטע אַלע אין דער פרי אויפשטיין זייער פרי. שבת האָט ער נאָך פריער געדאַרפט אויפשטיין, ווייל ער האָט געדאַרפט גיין קיין זאַוואַליע דאַוונען מיט אַ מנין. איז דער טאַטע אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען אין צווייטן צימער, כדי אויפצואוועקן דעם פרעמדן. דער טאַטע דערזעט, אַז דער פרעמדער איז שוין ניטאָ.

מיין טאַטע גייט אַרויס אין הויף און זוכט אומעטום אין אַלע קעמערלעך, אין שטאַל — און נישטאָ!

קומט דער טאַטע אַריין צוריק אין שטוב און דערציילט דער מאַמען, אַז עס איז עפּעס מאָדנע: דער פרעמדער איז נישטאָ.

— עס האָט געמוזט זיין אליהו הנביא — זאָגט די מאַמע.

— עפּעס זיינען טאַקע זיינע אויגן געווען ניט קיין געוויינלעכע אויגן, — זאָגט דער טאַטע.

— ניכאַי וואָלסטו ביי אים עפּעס געבעטן.

— ווען איך זאָל געווען וויסן.

— אַלע מאָל קומט דער שכל נאָך די יאָרן.

— וואָס בין איך אַ מלאך?

— אפשר ליגט ער נאָך ערגעץ פאַרבאַהאַלטן? מיר וואָלטן זיך גע־דאַרפט היטן.

— רעב איד! הויבט אָן דער טאַטע אַרומצוגיין איבערן שטוב — רעב איד! מיר זיינען דאָרפס־מענטשן. מיר האָבן זיך אפשר מיט דיר ניט גוט באַגאַנגען.

מיין טאַטע האָט געזוכט אין אַלע ווינקעלעך פון שטוב און קיינעם ניט געפונען. איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן און זיך איינגעהערט.

— אפשר האָב איך אים ניט געגעבן גענוג עסן ? — קלאָגט זיך די מאַמע.

— גיי שוין, גיי, אליהו הנביא דאַרף טאַקע האָבן דײַן עסן !

— אפשר האָסטו אים מיט עפּעס באַליידיקט ?

— איך ? ! מיט אים געשמועסט. נאָר איך האָב געזען, אַז ער מאַכט זיך ווי ער ווייסט גאָר ניט. האָב איך געטראַכט : אַ פּראָסטער איד . . .

— עס איז אַ וויטאָג ! — זאָגט די מאַמע.

זי האָט אַלץ גערעדט ליגנדיק אין בעט. זי איז באַלד אַראָפּ פון בעט און זיך אָנגעטאָן. איר פּנים איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט און איך האָב אויף איר געקוקט און שיר ניט געוויינט.

פּלוצים האָט די מאַמע געטאָן אַ פּליעסק מיט די הענט און אַרויס־געלאָזט אַ געשריי :

— אוי ווי, די לייכטער !

און אַזוי ווי איך בין געווען גרייט האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען.

דער טאַטע האָט געטאָן צום טיש און ערשט איצט דערזען, אַז עס פעלן די לייכטער.

און ניט דער טאַטע און ניט די מאַמע האָבן זיך שוין אומגעקוקט אויף מײַן וויינען. זיי האָבן ביידע, ווי ווילד־משוגענע, גענומען זוכן די לייכטער.

— אפשר אונטערן טיש ?

— נישטאָ !

— אפשר אונטערן בעט ?

— נישטאָ !

— ווער האָט געקאָנט צונעמען די לייכטער ?

— ווער ? !

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט ?

— פאַרן שלאָף זײַנען זיי געשטאַנען אויפן ברעג פון טיש.

— וואו־זשע זײַנען זיי ?

— ווען איך זאָל וויסן ?

— איך האָב מורא עס ברענגען פּונעם מויל . . . — ברעכט די מאַמע אירע הענט.

— ער ? !

— ווער דען ?

האָט דער טאַטע גענומען לויפן.

— וואוהין לויפסטו ?

— וואָס הייסט וואוהין? איך וועל לויפן אים אָניאָגן.

און דער טאַטע האָט געכאַפּט אויף זיך זיין וואָכעדיקן פּעלצל און איז אַרויס אין דרויסן.

די לייכטער זיינען פאַרלוירן געוואָרן, אָבער די מאַמע האָט אין גיכן געבוירן אַ צווייטן זון. איך בין מיט דער מאַמע געווען אַליין אין שטוב, בשעת זי האָט פּלוצים געטאָן אַ פאַל צו דער ערד מיט אַ געשריי. איך האָב זיך דערשראָקן און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל. איך האָב געהערט מיין מאַמען קרעכצן און פון צייט צו צייט האָט זי געטאָן אַ שטאַרקן קוויטש. אין שטוב איז געוואָרן פינצטער. און דער טאַטע איז ניט געווען אין דער היים. איך בין איינגעשלאָפן. און ווען דער טאַטע האָט מיך שפּעטער אויפגעוועקט, האָט ער מיר געוויזן אַ קליין נפשל — „דיין ברודערל״.

און אין עטלעכע טעג אַרום זיינען געקומען אַ סך מענטשן. און אין שטוב איז געוואָרן אַ טומל. איך האָב זיך געוואַלגערט אונטער די פיס און קיינער האָט זיך אויף מיר ניט אומגעקוקט. עס האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס אַלע קוקן נאָר אויף מיין נייעם ברודערל. און איך האָב אים פיינט באַקומען.

נאָר אַט, האָט מען דעם דאָזיקן ברודערל צוגענומען ביי מיין מאַמען און עס אַוועקגעטראָגן אין צווייטן צימער. איך בין נאָכגעגאַנגען, כדי צו זען וואָס מען טוט מיט אים. איך האָב געזען ווי איינער האָט זיך אָנידערגעזעצט אויף אַן אויסגעבעטער שטול און האָב געהערט ווי אַלע שרייען עפּעס אויף אַ קול.

איך האָב באַלד דערהערט ווי מיין ברודערל האָט אַרויסגעלאָזט אַ מוראדיקן יעכץ און איז זיך פאַרגאַנגען און פאַרקייכט...

מיר האָט געטאָן אַ טיסנע ביים האַרצן און איך האָב אַזש ניט גע־קאָנט וויינען, נאָר טרערן שטילע זיינען געלאָפן איבער מיינע באַקן, טרערן געזאַלצענע.

דעמאָלט האָב איך מיין ברודערל זייער ליב באַקומען און איך האָב זיך געפרייט, ווען איך האָב אים שפּעטער געזען ביי דער מאַמעס ברוסט, זויגן און זיפּצן.

דריטער קאַפּיטל

מיין ברודערל האָט מען גערופן משה. איך האָב אים ליב געהאַט און זיך מיט אים געשפּילט אַ גאַנצן ווינטער, ביז עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן וואַרעם אין דרויסן און מען האָט מיך אַרויסגעלאָזט פון שטוב.

ביי אונדז זיינען געווען דריי קי, טערקאַטע, רויטע מיט ווייסע פלעקן און מיט גרויסע הערנער. האָבן זיי געהאַט דריי קליינע קעלבעלעך אויך טערקאַטע, רויטע מיט ווייסע פלעקן.

האָט די מאַמע געמאָלקן די קי און איך האָב זיך געשפּילט מיט די קעלבעלעך. זיי האָבן מיך געקושט מיט זייערע צינגלעך און זיי זיינען אַרומגעלאָפן אַרום דעם הויז און איך בין זיי נאָכגעלאָפן.

אין דרויסן איז געווען וואַרעם און אויף אונזער דאַך האָבן זיך באַזעצט צוויי גרויסע פייגל מיט לאַנגע פיסקעס און מיט הויכע פיס. און זיי פלעגן שטייןביידע אויפן שפּיץ דאַך, אויף איין פוס און קוקן אויף מיר.

און די מאַמע האָט איין מאָל צעגראָבן די ערד און זי איבערגע־קערט מיטן פּנים אַראָפּ. איך מיט די דריי קעלבעלעך זיינען געשטאַנען און געקוקט וואָס די מאַמע טוט.

און די מאַמע האָט זיך געבויגן איבער דער ערד, געמאַכט גריב־לעך אין דער ערד און עפּעס באַהאַלטן און פאַרדעקט. עס האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי מאָדנע. און איך האָב זיך געפרעגט: — וואָס באַהאַלט זי?

בין איך אַהין געקומען אַלע מאָל קוקן וואָס עס וועט זיין. און איך האָב דערזען איין מאָל, ווי עס קריכן אַרויס דינינקע בלעטעלעך פון דער ערד.

בין איך אַריין צו דער מאַמען מיט אַ פרייד און זי אַרויסגע־פירט און איר געוויזן, אַז עס וואַקסט.

און איך האָב שוין ניט אָפּגעטראָטן פון גאָרטן. אַלע טאָג בין איך דאָרט געווען און געהיט דאָס וואָס עס האָט געוואַקסן.

און די מאַמע האָט מיר געזאָגט, ווי אַזוי מען רופט די דאָזיקע זאַכן וואָס וואַקסן.

אַט דאָס זיינען רעטעכלעך. און אַט די אַ זיינען מײַרעלעך. און יענע מיט די לאַנגעקיקע בלעטער זיינען פּאַפּשויעס.[1] און די דאָזיקע לאַנגע סטאַטשיקעס[2] זיינען סאָניושקעס.[3]

איך האָב שוין גאָר פאַרגעסן אין מיין קליין ברודערל.

איצט האָב איך געהאַט די דריי קעלבעלעך, מיט וועמען אַרומ־צולויפן. און דער גאָרטן איז אַלע טאָג געוואָרן גרעסער און די פּאַפּ־שויעס האָבן זיך אַרופגעכאַפּט אין דער הויך און די סאָניושקעס זיינען געוואָרן אַזוי הויך, אַז איך האָב זיי שוין ניט געקאָנט דערגרייכן. און די מאַמע האָט געאַרבעט אַלע טאָג מיט דער סאַפּע.[4] און איך האָב געזען ווי עס וואַקסט און איך האָב זיך געפרייט.

און לעבן דער שטוב, דאָרטן וואו דער גאָרטן איז געווען, האָט גע־וואַקסן אַ גרויסער ווײַנשלבוים. און די מאַמע האָט צוגעשטעלט אַ לייטער און איז אַרויפגעקראָכן און אָפּגעריסן אַ סך ווײַנשל. איך האָב זיך גע־מאַכט רויט מיינע ליפּן פון עסן ווײַנשל. עס איז געווען גוט. נאָר אַט איז געשען אַ זאַך:

די מאַמע האָט אַוועקגעשטעלט אַ מאַקערטע מיט ווײַנשל ביי דעם אָפענעם פענצטער. מיין ברודערל איז געשלאָפן און דער טאַטע איז געווען אין וואַלד. איך בין געווען אין שטוב מיט דער מאַמען. עס איז געווען פאַרנאַכט, ווען די מאַמע האָט נאָר וואָס אויסגעמאָלקן די קי און איבערגעזייעט די מילך.

פּלוצים דערהערט זיך אַ גראָב קול ביים פענצטער.

דערשרעקט זיך די מאַמע און לויפט צו זען ווער עס איז. איך לויף איך צו. ביים פענצטער איז געשטאַנען און זיך געשאַקלט אַ הין און אַהער אַ מענטש מיט גרויע קליידער און מיט גלאַנצנדיקע קנעפּ, מיט אַ לעדערנעם גאַרטל און מיט אַ ביקס. אויפן קאָפּ ביי אים אַ היטל מיט אַ מעשענעם קנאָפּ, אויף אַ זייט פאַררוקט.

דער דאָזיקער מענטש האָט געשריען אויף דער מאַמען און זיך געכאַפּט צו דער ביקס.

די מאַמע איז געוואָרן בלאַס און האָט זיך דערשראָקן און איז צוגעלאָפן און גענומען מיין ברודערל משה אויף די הענט.

---

1 קוקורוזע.

2 הויכע שטענגלעך.

3 זון־בלומען.

4 אַ דרײַעקעכיק גראָב־אייזן מיט אַ קורץ הענטל, אויסצויעטן ווילדע גראָזן אין אַ גאָרטן.

איך האָב זיך צוגעטוליעט צו איר. איך האָב געזען, אַז דער מענטש הייבט אָ פוס און וויל אַריינשפּאַנען דורכן פענצטערל. עס איז אָבער דאָס פענצטערל געווען צו קליין פאַר אים. און חוץ דעם, וואָלט אים אויסגעקומען אַריינצוטרעטן גלייך אין דער מאַקערטע מיט די ווינשל. האָט די מאַמע אים אָוועקגעגעבן די גאַנצע מאַקערטע ווינשל. און ער איז אָוועקגעגאַנגען. דערנאָך האָט די מאַמע געבראַכט אין שטוב אַריין די „באַבקע" פּאַראַסקע.

דאָס איז געווען אַן עלטערע „גויע" מיט גרויע האָר, בלויע אויגן מיט אַ ברייט־בייניק פּנים און מיט אַ גרויס מויל. זי האָט גערעדט אידיש פונקט ווי די מאַמע. און זי האָט ליב געהאַט צו דערציילן מעשיות.

איך האָב זי ליב באַקומען צוליב די שיינע מעשות וואָס זי האָט דערציילט.

און די מאַמע האָט זי אויך זייער ליב געהאַט, ווייל זי האָט געהאַט מיט ווּעמען אַ וואָרט אויסצורײדן.

עס איז מיר געוואָרן פריילעכער ווייל עס איז צוגעקומען נאָך אַ מענטש צו אונזער משפּחה.

די ווינשל האָט די מאַמע אָוועקגעגעבן, איז כאָטש דאָ, דערפאַר, פּאַראַסקע.

אין דרויסן איז געווען וואַרעם און איך האָב זיך געשפּילט אין גאָרטן מיט די הויכע פּאַפּשויעס און סאָניושניקעס און מיט די קעלבעלעך. און איך האָב געמיינט, אַז עס וועט אַזוי גיין אויף ווייטער אַלע טעג.

אָבער די מאַמע מיט פּאַראַסקען האָבן אויסגעגראָבן די קאַרטאָפּ־לעס פון דער ערד און עס האָט אין דרויסן אָנגעהויבן צו ווערן קילער. ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן. עס האָט אויך גענומען גיסן רעגנס טאָג נאָך טאָג.

גרויע טעג, וויסטע פענצטערלעך, פאַרגאָסענע מיט טרערן.

איך האָב געהערט, ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן גע־רעדט צווישן זיך.

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וויל דאָ מערער ניט זיצן. זי האָט געוויינט. דער טאַטע האָט צו איר גערעדט מיט גוטן און זי געגלעט איבערן קאָפּ.

און דערנאָך איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי. און דער טאַטע איז אָוועקגעפאָרן און איז מער ניט צוריקגעקומען.

— וואו איז דער טאַטע ? — האָב איך געפרעגט ביי מיין מאַמען.

— קינדעלע, אין גיכן וועלן מיר פאָרן צום טאַטן — האָט מיך די מאַמע געטרייסט.

עס איז געוואָרן ווינטער. אין דרויסן האָט געשנייט, און איך האָב זיך שוין מער ניט געקאָנט שפּילן אין דרויסן.

און עס איז געשען, אַז ווען אין דרויסן איז געווען אַ זאַווערוכע, איז געקומען דער פעטער אַברהם צו פאָרן מיט צוויי שליטנס. אַז ער איז נאָר אַריינגעקומען, האָט ער געבראַכט מיט זיך פרייד. ערשטנס, איז ער געווען אַ הויכער, אַ רויטער מיט אַ פלאַמיקער באָרד. עס איז געווען אַ מחיה צו הערן זיין קול. ער האָט געלאַכט און אָנגעפילט דאָס הויז מיט זיין געלעכטער.

צווייטנס, האָט ער אונז געבראַכט אַזוינע צוקערקעס איינגעוויקלט אין אַלערליי קאָלירנדיקע פּאַפּירלעך מיט אַזוינע בערדעלעך, וואָס עס איז געווען אַ מחיה נאָר צו קוקן אויף זיי. ווער שמועסט שוין, אַז מען האָט צעוויקלט אַזאַ צוקערקע און זי אויפגעגעסן, איז זיך צעגאַנגען אַזאַ מין ווייניקייט אין מויל.

און דריטנס, האָט דער פעטער אַברהם באַלד אויף מאָרגן נאָך זיין קומען זיך גענומען איינפּאַקעווען אַלע זאַכן. דאָס אַליין איז ביי מיר געווען ווערט מי־יודע וואָס. איך האָב ליב געהאַט דעם טאַראַראַם אין שטוב. אין מיטן שטוב איז געלעגן אַ קופּע מיט היי און די בענק־לעך זיינען געווען איבערגעקערט מיט די פיסלעך אַרויף און די טעלער מיט די טעפּלעך האָט דער פעטער אַברהם אַריינגעפּאַקעוועט אין טאָפּ־טשאַן אַריין און זיי פאַרדעקט מיט היי.

און אַז דער פעטער אַברהם איז פאַרטיק געוואָרן מיטן פּאַקעווען, האָט מען מיך אָנגעטאָן און איינגעוויקלט אין שאַלן, און די מאַמע מיט פּאַראַסקען האָבן זיך אויך איינגעוויקלט, אַז מען האָט קוים געזען זייערע פּנימער. און מיין קליין ברודערל משה האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ קישן און אים אַרומגעבונדן. און אויף איין שליטן האָט מען אַרויפגעלייגט אַלע זאַכן.

און מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין צווייטן שליטן, וואָס איז געווען איינגעשפּאַנט צו צוויי פערד. און געטריבן די פערד האָט אַ ווייסער מענטש מיט אַ לאַנג היטל מיט אַ שפּיץ.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך בין געפאָרן, און דערצו אין אַ שליטן. עס האָט געשנייט. לאַנגע פּאַסן, ווי פעדים, מיט שטע־

כיקן שניי, האָבן אָן אָן אויפהער זיך געכוואַליעט אין דער קרום און געשטאָכן אין מיינע אויגן. טאָמער האָב איך געוואָלט טאָן אַ קוק אויף דער ווייסער וועלט, האָט מיך דער שלעכטער שניי ניט געלאָזט.

איך בין איינגעשלאָפן, און וואָס עס איז מיט מיר געשען, ווייס איך ניט, נאָר ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט דעם צווייטן אינדערפרי, בין איך שוין געלעגן אין אַ נייער שטוב.

פערטער קאַפּיטל

די שטוב, אין וועלכער איך האָב זיך איצטער געפונען, איז געווען אַ גרויסע מיט לאַנגע ברייטע פענצטער.

דער דיוואַן, אויף וועלכן איך בין געלעגן, איז געשטאַנען לעבן די פענצטער, און איך האָב זיך אויפגעהויבן און אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

אַ, וואָס פאַר אַ גרויסע, ברייטע וועלט! דאָ איז אויך געווען די ערד באַדעקט מיט שניי, אָבער פון ווייטן זיינען געפאָרן שליטנס אַ סך. און אַ לאַנגע שורה מיט סטאָלבעס [1] זיינען ערגעץ געלאָפן און זיי זיינען געווען צוגעבונדן איינער צו דעם אַנדערן מיט דראָטן. און אויף די דראָטן זיינען געשטאַנען וואָראַנעס און געקראַקעט.

און פון ווייטן איז געווען אַ שיטערער וואַלד, און פון יענער זייט וואַלד, העט אַריבער די פאַרשנייטעביימער, האָבן זיך געזען דעכער און דעכער אָן אַ שיר. און איבער אַלע דעכער האָט אַרויס־געשטעקט העכער פון אַלץ אַ גרינער דאַך מיט צוויי שפּיצן, און עס האָט אין אָט די שפּיצן אָפּגעשיינט די זון.

איך האָב געוואָלט אַראָפּגיין פון דיוואַן, און דערזען, אַז די פּאָדלאָגע אונטער מיינע פיס איז אַ גלינצערדיקע, אַ רויטע, ניט ווי דאָרטן אין זאַוואָליער וואַלד, וואו די פּאָדלאָגע אין אונזער שטוב איז געווען פון ערד.

איך האָב זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו שרייען. איז די מאַמע מיט פאַראַסקען געקומען צולויפן און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, און מיך אַראָפּגענומען און מיך געפירט מיט מיינע באָרוועסע פיס אויף דער נייער פּאָדלאָגע.

מען האָט מיך אָנגעטאָן, און די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז מיר זיינען שוין מער ניט אין זאַוואָליער וואַלד, נאָר אין ליפּקאָן.

דער טאַטע איז אַריינגעגאַנגען, און איך האָב זיך מיט אים דער־פרייט. ער האָט מיך געקושט און איך האָב אים אַרומגעקלעמט מיט מיינע הענט.

---

[1] סלופּעס.

— אַזיע — האָט דער טאַטע צו מיר געזאָגט, — ווילסט אָנהויבן צו לערנען?

איך האָב געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. נאָר אײדער איך האָב אָנגעהויבן לערנען, האָב איך דערווײַל זיך באַקאַנט מיט אונזער בײַ הויז. עס איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב אַלע טאָג אַנטדעקט עפּעס נײַעס.

בײַ אונז זײַנען געווען גרויסע, שווערע טירן, און אײדער איך האָב געקאָנט עפענען אַזאַ טיר, איז מיר אָנגעקומען שווער. נאָר אָט האָב איך געעפנט אַ טיר און האָב זיך געפונען אין אַ קאָרידאָר אַ לאַנגן. און ווידער אַ טיר, און איך עפן זי און דערזע אַ גרויס צימער מיט די־וואַנען בײַ די ווענט און מיט אַ גרין־געדעקטן טיש. אויפן טיש איז געלעגן אַ גראָבער בוך, אַן אָפענער, און דער בוך איז געווען דורכ־געסילעוועט מיט אַ גרין שטריקל, און דאָס דאָזיקע שטריקל איז געווען צוגעקלעפּט מיט טריוואַקס צום טיש.

עס איז געווען פאַר מיר זײער אינטערעסאַנט, וואָס דער דאָזיקער בוך איז און פאַרוואָס ער איז צוגעפּעטשאַטעוועט צום טיש. עס האָט זיך מיר זײער געוואָלט אים אָפּרײַסן.

עס איז אַרײַנגעקומען גראָד דעמאָלט אַ הויכער, דאַרער יונגער־מאַן, וואָס איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, אַז מען רופט אים אַבראַם, און וועלכער איז געווען מײַן ערשטער לערער. אָבער דערווײַל האָב איך נאָך ניט געוואוסט, ניט ווי ער הײסט און ווער ער איז.

ער האָט מיך געכאַפּט פּונקט דעמאָלט, ווען איך האָב געוואָלט אָפּרײַסן דעם בוך פונעם טיש.

— אינגעלע, וואָס ווילסטו טאָן? — האָט ער צו מיר געזאָגט — מען טאָר ניט!...

אַז מען טאָר ניט, איז ניט. איך האָב אים געפאָלגט, און ער האָט מיך דערפאַר אַרײַנגעפירט צו זיך אין צימער, באַלד דערנעבן, און זיך אַוועקגעזעצט בײַ זײַן טיש, אויך גרין־געדעקט, און מיך גענומען אויף זײַנע דאַרע קני און מיר געוויזן דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן אַ פּען מיט אַ הענטל און אַ טינטערל מיט טינט.

איך האָב גענומען די פּען אין מײַן האַנט און געפּרואווט די שפּרײַז. און זי האָט מיר געטאָן אַ שטאָך אין אַ פינגער.

אַבראַם האָט אײַנגעטונקען די פּען אין טינט און אויף אַ שטיקל פּאַפּיר געמאַכט אַ פּאַסיקל.

— דו זעסט, אינגעלע, אַזוי־אַ שרייבט מען! — האָט ער צו מיר געזאָגט.

איך האָב גענומען ביי אים די פען און אויך געוואָלט אָנשרייבן אַ פּאַסיקל. עס איז אָבער מיר ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען צו מאַכן אַ פּאַסיקל. איך האָב די שפּריז אַריינגעגראָבן טיף אין פּאַפּיר.

אַבראַם האָט מיר געוויזן, ווי אַזוי מען דאַרף האַלטן די פּען אין דער האַנט.

איך האָב געקוקט אים גלייך אין מויל אַריין. און ווען ער האָט מיר געגעבן די פּען נאָך אַמאָל, האָב איך זי ערשט ניט געהאַלטן גוט. ער האָט געלאַכט. אַבראַם, ווען ער האָט געלאַכט האָט ער פאַר־הויבן זיינע דינע, קליינע ליפּן און אַרויסגעשטרעקט זיינע ציין.

עס איז מיר געפעלן, ווי אַזוי ער שטרעקט אַרויס זיינע ציין. איך בין צו אים באַלד צוגעבונדן געוואָרן.

אין יענעם אָוונט, ווען מען האָט געגעסן וועטשערע, און אַבראַם איז געזעסן ביים טיש, האָב איך נאָר געוואָלט זיצן לעבן אים.

ער האָט געהאַט זייער אַ געל פּנים, ווי אויסגעגאָסן פון וואַקס. זיין קאָפּ איז געווען אַ קליינער, נאָר אויערן האָט ער געהאַט צוויי גרויסע ווי ביי אַ קו. ער האָט פאַרמאָגט אַ הייזעריק קול, און ווען ער האָט גערעדט, פלעגט ער די ווערטער זיינע פאַרענדיקן מיט אַ קוויטשיקל.

אַבראַם האָט קאָנקורירט מיט פאַראַסקען אין דערציילן אונז שיינע מעשהלעך.

עס איז אָבער געווען אַ גרויסער חילוק צווישן זיי ביידע.

פאַראַסקע האָט דערציילט אַ מעשה, ווי אַזוי עס האָט געטראָפן מיט עמעצן אַנדערש.

אַבראַם פלעגט אַלע מאָל דערציילן, וואָס עס האָט געטראָפן מיט אים אַליין און צוזאַמען מיט עמעצן אַנדערש.

וואָלט איך אפשר מער ליב געהאַט אַבראַמס מעשהלעך ווי פאַראַס־קעס, ווען ניט דאָס, וואָס ער פלעגט אָנהויבן מיט זיין געווײלעכן: — „האָב איך געזאָגט", „האָט ער געזאָגט"...

איך האָב עס ניט ליב געהאַט.

אָט דער דאָזיקער אַבראַם איז עס געווען דער שרייבער ביי מיין טאַטן אין פּאַטשט. און אויך ער איז געווען מיין ערשטער רבי. אַלע טאָג האָט ער זיך מיט מיר אָוועקגעזעצט אין זיין צימער און מיט מיר געלערנט אַלף־בית פון סידור.

אין מאָל גייענדיק פון אַבראַמס צימער דורכן קאָרידאָר, האָב איך דערזען, ווי עס עפנט זיך אַ טיר און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אַ נייע וועלט.

איך האָב זיך אַריינגערוקט דורך דער אָפענער טיר אין אַ גרויסן צימער, וואו עס איז געשטאַנען אַן אויוון ביי דער טיר, און קינדערלעך מיט בלאָנדע קעפּלעך האָבן זיך געוואַלגערט אויפן פּאָדלאָגע. עס האָט מיר געטאָן אַ זעץ אין דער נאָז זייער ניט קיין גוטער ריח. אָבער איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס דאָ איז. אַז די דאָזיקע מענטשן זיינען עפּעס אַנדערש ווי אין מיין הויז, האָב איך באַלד געקאָנט זען פון דעם, וואָס די ווענט זיינען געווען זייער קויטיק. אויף פיר פאַרשיידענע ערטער פון די ווענט זיינען געהאָנגען בילדער אין טיפע ראַמען פון אַ גרין אויסגעפאַרבטער פרוי מיט אַ קליין קינד אויף אירע הענט. אונטער יעדן בילד איז געהאָנגען אויף דריי קייטעלעך אַ גלעזל, און אין דעם גלעזל האָט געברענט אַ קנויט. ביי אונז אין שטוב איז ניט געווען אַזעלכע בילדער.

ווער זיינען אָט די בילדער?

איך זע, אַז דאָ זיינען דאָ עטלעכע פרויען. זיי גייען אַרום מיט באָרוועסע פיס. זיי טראָגן ווערעטעס[2] אַרום זייערע לענדן, ניט ווי מיין מאַמע, וועלכע גייט אַרום אין שיך און אין אַ לאַנג קלייד.

ווער זיינען אָט די מענטשן?

אַז איך האָב געפרעגט מיין מאַמען, ווער זיי זיינען, האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט און אויסגעשריען:

— אוי, דאָס קינד איז שוין געווען ביי די יאַמשטשיקעס!... מען טאָר אַהין ניט גיין!...

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מען טאָר ניט גיין אַהין.

פון דאַן אָן איז שוין אַבראַם געקומען מיט מיר לערנען ביי אונז אין שטוב. און איך האָב שוין מער ניט געקאָנט זיך אַריינכאַפּן אַ קוק טאָן צו אונזערע שכנים.

אין דרויסן האָט מען מיך אויך ניט געלאָזט אַרויסגיין. עס איז נאָך אַלץ געווען ווייסער ווינטער, און כאָטש איך האָב געהאָט גרויסע פענצטער, דורך וועלכע אַרויסצוקוקן, איז מיר פונדעסטוועגן געווען זייער אומעטיק. און איך האָב געבענקט נאָכן זאַוואַליער וואַלד, נאָך זומער.

[2] גאַרטלען, געמאַכט פון גראָבע לייוונט.

פינפטער קאַפּיטל

מיין מאַמע האָט געבוירן אַ דריט ברודערל. און דאָס מאָל איז שוין געווען אַנדערש, ווי אין זאַוואַליער וואַלד. ערשטנס, האָט זיך באַוויזן אין שטוב אַ „באָבע", אַן אַלטיטשקע, אַן איינגעבויגענע, וועלכע מען האָט גערופן פרומע־זיסל. זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ גרינלעכע פאַטשיילע און האָט געהאַט צוויי קליינינקע אויגעלעך. איר פּנים איז געווען זייער צעקנייטשט און זי האָט געהאַט אַ בראָדעווקע אונטער דער אונטערשטער ליפּ און אויף דער דאָזיקער בראָדעווקע זיינען געוואַקסן עטלעכע לאַנגע האָר.

אָט די דאָזיקע פרומע־זיסל איז געווען זייער אַ בייזע. זי האָט מיר געטאָן אַ קניפּ, אויב איך האָב זי ניט געפאָלגט און דווקא געוואָלט זען ווי זי באָדט דאָס קינד.

— אַוועק, דו שקאָץ! — האָט זי געשריגן מיט איר קוויטשיק־הייזעריק קול. זי איז געווען דער אויבער־האַר אין שטוב און אַפילו דער טאַטע האָט מורא געהאַט פאַר איר. נאָר דאָס איז ניט אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אין שטוב. עס איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער שטוב. פרייטאָג־צו־נאַכט זיינען געקומען געסט: דער פעטער אַברהם, די מומע אסתּר; אַ צווייטער פעטער פייוול, די צווייטע מומע ריווע און אַ סך אַנדערע מענטשן און מען האָט געגעסן נאָהיט מיט ראָזשינקעס. און די מאַמע איז געלעגן אין בעט אַרומגעהאָנגען מיט ווייסע ליילעכער. און די „באָבע" פרומע־זיסל האָט קיינעם ניט צוגעלאָזט צו דער מאַמען. זי איז געזעסן אויף אַ בענקל לעבן דער מאַמען, און ווען עמעצער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דער מאַמען, האָט פרומע־זיסל פאַר־הויבן אַ שטיקל ליילעך, טאַקע נאָר אַ שטיקעלע, און דערביי געטאָן אַ שפּיי־אויס און עפּעס געמורמלט...

אוי, וואָס פאַר אַ שלעכטע!...

אויף מאָרגן, שבת בייטאָג, זיינען ווידער געקומען אַ סך מענטשן און די צוויי מומעס אסתּר און ריווע האָבן דערלאַנגט לעקעך מיט בראָנפן און מען איז געזעסן אַרום דעם גרויסן טיש און געזונגען: איילע־לאַ, אַ־לע־לי.

דער פעטער אַברהם איז געווען זייער פריילעך. מיך האָט ער גענומען אויף זיינע קני און מיר געגעבן צו פאַרזוכן אַ ביסל בראַנפן. און איך האָב זיך אָפּגעבריט די צונג. אָבער איך האָב ניט געוויינט. מיר איז געווען פריילעך, וואָס איך בין צווישן אַזוי פיל מענטשן.

איך האָב פונדעסטוועגן מורא געהאַט, אַז אַט, אַט און מען וועט ביי מיין מאַמען צונעמען דאָס קינד און אים טאָן שלעכטס, אַזוי ווי מען האָט געטאָן מיט מיין ברודערל משה. איך בין אַלע מאָל אַריינגעלאָפן אין צימער, וואו די מאַמע איז געלעגן און געוואָלט אַ קוק־טאָן צי דאָס קינד איז דאָ, אָבער די „באָבע" האָט מיך געטריבן פון דאָרטן.

נאָר אַלע מענטשן זיינען זיך צעגאַנגען און עס איז געוואָרן שטיל און דעם קינד האָט מען קיין שלעכטס ניט געטאָן — האָב איך זיך באַרואיקט.

עס איז אַוועק אַ טאָג און אַ צווייטער. און אויפן דריטן טאָג האָב איך דערזען פּלוצים ביי אונז אין שטוב צוויי ווילד־פרעמדע ווייבער: איינע אַ דאַרע און די צווייטע אַ פעטע. זיי זיינעןביידע געגאַנגען אָנ־געטאָן אין פאַרטוכער מיט פאַרקאַשעטע אַרבל. און וואָס עס האָט זיך ניט צעטאָן אין שטוב!

קודם האָבן די דאָזיקע צוויי פרויען צעשפּרייט אַ ווייס ליילעך איבער איינעם פון די דיוואַנען און געזיפּט מעל. און אַלץ אין שטוב איז געוואָרן ווייס פונם מעל. איך האָב געפילט אין מיין גומען דעם טערפּקע טעם פון מעל און איך בין אין גאַנצן געוואָרן ווייס אין אַ פּאָר מינוט. איך האָב זייער ליב געהאַט צו קוקן, ווי אַזוי זיי האָבן געשאָקלט מיט דער זיפּ און ווי פון דער זיפּ האָט זיך געשאָטן אַ דינער שטויב.

איך האָב שוין ניט אָפּגעטראָטן פון אַט די צוויי ווייבער און זיי נאָכגעגאַנגען אומעטום. אין אויוון האָט געפּלאַצקעט אַ פייער. די שייט־לעך האָבן געטרעשטשעט און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וויינען, ווייל איך האָב געזען, אַז יעדער שייטל האָט גיסט פון זיך טראָפּנס — איז וואָס איז עס, אויב ניט קיין טרערן?

אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין צייט צו שטיין און קוקן אויף דעם וויינענדיקן האָלץ. אין קיך זיינען פאָרגעקומען אַזוינע זאַכן, וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל פריער ניט געזען.

די פעטע פרוי איז געזעסן איבער אַ טיפער מאַקערטע און אויפ־געבראָכן אייער און אַלע מאָל האָט געטאָן אַ בליץ פּאָר מיינע אויגן אַ קיילעכיק געלעכל און עס האָט געטאָן אַ שפּרונג אַריין אין דער מאַקערטע אַריין. דאָרט זיינען שוין געלעגן אַזוי פיל געלעכלעך. און

די פעטע פרוי האָט, אַפּנים, מיר אויף צו־להכעיס, גענומען אַ גרויסן, הילצערנעם פּאַלאַניק און מיט איין דריי, חרוב געמאַכט אַלע געלעכלעך. זי האָט זיך מיט איין האַנט געווישט די נאָז און מיט דער צווייטער געדרייט דעם פּאַלאַניק אין דער מאַקערטע.

און די צווייטע פרוי, די הויכע, איז געשטאַנען איבער אַ מולטער פול מיט מעל און געגאָסן וואַסער אין אַ גריבל אין דעם מעל. עס איז געוואָרן אַ קליין טייכל מיט בערגלעך אַרום. איך בין געשטאַנען און זיך געטראַכט, אַז זי וואָלט געווען אַ גוטע, ווען זי לאָזט מיך צו, צו אָט דעם טייכל. אָבער זי האָט מיר אויף צו־להכעיס, געטאָן אַ שטעק אַריין די הענט און קאַליע געמאַכט דאָס טייכל. הכלל, איך האָב געזען וואונדער איבער וואונדער. די צוויי פרויען האָבן געהאָט אַזוי פיל כּשוף אין זייערע הענט, אַז צו וואָס זיי האָבן זיך נאָר צוגערירט, איז עפּעס אויסגעוואַקסן. זיי האָבן אין גרויסע סקאָווראָדעס * אויסגעגאָסן גלאַנציקע טייכן; זיי האָבן פון טייג אויסגעקאַטשעט רונדע בלעטער און זיי אָנגע־פילט מיט איינגעמאַכטס, ניס און צוקער, און נאָכדעם דאָס טייג איינ־געוויקלט. אין קיך האָט געשמעקט מיט צימרינג און מיט האָניק.

און דער אויוון איז געוואָרן רויט ווי פייער און ער האָט געגעבן פון זיך אַ היץ, וועלכע האָט מיר געוואַרעמט די באַקן. און איך האָב געזען ווי אַזוי די דאָזיקע פרויען האָבן אַריינגערוקט טאַוועס אין אויוון. איך האָב זיי מקנא געווען, די פרויען, ניט די טאַוועס, מיט דעם ווי אַזוי זיי האָבן געטאָן אַ רוק אַריין די לאָפּעטע אין אויוון אַריין און זי צוריק אַרויסגעכאַפּט.

און דערנאָך האָבן די דאָזיקע פרויען מיר געגעבן לעקעך און גע־באַקענע טאַרטלעך מיט אַ שטיקל ניס ווי אַ קעפּעלע ביי אַ פויגעלע. און איך האָב זיך געשפּילט מיט די דאָזיקע לעקעך־פייגעלעך און זיך געמאַכט, אַז זיי פליען ביי מיר אין דער לופטן.

און אין יענעם טאָג איז געשען, אַז פאַרנאַכט־צו האָט געטאָן אַ פּאַר־צו צום הויז אַ גרויסער שליטן פול מיט אָרעמע תּלמוד־תּורה קינ־דערלעך: אינגלעך און מיידלעך. און זיי האָבן זיך געטאָן אַ שאָט אַריין אין שטוב אַזוי ווי אַ מחנה פויגעלעך מיט אַ געפּילדער און זיי זיינען אַלע צוגעגאַנגען ביז צו דער טיר, וואו מיין מאַמע איז געלעגן אין בעט. און זיי האָבן אַלע מיט אַמאָל געטאָן אַ געשריי: שמע ישראל! און זיי האָבן נאָך און נאָך געשריגן, עפּעס פאַר מיר אומפאַרשטענדלעכע

---

* פּרעגל־פּאַן.

ווערטער. און זיי זיינען אַלע געווען אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידער און מיט צעלעכערטע שטיוועלעך. און דערנאָך האָט דער טאַטע יעדן איינעם פון זיי געגעבן אַ שטיקל לעקעך און אַ קאָפּיקע. די קינדערלעך האָבן געשטרעקט זייערע הענטלעך און געשפּרונגען איינער איבער, צווייטן כּדי צו כאַפּן וואָס מערער קאָפּיקעס און לעקעך. און איך בין געשטאַנען פון וווייטנס און מיר איז געווען אַזוי גוט, אַז איך האָב אַפילו פאַרביסן אַ האַנט צווישן מיינע ציין.

און ווי גיך עס האָט זיך אַלץ געביטן. אַט זיינען ערשט געווען די קינדער מיט זייער געפּילדער און אַט זיינען זיי שוין ניט געוואָרן. אין מיינע אויערן האָט נאָך געקלונגען זייער געזאַנג און איך בין אַרומ־געגאַנגען און אין זיך נאָכגעזונגען דאָס געזאַנג. און אַט איז געוואָרן נאַכט און עס איז ווידער געקומען דער פעטער אברהם מיט דער מומע אסתּר און אויך דער פעטער פייוול מיט דער מומע ריווע און נאָך אַנדערע, וואָס איך האָב זיי שוין געקאַנט דורך דעם וואָס איך האָב מיר געמאַכט סימנים: דער האָט געהאַט אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד, יענער האָט געהאַט אַ קורץ בערדל מיט צוויי שפּיצן.

און ווי גליקלעך מיין דריט ברודערל איז געווען! עפּעס האַלטן אין איין קומען מענטשן אַלע מאָל און מען זינגט און עס איז פריילעך און אים טוט מען ניט קיין שלעכטס!

אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. ווייל אויף מאָרגן זיינען געקומען אַ סך ווייבער מיט די צוויי מומעס אסתּר און ריווע. זיי זיינען אַלע געווען אָנגעטאָן אין קליידער מיט לאַנגע שלעפּעס און איך האָב זיך פאַרלוירן צווישן זיי און אַלע מאָל האָב איך געטאָן אַ טרעט־אָן אויף איינערס אַ שלעפּע און בין געפאַלן, אָבער קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף מיר.

איך האָב דערזען, אַז מען נעמט צו ביי דער מאַמען דאָס קליינע קינד און עס איז מיר ניט־גוט געוואָרן. און דאָס ערגסטע פון דער זאַך איז געווען, וואָס מען האָט דאָס קינד ביי דער מאַמען אין גאַנצן צוגענומען און עס אָוועקגעטראָגן פון שטוב. און די מאַמע האָט געוויינט. און איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט שוין דאָס קינד צוריק ניט ברענגען.

איך בין אַרויף אויפן דיוואַן און נאָכגעקוקט, ווי די מומע אסתּר טראָגט אַוועק דאָס קינד און ווי אַזוי זי גייט זיך אַזוי מיט אַן אויפ־געהויבענעם קאָפּ און דער שלעפּ פון איר גרין קלייד שלעפּט זיך נאָך אויפן ווייס־גרויען שניי. איך גראָב אַריין מיין פּנים אין דער קאַלטער שויב און ווער שיר ניט צעפּיקעט פון וווייטאָק.

זעקסטער קאַפּיטל

מיין זאָרג, אַז מען וועט דאָס קינד ניט ברענגען צוריק איז געווען אַן אומזיסטע. עס האָט טאַקע געדויערט לאַנג, אָבער די מומע אסתּר האָט געטאָן אַ קום־אַריין מיטן קינד, אַ שטאָלצע, און נאָך איר אַ גאַנצע שורה ווייבער. דאָס קינד האָט זי אַנידערגעלייגט ביי דער מאַמען אויפן בעט.

די מאַמע איז שוין געווען אָנגעטאָן, נאָר זי איז נאָך געזעסן אויפן בעט. די לייַלעכער זיינען שוין געווען פאַרהויבן ביז דער סטעליע.

און דערנאָך האָבן זיך געטאָן אַ שאָט אַריין אַזוי פיל מאַנצבילן: דער טאַטע, די פעטערס און נאָך אַנדערע. און מען האָט זיך באַזעצט אַרום צוויי באַזונדערע טישן. די צוויי מומעס: אסתּר און ריווע מיט אַ סך אַנדערע ווייבער אַרום איין טיש און דער טאַטע, די צוויי פעטערס אַברהם און פיוול מיט נאָך אידן ביי אַ צווייטן טיש.

און אַבראַם דער פּאַטשט־שרייבער מיט פאַראַסקען האָבן דער־לאַנגט צו די טישן.

פאַראַסקע האָט אָנגעטאָן אַ קאָלירנדיקע פּאַטשיילע מיט רויטע בלימעלעך אויף איר קאָפּ. זי האָט אויך געטראָגן אויף איר נאַקעטן האַלז אַ סך בייטשלעך מיט רויטע קאָרעלן. און זי האָט געטראָגן אַן אויסגענייט העמד פון ווייסער, גראָבער לייוונט. און זי האָט אויסגעזען אַנדערש ווי אַלע ווייבער.

אַבראַם דער שרייבער האָט זיך אַזוי ווי אויסגעצויגן אין דער לענג. צי אפשר דערפאַר וואָס ער האָט אָנגעטאָן אַ ווייסן, הויכן קאָלנער מיט אַ קליין, פּיצעלע, שוואַרץ שניפּסעלע, האָט ער אויסגעוויזן אַזוי לאַנג, צי אפשר דערפאַר וואָס ער איז געווען זייער אַ דאַרער און אַ שמאָלער. ווי עס זאָל ניט געווען זיין, איז ער געווען ביי מיר אין די אויגן העכער פון אַלעמען. ווער שמועסט שוין, ווען ער האָט געטאָסקעט אויף טאַצן אַלערליי גוטע זאַכן צום טיש און איך האָב זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים, האָט ער דאַן ביי מיר אויסגעוויזן ווי ניט קיין דערגרייכבאַרער מענטש.

אין שטוב איז געווען אַ רעש צום פאַרטויבט ווערן. איך האָב זיך צוגעלאָנטשעט צום פעטער אַברהם, אָבער ער האָט מיך איצטער אַזוי

ווי ניט דערקענט און מיך ניט געגומען אויף זיינע הענט. ער האָט זיך געהויבן פון אָרט און געמאַכט מיט זיינע הענט און געשריען. מיר איז געווען שלעכט — קיינער קוקט זיך ניט אום אויף מיר.

אַלע עסן און טרינקען און מיר גיט מען גאָרניט. די גרויסע שרייען און כאַפּן מיט די הענט פון די טאַצן און שיסלען און עס רינט פון זייערע מיילער און זיי קלאַפּן מיט די ליפּן און שרייען אויף קולות, בשעת זייערע מיילער זיינען פול מיט גוטע זאַכן, און ביי מיר רינט די סלונע, און עס גייט מיר אויס דאָס האַרץ נאָך אַ שטיקעלע לעקעך. און ווען איך שטרעק אויס דאָס הענטל און וויל עפּעס נעמען, קריג איך אַ פּאַטש איבער מיין הענטל. איך כאַפּ צוריק דאָס הענטל מיינס און ווער ברוגז. און טראַכט מיר, אַז גוט אַזוי! איר ווילט ניט אַז איך זאָל עפּעס נעמען, איז גוט, וועל איך אייך אויף צו־להכעיס ניט נעמען.

איך גיי אַריין צו דער מאַמען אין צימער און זע, אַז דאָס קינד זויגט איר ברוסט. די „באָבע״ פרימע־זיסל טרייבט מיך אַרויס.

וואו זאָל איך גיין?

זיינען די טירן אָפן, און איך כאַפּ זיך אַרויס אין קאָרידאָר און וואַנ־דער אַרום דעם לאַנגען קאָרידאָר, ביז איך קום צו דער אָפענער טיר פון אונזערע שכנים, די יאַמשטשיקעס.

ביי זיי איז, ווייזט אויס, אויך עפּעס אַ שמחה, צי וואָס...

איך רוק זיך אַהין אַריין. אמת, די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז מען טאָר אַהין ניט אַריינגייך. אָבער איך בין איצט ברוגז אויף אַלע מייניקע. זיי אויף צו־להכעיס, וועל איך טאָן וואָס איך וויל!

איך דערזע, אַז אין דער מיט פון דער גרויסער שטוב, ביי אונזערע שכנים, שטייט אַ שמאָל, ווייס־הילצערן קעסטל. ביי איין זייט פון קעסטל ברענען לאַנגע ליכט. און אַרום דעם קעסטל ליגן באָרוועסע ווייבער אויף די קני, קניען און ווישן די אויגן.

איך וויל זען וואָס עס טוט זיך אין קעסטל.

איך גיי צו נאָענט און דערזע דאָרט ליגן אַ שלאָפנדיק קינד. עס ליגט מיט זאַמד־בלאָנדע האָר פאַרקעמט. עס איז געל ווי די ליכט צוקאַפּנס ביי אים.

אין שטוב איז אַ מאָדנער טוכלער ריח.

איך שטיי און ווייס ניט וואָס דאָ איז.

פון אונזער שטוב הערט זיך אַ געזאַנג און דאָ, ביי אונזערע שכנים, וויינט מען. אַלע מאָל, ווען ביי אונז אין שטוב ברעכט זיך פונאַנדער

אַ הויך געזאַנג, ווערט דאָ אַזאַ מין שטיל געוויין ווי אַ ווינט אין זאַוואָליער וואַלד, וועלכער שאַרכט זיך דורך דורך די געדיכטע ביימער. און באַלד, אַזוי ווי איך שטיי און וואונדער זיך, קומט צוגיין איינער אין אַ ברוין סאַמעטענער טענדע־ווערענדע מיט אויך אַזאַ ברוין סאַמעטענעם היטל מיט אַכט עקן און מיט אַ קנאָפּ אויפן שפּיץ היטל. ער האָט לאַנגע גרויע האָר, וואָס פאַלן אים אויף דער פּלייצע, און די באָרד זיינע איז אַזוי אַרומגעקיילעכט ווי אַ לאָפּעטע.

עס ווערט דאָ אויך פול די שטוב מיט זייערע מענטשן. שווערע שטיוול אָנגעשמירט מיט עפּעס אַזאַ מין געדיכטקייט פון וועלכער עס טראָגט זיך אַ שטיקנדיקער ריח. ביי די מאַנצבילן — בערד ווי לאָפּע־טעס, ברייטע פּליודערן, און די העמדער אַריבערגעוואָרפן איבער די הויזן, ברייטע לעדער־גאַרטלען אַרום זייערע לענדן, מיט מעשענע שפּראַנטשיקעס.

אָבער, ניין, מען טוט דעם קינד גאָר קיין שלעכטס ניט. פאַרקערט, מען דעקט עס איין מיט אַ ברעטל און מען הויבט אָן זינגען, פריער דער וואָס איז דער טענדע־ווערענדע, און דערנאָך אַלע נאָך אים.

און דערנאָך הויבט מען אויף פאַנען אין דער הויך און מען טראָגט אַרויס דאָס קעסטל אין דרויסן. און עס ווערט ליידיק די שטוב. טראַכט איך מיר, וואָס וועל איך דאָ בלייבן אין אַ ליידיקער שטוב? אַלעמאַי, וועל איך זיך אויך אַרויסכאַפּן אַ קוק טאָן, וואָס מען טוט מיטן קעס־טעלע. און אָט בין איך אין דרויסן און די קעלט גיט מיך אַ כאַפּ אַרום, אָבער איך שרעק זיך ניט. איך זע ווי מען שטעלט דאָס קעסטל אַרויף אויף אַ שליטן מיט צוויי פערד איינגעשפּאַנט. און באַלד גיט דער שליטן זיך אַ ריר פון אָרט. דער וואָס אין דער טענדע־ווערענדע גייט נאָך נאָכן שליטן און אַלע גייען נאָך אים מיט פאַנען.

דער שניי איז גרוי. די זון שיינט, אָבער עפּעס איז זי ניט די זעלבע זון וואָס אין זאַוואָליער וואַלד. זי איז אַ ביסל ווי פאַרשטעלט מיט אַ שלייער און עס איז עסערדיק קאַלט. אין דער הויך פליען אַרום וואָראָ־נעס און קראַקען.

זאָל איך נאָכלויפן נאָכן שליטן מיטן קעסטל? עס ווילט זיך מיר אַזוי שטאַרק נאָכלויפן. אָט זיינען זיי שוין וויט פון אונזער הויז. איך זע די פאַנען און איך הער זייער געזאַנג. און אַלע מאָל גיט אַ ברעך אויס אַ געוויין, ווי דאָס קרייען פון אַ סך העגער מיט אַמאָל. איך דער־פיל ווי איך ציטער פון קעלט און איך קער זיך אום צו אונז אין שטוב

אַריין. „מסתּמא וועט מען דאָס קינד אויך צוריקבּרענגען...” האָב איך געטראַכט.

ביי אונז אין שטוב איז געווען זייער פריילעך. די מאַנצבּילן האָבן גע־טאַנצט אַרום טיש זיך האַלטנדיק ביי די הענט. און איינער איז גע־שטאַנען אויפן טיש און געזונגען און געפּליעסקעט מיט די הענט: האָפּ! האָפּ! אַט אַזוי...

איך בּין הונגעריק און מיד אויף די פיס און וואו עס איז ערגעץ דאָ אַן אָרט, זיצן פרעמדע מענטשן געדיכט אָנגעזעצט און זינגען.

און מיר ווילט זיך אַזוי עסן אָדער כאָטש אַ טרונק וואַסער. און קיינער גיט מיר גאָרניט. אין שטוב שמעקט מיט האָניק־לעקעך, מיט געבּראָטנס, מיט וויין און בּראָנפן. עס איז אין דער לופט אָנגעררוי־כערט און פול מיט אַלערליי קולות.

די קולות פּלאָנטערן זיך איינס אין דאָס אַנדערע. איינס ציט אַהין און דאָס אַנדערע ציט אַהער. אין מיטן דערינען גיט זיך אַ קול אַ מיש אַריין און צעהאַקט די אַנדערע קולות ווי אויף צווייען. די פרויען לאַכן. דער פעטער אַבּרהם האָט דערלאַנגט איינער אַ גלעזל בּראָנפן, און יענע האָט ניט געוואָלט טרינקען. האָט ער דאָס גלעזל אויסגעגאָסן אויף איר סאַמעטן קלייד. און זי האָט פאַרבּראָכן מיט די הענט. און די איבּעריקע פרויען האָבן געלאַכט פון איר...

דער פעטער אַבּרהם איז געווען גאָר אַן אַנדערער. די אויגן זיינע האָבן געפינקלט און די רויטע באָרד זיינע איז געווען צעשויבּערט און דאָס היטל איז ביי אים געווען פאַררוקט אויף אַ זייט. און אַלע מאָל האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו אַן אַנדערער פרוי און נאָר געוואָלט, אַז יענע זאָל טרינקען פון זיין האַנט.

פאַרוואָס בּעט ער מיך ניט, אַז איך זאָל עפּעס נעמען צום עסן?

זיבעטער קאַפּיטל

מיין דריט ברודערל האָט געהייסן מרדכי. איך בין עס געוואויר געוואָרן נאָכן טומל אין שטוב, ווען די צוויי סאַרווערקעס זיינען אַוועק און אויך די „באָבע" פּרומע־זיסל. איך האָב זיך מחיה געווען, וואָס אונ־זער שטוב איז פּטור געוואָרן פון אָט דער בייזער „באָבע".

עס איז געוואָרן צוריק שטיל אין שטוב. און עס זיינען אַוועק טעג און נעכט רואיקע. אַבראַם האָט מיט מיר אַלע טאָג ווידער געלערנט און מערער דערציילט זיינע אָן אַ שיר לאַנגע מעשות: „זאָג איך צו אים"... „זאָגט ער צו מיר"...

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן נאָכצולאָזן דער שניי. איך האָב געקוקט דורך די פענצטער און געזען, ווי דער שניי ווערט שוואַרץ און ערטער־וויַיז זעט זיך שוין שטיקער ערד מיט געל־גרינלעך גראָז. מחנות גרויע, מיט פוכקע פעדערלעך באַדעקטע פייגעלעך זיינען געפלויגן פון דער ערד ביז צו אונזער דאַך מיט אַזוי פיל פרייד און געזאַנג.

איך האָב ביז דאַן נאָך ניט געוואוסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ יום־טוב ווי פּורים.

דער טאַטע האָט מיר געבראַכט אַ גראַגער און האָט מיר געוויזן ווי אַזוי מען דאַרף מיט אים דרייען, כדי ער זאָל גראַגערן.

איך האָב אים גענומען אין מיינע הענט און אים באַטראַכט פון אַלע זייטן און זיך געפרייט מיט אים. עס איז מיר געווען געפעלן. ערשטנס, וואָס ער האָט געבלישטשעט; צווייטנס, וואָס ער האָט געהאַט אַ רעדל מיט ציינדלעך; דריטנס, וואָס ער האָט געהאַט אַ צונג אַ לאַנגע, און פערטנס, וואָס דער גראַגער האָט עפּעס אין זיך געהאַט אַזאַ מין איינגעעקשנט־קייט, וואָס אַז מען האָט אים געדרייט אין דער לינקער זייט האָט ער גאָרניט געוואָלט גראַגערן, נאָר מען האָט אים געמוזט דרייען אויף דער רעכטער זייט און ערשט דעמאָלט האָט ער זיך צעגראַגערט.

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער דער גאַנצער שטוב און געגראַגערט. און ווער איז צו מיר געווען גלייך?

נאָר אָט איז געקומען דער אמתער יום־טוב פורים. די מאַמע האָט אָנגעצונדן ליכט און געדעקט דעם טיש מיט אַ ווייס טישטעך און אָנגעשטעלט אויפֿן טיש אַזוי פֿיל גוטע זאַכן. זי האָט אַ גאַנצע נאַכט געבאַקן אין קיך מיט פּאַראַסקען אָט די גוטע זאַכן.

און אָט באַקען איך זיך צום ערשטן מאָל מיט דעם „המן־טאַש“. די מאַמע גיט מיר איינעם. איך גיב אַ בייס און איך דערפֿיל אין מויל האָניק מיט פֿאַרפֿעלעך, מיט ניס. עס ליגן אין אַ גרויסן פּאָלימוסיק אַזוי פֿיל פֿון אָט די האָמן־טאַשן, איינער אויפֿן צווייטן אַזוי ווי אַ שטיבעלע.

און אָט גיט מיר די מאַמע אַ „מלכות־ברויטל“. עס איז קיילעכיק, פֿון אונטן שמאָל און פֿון אויבן ברייט, עס האָט אַ ברוין קעפּל און איבער דעם קעפּל איז אָנגעשאָטן מאָן פֿון אַלע קאָלירן: בלוי, רויט, געל.

און דאָס בעסטע קומט צום לעצט: די מאַמע האָט אַנידערגעשטעלט אין טעלער אַזוינע געפֿילטע פֿלאָדן וואָס זיי האָבן געהאַט צווייערליי דעקלעך. עס איז געווען צווישן זיי אַזוינע וואָס זיינען געווען קיילעכיק ווי אַ ראָד און אַזוינע וואָס זיינען געווען פֿיר־עקעכיק און אַנדערע, וועלכע זיינען געווען מיט אַכט שפּיצן אַרום און אַרום. די דעקלעך זיינען געווען ווייס און אויף זיי איז געווען אויסגעמאָלט צווייגלעך פֿון ביימער און הירשן מיט הערנער און אויף גאָר אַנדערע איז געשטאַנען אַ פֿייגעלע מיט אַ צווייג אין מויל.

אָט די זאַכן האָט די מאַמע גערופֿן „פֿלאָדן“. מילא, זאָל זיין פֿלאָדן. אָבער מיר ווילט זיך שוין פֿאַרזוכן אַ שטיקל. נאָר די מאַמע גיט ניט. וואַרט איך: וואָס וועט זיין דער סוף? דער טאַטע איז שטאַרק פֿריילעך. איך האָב אים נאָך אַזעלכן ניט געזען. עס אַרט אים ניט, וואָס איך גראַגער אים גלייך אין די אויערן אַריין. ער גיט אַלע מאָל צו מיר אַ געשריי: „המן!“, און איך גיב זיך אַ שטעל אַוועק און צי זיך אויס און גיב אַ גראַגער מיטן גראַגער. און אָט באַמערק איך ווי פּאַראַסקע האָט זיך פֿאַרפּוצט און אָנגעטאָן אירע שטיוול. די מאַמע האָט אַוועקגעלייגט אַ פֿלאָדן אויף אַ טאַץ און אַ פּאָר מלכות־ברויטלעך און עטלעכע המן־טאַשן און די טאַץ איינגעדעקט מיט אַ סערוועטל. און פּאַראַסקע איז אַוועקגעגאַנגען.

און באַלד איז געקומען צו גיין אַ פֿרעמדע פֿרוי מיט אַ גרויסער טאַץ איינגעדעקט מיט אַ סערוועטל און די פֿרעמדע פֿרוי זאָגט:

— מען שיקט אייך שלח־מנות!

— ווער שיקט? — פרעגט די מאַמע און גייט צו צו דער פרעמדער און נעמט צו ביי איר די טאַץ.

— די מומע אסתר און דער פעטער אברהם, — ענטפערט די פרוי שטיל.

אסתר און אַברהם!... — פרייט זיך די מאַמע און דעקט אָפּ די טאַץ און איך בין שוין לעבן איר. איך וויל אויך זען וואָס די מומע מיטן פעטער האָבן געשיקט. עס גיט זיך פאַר מיינע אויגן אַן אָנטפּלעק אַזוי פיל פאַרביקע זאַכן. דערהויפּט אַ קיילעכיקע זאַך וואָס איז ווי אַן עפּל און איז רויט ווי די זון. און איך גיב אָט די קיילעכיקע זאַך אַ כאַפּ אין די הענט און איך דערפיל ווי עס שמעקט עפּעס אַזוי גוט. איך לייג עס צו צו מיין פּנים און קאַטשע מיר אויס ביידע באַקן מיטן שטערן. און איך פיל ווי די רויטע הויט פון דעם דאָזיקן „עפּל" מיט זיינע טויזנטער חן־גריבלעך לאַשטשען זיך.

— דאָס איז אַן אַפּעלסין! — גיט דער טאַטע אַ זאָג־אויס דעם סוד. און ער גיט עפּעס געלט דער פרעמדער פרוי, און יענע גייט אַוועק מיט דער ליידיקער טאַץ.

מיין ברודער משה איז געזעסן אויפן דיל אין מיט פון שטוב. ער האָט נאָך ניט געקאָנט גיין. האָב איך זיך אָנגעבויגן און צו אים געטאָן אַ קאַטשע דעם אַפּעלסין. אָבער ער האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז.

און דערווייל האָט זיך די טיר געהאַלטן אין איין עפענען איינס נאָכן אַנדערן. אָט קומט צוריק פּאַראַסקע מיט דער ליידיקער טאַץ. זי איז פריילעך. זי לאַכט אין זיך אַריין. דער טאַטע דראָעט זי מיט אַ פינגער: „פּאַראַסקע, ווינציקער אַ לעק!..." זי לאַכט און אירע אויגן זיינען שוין זייער קליין, אַזוי ווי צוויי שפּילקעלעך.

פּאַראַסקע גייט אַוועק מיט אַ פולער טאַץ און באַלד באַווייזט זיך עמעצער אַנדערש מיט אַ פולער טאַץ. עס זיינען דאָ אַזוי פיל מתנות! דער טיש איז ניט געווען גרויס פאַר אַלע זאַכן. האָט מען געבראַכט נאָך אַ טיש און אים איינגעדעקט מיט אַ ווייס טישטעך.

אַבראַם דער פּאַטשט־שרייבער זיצט ביים טיש, אָבער ווער הערט איצט זיינע: „זאָג איך, זאָגט ער"... אָבער ער באַליידיקט זיך ניט און האַלט אין איין דערציילן זיינע לאַנגע מעשיות.

עס קומט צו גיין אַ איד אין אַ געל רעקל, וואָס איז לאַנג ביז צו זיינע שטיוול. עס איז דאָ בלאָטע אויף זיינע שטיוול. ער בלייבט שטיין ביי דער טיר. ער האָט ווי מורא אַריינצוגיין טיפער אין שטוב. ער טראָגט אַ קליין היטעלע מיט אַ קאַמיש קליין דאַשיקל. ביי אים פליען אַרום

צוויי פאות ווי צוויי פליגל. ער האָלט אין זיינע הענט אַ רויטע פּאַטשיילע, אין דער פּאַטשיילע איז איינגעוויקלט אַ קיילעכיקע זאַך.

— קומט נעענטער! — באַפעלט דער טאַטע דעם אידן. דער איד בלייבט אָבער שטיין דאָרט, וואו ער שטייט, ביי דער טיר. די מאַמע גייט צו צו אים. ער עפנט די פּאַטשיילע און איך דערזע, אַז ער האַלט דאָרט אַ גרינטשיק עפּעלע, אַ פאַרשמירטס, אַ קראַנקס.

— דאָס איז אונזער שמש, — זאָגט דער טאַטע אויס דעם סוד, — געבראַכט שלח־מנות... און דער טאַטע וואַרפט אַריין אין דער פּאַטשיילע עטלעכע מטבעות. און דער שמש גייט אַוועק מיט אַ שמייכעלע. מיך האָט עס גערירט ביז טרערן. אָבער איך האָב זיך ניט געקאָנט פאַרגינען לאַנג צו טראַכטן וועגן דעם, ווייל פּאַראַסקע איז באַלד אָנגעקומען און זי האָט געלאַכט אויפן קול. זי האָט פאַרגעסן צו רעדן אידיש:

— נעכאַי מאַמע מאַרדויע!... — האָט זי זיך געווישט די ליפּן און געלאַכט.

און באַלד איז געקומען צו גיין אַ פאַרשעמט מיידל איינגעוויקלט אין אַ שאַל. זי האָט געבראַכט אַ קליין טעלערל איינגעוויקלט אין אַ פּאַטשיילע. זי האָט מורא געהאַט אויפצוהויבן אירע אויגן.

— ביזט דעם רבס טאָכטער? — האָט דער טאַטע זי געפרעגט.

זי האָט קוים אַ פּישטשע געטאָן: — יאָ...

און דער טאַטע האָט געגעבן דער מאַמען אַ זילבערן קערבל, און די מאַמע האָט אויפגעעפנט די פּאַטשיילע און דאָרטן איז געלעגן אַ קיי־לעכיק שטיקל פלאָדן. נאָר די מאַמע האָט עס ניט גענומען, נאָר פאַר־קערט, נאָך צוגעלייגט פון טיש פון אַלע גוטע זאַכן און אויך דאָס זיל־בערנע קערבל, און צוריק איינגעדעקט דאָס טעלערל. און דאָס מיידל איז אַוועקגעגאַנגען שטיל און פּישטשענדיק ווי אַ קראַנק פייגעלע.

היינט אויף דער נאַכט איז פּאַראַסקע אויך געזעסן מיט אונז אַלע ביים טיש. און דאָס איז ביי מיר געווען די גרעסטע שמחה. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס עסן.

די מאַמע האָט אָפּגעבאַקן אַ דריי־גאָרנדיקן קוילעטש. און אַז דער טאַטע האָט אים צעשניטן האָט דער קוילעטש זיך צעשמעקט איבער גאַנצן הויז, ווייל ער איז געווען אינעווייניק געל, ניט ווי די געוויינלעכע ווייסע קוילעטשן פון אַלע שבת. אַז איך האָב פאַרזוכט אַ שטיקל קוילעטש, האָב איך געפילט, אַז עס צעגייט זיך אין יעדן אבר. און ווען מיר האָבן געהאַלטן אין מיטן עסן און דער טאַטע האָט זיך אַזוי אויפגעפירט ווי קיינמאָל ניט פריער, ווי צום ביישפּיל, אַז ער זאָל קנייפּן דער מאַמען

אין באַק פאַר איטלעכן אין די אויגן... און אין מיטן עסן פון דער יויך זאָל ער צו מיר געבן אַ געשריי:

— אַ־נו, אַזי, גיב נאָר אַ גראַגער!

און איך האָב אים געפאָלגט און געטאָן אַ גראַגער אַבראַמען דעם שרייבער אין אויער אַריין...

איז, אָט פונקט אין יענער מינוט גיט זיך אָן עפן די טיר ברייט און עס גיבן אַ וואַקס אויס אַ גאַנצער בינט מיט פאַרשטעלטע מענטשן און אידער וואָס־ווען הויבן זיי אָן צו שפּילן און צו זינגען.

אַכטער קאַפּיטל

נאָך פּורים האָט אָנגעהויבן צו ווערן וואַרעמער אין דרויסן און דער שניי איז אין גאַנצן צעלאָזט געוואָרן, און מען האָט מיך אַרויסגעלאָזט דורך דער קיכן־טיר אין הויף אַריין.

איך האָב געהערט ווי דער טאַטע האָט געזאָגט צו דער מאַמען, אַז זי זאָל ניט לאָזן די קינדער דורך דער פאָדערשטער טיר.

פאַר וואָס ניט דורך דער פאָדערשטער טיר, האָב איך ניט גע־וואוסט. סיי ווי בין איך אויך געווען צופרידן, וואָס מען האָט מיך נאָך אַזאַ לאַנגן ווינטער אַרויסגעלאָזט דורך דער קיכן־טיר.

פאַר מײַנע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרויסער פיר־עקעכיקער הויף מיט אַ געמויערטער וואַנט פון שטיינער. אַקעגן איבער אונזער הויז, אין דער גאַנצער לענג, איז געווען אַ שטאַל, אויך אַ געמויערטע פון שטיינער און מיט אַ הויכן דאַך פון שינדלען. אין דער פאָדערשטער וואַנט פון שטאַל — לאַנגע, שמאָלע פענצטער און ברייטע טירן.

און פון ביידע זײַטן הויף — קאַמערן, גרעסערע און קלענערע, צוויי־גאָרנדיקע מיט הילצערנע טרעפּ און איין־גאָרנדיקע אָן טרעפּ.

אין דער מיט פון הויף איז געווען עפּעס אַזאַ מאָדנע זאַך, וואָס איך האָב נאָך פריער ניט געזען. עס שטייט אַ הויכער סלופּ מיט צוויי הערנער. און צווישן די דאָזיקע הערנער הוידעט זיך נאָך אַ סלופּ, וואָס ביי אים איז אין איין זײַט צוגעבונדן אַ שווערער שטיין און האַלט אים, דעם סלופּ, פון איין זײַט נידעריק ביז דער ערד און דערפאַר איז אָבער די צווייטע זײַט פון סלופּ פאַרריסן ביז צום הימל און עס איז צו אָט דעם עק צוגעבונדן אַ קייט מיט אַן עמער.

איז עס ניט קיין וואונדערלעכע זאַך ?

ווען איך בין צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן וואָס דאָס איז, האָב איך דאָרטן געטראָפן אַ קליין מיידעלע מיט פלאַקסענע האָר. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ הויל העמדל פון גראָבן, קויטיקן לייוונט. זי איז געווען באָרוועס און זי האָט אויף מיר געקוקט מיט אירע גרין־בלויע אויגן און אירע גרויסע ווייס האָבן געפינטלט, ווי זי וואָלט זיך געקליבן זיך צו צעלאַכן.

אָבער זי האָט ניט געלאַכט, נאָר אַריינגענומען אַ פינגער אין איר מויל. איך האָב זי באַטראַכט און זי באַלד דערקענט, אַז זי איז אַ קינד פון אונזערע שכנים, די יאַמשטשיקעס. זי האָט געהאַט זייער אַ קליין פּנימל און אין אירע אויערן־לעפּלעך זיינען געווען דורכגענומען צוויי באַנ־וועלעך מיט קנופּן. אויף איר האַלז איז געווען אַ שטריקל מיט אַ געל בלעכל. איך בין צו איר צוגעגאַנגען און געוואָלט אָנקוקן דאָס בלעכל וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר האַלז.

זי האָט מיר געטאָן אַ שטופּ אַוועק פון זיך, און איך בין צוגעלאָפן צו אַ קיילעכיקן שטיין וועלכער איז דאָ געלעגן.

מילא, זי וויל זיך ניט שפּילן מיט מיר, וועל איך זיך זעצן אויפן שטיין.

זיץ איך אויפן שטיין און זי שטייט פון דער וייטנס און האַלט ווידער אַ פינגער אין מויל.

די זון שיינט שטאַרק און איך פאַרזשמורע מיינע אויגן, כדי איך זאָל קאָנען קוקן צום הימל. עס לויפן כמאַרעס און איך זע דאָרטן אויבן, ווי עס יאָגן קי מיט הערנער און קעלבלעך און פייגל אַלערליי.

איך דערהער פּלוצים שווערע טריט אָפּקלינגען אין דער ערד. איך דערשרעק זיך און גיב אַ קוק ווי עס גייט גלייך צו מיר אַ יונג אַ הויכער און ער פירט נאָך זיך צוויי גרויסע, רויט שיינענדיקע פערד. איך קריך אַראָפּ פון שטיין און שטעל זיך אַוועק אין אַ זייט. לעבן מיר וואַקסט ווידער אויס דאָס מיידעלע און זי נעמט מיך אָן ביי דער האַנט. מיט איר אין איינעם זיץ איך שוין זיכערער.

איך באַטראַכט דעם בחור. ער איז שטאַרק און גרויס. ער האָט לאַנגע, שוואַרצע האָר, וועלכע זיינען אַרומגעשוירן אין אַ היטשקע אויף זיין האַלז. אַז ער גיט אַ דריי מיטן קאָפּ גיט די היטשקע זיך אַ וואָרף און פאַלט צוריק אויף זיין האַלז. ער טראָגט הויכע שטיוול מיט פעלדעלעך און קנייטשן אַרום און אַרום. זיינע הויזן ברייט ווי צוויי קליידלעך און אַריינגעלאָזט אין די שטיוול. ער האָט הויכע אָפּצאַסן אויף די שטיוול מיט אייזנדלעך אונטערגעקאָוועט, פּונקט ווי די צוויי פערד זיינען אויך אונטערגעקאָוועט מיט אייזן.

איך האָב שוין פריער געזען פערד, ווען מיר זיינען געפאָרן פון זאַוואַסיעלער וואַלד אַהער קיין ליפּקאַן. אָבער אַזוינע גרויסע פערד, וואָס זאָלן אַזוי גלאַנצן אַקעגן דער זון און זאָלן זיין אַזוי פעט און רונד און מיט אַזוינע אָפּגעטאַקטע פיס, שווערע און ברייטביייניקע, האָב איך

געזען צום ערשטן מאָל. מיר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי ציטערן מיט זייער הויט פון פרייד, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעפירט אין דרויסן.

איך האָב זיך אויך דערפרייט און אַזש פאַרקלעמט דעם מיידעלעס האַנט אין מיינער. איך האָב צו איר געטאָן אַ פריילעכן קוק און זי האָט צו מיר געשמייכלט.

איך האָב נאָך ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס דאָזיקע מיידעלע הייסט. ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז זי הייסט קאַסינקאַ, און אַז זי איז אַ שוועסטערל פון אַט דעם יונג, וואָס פירט איצט די צוויי שיינע, רויטע פערד, און אַז דער יונג הייסט מישקאַ, און אַז ער מיט קאַסינקאַן זיינען די קינדער פון דעם יאַמשטשיק דאָבראָוואָלסקי, וואָס איז ביי מיין טאַטן געווען דער הויפּט־יאַמשטשיק איבער אַלע פערד.

דערווייל אָבער האָב איך נאָך ניט געוואוסט דעם מיידלעס נאָמען און ניט איר יחוס. איך האָב זיך גוט צוגעקוקט, ווי אַזוי דער יונג מישקאַ פירט די פערד צו צום קיילעכיקן שטיין.

וואָס קלייבט ער זיך טאָן דאָ ביים שטיין?

איך קוק זיך איבער מיט קאַסינקאַן. מיר גיבן ביידע אַ ציי מיט אונזער אַקסל. זי גיט אין דער הויך אַ לאַך און איך אויך.

מישקאַ גיט צו אונז אַ וואונק מיטן פינגער, אַז מיר זאָלן צוקומען.

דער אמת איז, אַז איך וואָלט ניט צוגעגאַנגען, ווען ניט דאָס מיי־דעלע. זי האָט מיך געטאָן אַ ציי און איך בין איר נאָכגעגאַנגען. איך האָב אַביסל מורא געהאַט. דער יונג איז גרויס און די צוויי פערד וואָליען אויף מיר די אויגן!... נאָר קאַסינקאַ האָט מיך געטאָן אַ ציי און איך בין איר נאָכגעגאַנגען.

און וואָס לאָזט זיך אויס?

מישקאַ גיט מיר אין דער האַנט אַריין אַ שטריק מיט אַ פערד און קאַסינקאַן אַ שטריק מיט אַ פערד.

וואָס־זשע האָב איך געזאָלט טאָן? ניט נעמען?

איך האָב גענומען דעם שטריק אין מיינע הענט, און עס האָט מיר אַזש געשפּרונגען דאָס האַרץ פון פרייד און פון שרעק.

איך האָב זיך איבערגעקוקט מיט קאַסינקאַן. גיי, רעד מיט איר, אַז איך קאָן ניט! עס האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון, און איך האָב נאָר געקאָנט דרייען, טיף אין מיין מויל מיט דער צונג. וואָרעם ווער איז געווען גלייך מיט מיר? איך האַלט אין מיינע הענט דעם שטריק, און צום

שטריק איז צוגעבונדן אַ פערד, וועלכער שטייט מיט צוויי צעשפּאַרטע, פאַדערשטע פיס אין דער ברייט און האַלט אַ גרויסן קאָפּ איבער מיר מיט צוויי האַריקע ליפּן און מיט לאַנגע ציין און ער באַלעקט זיך מיט דער צונג, און קוקט מיך אָן, אַזוי אַ, פון אַ זייט מיט איין אויג, און ער דרייט אויס זיין קאָפּ און קוקט מיך אָן מיטן אויג וואָס ער האָט אויף דער צווייטער זייט פּנים. איך כאַפּ אַ בליק צו קאַסינקאַן — זי שמייכלט מיט איר געלבלעכן פּנימל. איך וואָלט צו איר עפּעס געזאָגט, נאָר איך מוז היטן יעדן קער פון דעם פערד.

פונדעסטוועגן וואָלט זיך מיר זייער וועלן, אַז עס זאָל געדויערן אַזוי לאַנג ווי נאָר מעגלעך. עס ווילט זיך מיר אַזוי־אַ האַלטן דאָס פערד און ניט אָפּלאָזן פון מיינע הענט. דערווייל איז מישקאַ צוגעגאַנגען צום קיילעכיקן שטיין און אים געטאָן אַ קאַטשע אַראָפּ. וואָס איז דאָס? וואָס זע איך דאָ?

עס איז דאָ נאָך אַ שטיין מיט אַ קיילעכיקן לאָך אין אים.

אַ נייע זאַך! איך וויל טאָן אַ קוק און קאָן ניט. אָט גיב איך זיך אַ ריר, און דאָס פערד וועט מיך נאָך צעטרעטן מיט זיינע גרויסע פיס.

מישקאַ נעמט אָן די קייט מיטן עמער און לאָזט זי אַראָפּ אין דער טיף. ער בויגט זיך איין, און באַלד באַוויזט זיך דער עמער מיט דער קייט צוריק. און פון דעם עמער רינט פון אַלע זייטן וואַסער־טראָפּנס און זיי פאַלן צוריק אין דער טיף, און איך קאָן הערן ווי זיי קלינגען אָפּ אין דער טיף, ווען זיי פאַלן דאָרטן אַראָפּ.

ביידע פערד גיבן זיך אַ ריס צום עמער מיטן וואַסער. איך אַליין וואָלט אויך געוואָלט טרינקען פונם עמער. איך בין אַזוי דאַרשטיק, און דאָס וואַסער שמעקט אַזוי גוט.

מישקאַ גיט אַ געשריי אויף די פערד. זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא פאַר זיין קול. אָבער ווען ער שטעלט אַוועק דעם עמער אויף דער ערד, גיבן ביידע פערד אַ שטעק אַריין זייערע צוויי קעפּ אין עמער אַריין.

מישקאַ שרייט ווידער אָן אויף זיי, אָבער זיי הערן אים ניט. גייט ער צו און גיט איינעם פון זיי אַ פּאַטש מיט דער האַנט. און דאָס פערד כאַפּט אַוועק דעם קאָפּ פונם עמער.

פאַרוואָס שלאָגט ער דאָס פערד? — האָב איך זיך געוואונדערט.

ער האָט ביי אונז, נאָכדעם ווי ער האָט זיי אָנגעטרונקען, צוגע־נומען די פערד און זיי צוריק אַריינגעפירט אין שטאַל אַריין.

איך בין צוגעגאַנגען צום שטיין מיטן קייל̄עכיקן ל̄אָך און זיך אָנגעבויגן. עס האָט זיך פאַר מיר אויפגעעפנט אַ טיפקייט ביז העט אַראָפּ, אַז עס האָט זיך מיר שיר ניט פאַרדרייט דער קאָפּ. איך האָב געטאָן אַ געשריי פון גרויס איבעראַשונג. און מיין קול̄ האָט זיך אָפּגעשל̄אָגן העט אין דער טיפעניש, וואו עס האָט עפּעס ווי געבל̄ישטשעט, אַזוי ווי דאָס שוואַרצאַפּל̄ אין מיין טאַטנס אויגן.

קאַסינקאַ האָט זיך אויך אָנגעבויגן און אַראָפּגעקוקט אין דער טיפעניש. און מיר האָבן ביידע געשריען אין דער טיפעניש, און פון דאָרטן איז געקומען אַן ענטפער.

נײַנטער קאַפּיטל

איך מיט קאַסינקאַן זײַנען שוין ניט אָפּגעטראָטן אײנס פֿון דאָס אַנדערע. כאָטש זי האָט גערעדט װי מען רעדט בײַ זײ און איך האָב גערעדט װי מען רעדט בײַ אונדז, האָבן מיר זיך פֿאַרשטאַנען, און די מאַמע האָט מיך געלאָזט זיך מיט איר שפּילן.

איר פֿאָטער, דער יאַמשטשיק (פֿורמאַן) דאָבראָװאָלסקי, איז געװען דער הױפּט־יאַמשטשיק אין אונדזער שטאָל. ער איז געװען אַ הױכער, אַז װען ער האָט געדאַרפֿט אַרײַנגײן צו אונדז אין שטוב, האָט ער זיך אײַנגעבויגן. ער איז געװען ברײט און הויך, מיט אַ רויט פּנים און מיט אַ שװאַרצער באָרד, אַ ברײטער װי אַ בעזעם. און צו דערצו האָט ער נאָך געטראָגן אַ לאַנגע קוטשמע מיט אַ שפּיץ און שטיװל מיט הויכע אָפּצאָסן. אַז ער האָט געטאָן אַ זאָג אַרויס אַ װאָרט, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער מאַכט אַ לאָך אין סטעליע מיט זײַן קול. ער איז געװען אַ יחסן בײַ אונדז אין שטוב. מײַן טאַטע פֿלעגט זיך מיט אים גאָר איבערנעמען און אים אַלע מאָל געבעטן זיך צו זעצן בײַם טיש און ער פֿלעגט מיט אים זיצן און שמועסן און מיט אים זיך באַראָטן װאָס צו טאָן. דאָבראָװאָלסקי האָט געטראָגן ברײטע פּלודערן און אַ לעדערנעם גאַרטל מיט בײַטעלעך. אין די דאָזיקע בײַטעלעך האָט ער געהאַט אַלערלײ מעסערלעך און צװענגלעך. און איך האָב ליב געהאַט אַרויפֿצוקריכן אויף זײַנע קני און אַרויסנעמען פֿון די בײַטעלעך די מעסערלעך, אָדער זײַן גרויסן זײגער, דעם געלן, װאָס איז געװען צוגעשפּיליעט צום גאַרטל מיט אַ רימענדל. דערהויפּט האָב איך ליב געהאַט אײן מעסערל, װאָס האָט געהאַט אַ סך קלינגלעך. ניט גלאַט אַזױ קלינגלעך, װאָס יעדעס מעסערל פֿאַרמאָגט, נאָר די דאָזיקע קלינגלעך האָבן געהאַט צײן. עס איז געװען אַ קלינגל מיט אײן גרויסן צאָן און עס איז געװען אַ קלינגל, װאָס האָט געהאַט גאַנצע דרײַ צײן. איך האָב שפּעטער אויסגעפֿונען, װאָס ער טוט מיט אָט די קלינגלעך מיט די צײן. נאָר דערװײַל איז עס מיר גלאַט אַזױ געפֿעלן. און דאָבראָװאָלסקי האָט מיך געלאָזן זיך שפּילן מיט אָט די אַלע זאַכן, בשעת ער האָט גערעדט מיט מײַן טאַטן.

איז ווייל ער איז געווען אזאַ יחסן ביי אונז אין שטוב, האָט מיך די מאַמע געלאָזט זיך שפּילן מיט זיין מיידעלע קאַסינקאַ. איך האָב זי אפילו געמעגט אַריינברענגען צו אונז אין שטוב, און די מאַמע האָט איר געגעבן אַ קיכעלע אָדער אַ ביסל צימעס. נאָר אַזוי ווי אין דרויסן איז געוואָרן אַלץ וואַרעמער און שענער, האָב איך מיך מיט איר בעסער געשפּילט אין דרויסן.

מיר זיינען געגאַנגען אַ קוק טאָן אויף דער שטאַל מיט פערד.

זי גייט פריער און איך גיי נאָך, ווייל איך האָב אַ ביסל מורא. און אָט זיינען מיר שוין אינעווייניק אין שטאַל. עס פאַרגייט מיר אין דער נאָז אַ שטאַרקער ריח און איך וויל ניסן. עס איז דאָרטן אַ ביסל פינצטער. נאָר באַלד גיט מיר אַ זעץ אין די אויגן אַ ליכטיקייט. עס גיט אַ גלאַנץ פאַר די אויגן אַ גאַנצע שורה מיט פערד אַלערליי: רויטע, ווייסע, גראָע, שוואַרצע און געפּינטלטע.

זיי שטייען אַלע אין איין שורה מיט די קעפּ צו דער וואַנט. זייערע פנימער זיינען אַריינגעגראָבן אין לייטערס פול מיט היי. זיי נעמען אָן פולע מיילער מיט היי און קייען מיטאַמאָל אויף אַ קול.

זיי פירקען מיט די נעזער, ווי זיי וואָלטן אויך ניסן פון דעם שאַרפן ריח, וואָס פילט זיך דאָ. פון די שווערע באַלקנס הענגען לעמטערנס, לאַנגע, קויטיקע. עס הענגט אויך אַ טויטע וואַראָנע מיטן קאָפּ אַראָפּ אויף אַ שטריקל פונם באַלקן.

מישקאַ, קאַסינקאַס ברודער, קעמט די פערד מיט אַן אייזערנעם קעמל. בשעת ער טוט עס גייט אויף פונעם פערד אַ שטויב. דאָס פערד בויגט זיך איין, ווי עס וואָלט אים וויי געטאָן פון דעם שטאַרקן קעמען און פון די אייזערנע ציין פונם קעמל. אָבער מישקאַ שרייט אָן אויף די פערד און רייבט מיטן קעמל איבער זיין קריזש אַהין און צוריק.

און וויפיל פערד מיין טאַטע פאַרמאָגט! מיר ווערט אַזש גוט דערפון. און איך האָב שוין ניט מורא דאָ צו שטיין. איך צייל זיי איבער און איך גיי אַזוי דורך דער לענג פון שטאַל און דערזע עפּעס אַ מאָדנע באַשעפעניש.

איך דערשרעק זיך ווידער. אָבער קאַסינקאַ דערקלערט מיר, אַז דאָס איז אַ באַראַן.

— אַ באַראַן? — פרעג איך איבער נאָך אַ מאָל, כדי צו פאַרטויבן מיין שרעק. איך שטיי פון דערווייטנס און באַטראַכט דאָס מאָדנע באַ־

שעפּעניש, וואָס איז צוגעבונדן אויף אַ שטריק. איך טראַכט, אַז עס איז אַ גליק, וואָס דאָס באַשעפּעניש, דער באַראַן, איז צוגעבונדן, אַניט וואָלט ער אונז ווער ווייסט וואָס געטאָן. ער איז געשטאַנען דאָרטן אין ווינקל מיט צוויי פּאַרדרייטע הערנער אויף זיין קאָפּ. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פעל פון סאַמע קרייזעלעך. די געקרייזלטע האָר זיינען אויף אים געהאַנגען ווי קליינע גלעקעלעך. ער איז געווען גראָ און האָט געהאַט אַ נאַרישן קאָפּ מיט צוויי ברענענדיקע אויגן. די פּאַרדרייטע הערנער האָבן אים פאַרשטעלט די אויגן. און ער האָט געדרייט דעם קאָפּ זיינעם און געוואָלט אונז גוט אָנקוקן.

מיר, איך און קאָסינקאָ, האָבן אויפגעהויבן צו איינציקע שטרויעלעך פון דער ערד און זיך געלאָזט אויף דעם באַראַן. ער האָט זיך געריסן פונם שטריק און זיך אַזש געהויבן אויף זיינע פאָדערשטע פיס. אָבער דער שטריק האָט אים ניט געלאָזט אונז שלעכטס טאָן. מיר האָבן גע־שטופּט די שטרוי צו אים אין פּנים, און ער האָט אָנגעבויגן זיין נאַרישן קאָפּ און מיט די פּאַרדרייטע הערנער געטאָן אַ שטויס אָפּ די שטרויעלעך.

מיר האָבן געלאַכט פון אים.

און מישקאָ איז צוגעקומען צום באַראַן און אים געטאָן אַ שנעל אין דער נאָז מיטן פערד־קאַמל און מיר האָבן זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט.

דערנאָך האָט מיך מישקאָ אַרויפגעזעצט רייטנדיק אויף אַ פערד. ער האָט מיך געזעצט מיטן פּנים צו דער קאָדע פונם פערד. איך האָב זיך געפרייט און זיך געגליטשט אויפן פערד. מיינע פיס זיינען געווען צו קליין, אַז איך זאָל קאָנען זיצן אויף דעם ברייט־ביינינקן פערד. און דער קריזש פונם פערד איז געווען אַזוי גלאַט און איך האָב זיך שיר ניט אַראָפּגעגליטשט.

מישקאָ האָט אויך קאָסינקאָן אַרויפגעזעצט רייטנדיק.

און דערנאָך האָט ער אונז געהייסן גיין. און מיר זיינען אַרויס אין דרויסן.

און ביים הויז איז דער טאַטע מיינער געשטאַנען און זיך געבויגן און געשלאָגן עפּעס מיט אַ שטעקן אויף דער ערד.

מיר האָבן זיך געלאָזט לויפן צו דער שטוב. אין דער האַלב־פאַר־טריקנטער בלאָטע זיינען געווען טיפע טריט פון מענטשלעכע און פער־דישע פיס. מיר האָבן געשפּרונגען אין אָט די טריט. און אַז מיר זיינען

צוגעקומען צו דער שטוב, האָבן מיר געזען, ווי עס ליגט פאַרשפּרייט אַ ווערעטע אויף דער ערד און אויף דער ווערעטע ליגן סנאָפּעס שטרוי.

דער טאַטע איז געשטאַנען איבער די סנאָפּעס מיט צוויי שטעקענעס, וואָס זיינען געווען צונויפגעטשעפּעט איינס צו דאָס אַנדערע מיט אַ רימענדל. ער האָט זיך אַלע מאָל אויסגעבויגן און געטאָן אַ שלאָג די סנאָפּעס מיט דעם שטעקן, פריער אויפהויבנדיק אים הויך איבערן קאָפּ און דערנאָך געטאָן אַ געשריי: האָפּ! און טראַך אויף די סנאָפּעס, אַזש עס איז פון זיי געפלויגן אין אַלע זייטן שטיקלעך האַרטע, אַזוי ווי רייז.

— קאַסינקאַ! — האָט דער טאַטע אָנגעשריגן אויף דעם מיידעלע — אַוועק פון דאַנען!

איך האָב דערהערט, אַז דער טאַטע טרייבט קאַסינקאַן, בין איך אויך געבליבן שטיין פון דער ווייטנס.

— דו, קינד, קום אַהער! — האָט דער טאַטע צו מיר געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגערוט אַביסל און אָפּגעווישט דעם שטערן.

גיי איך צו. מיר ווילט זיך וויסן וואָס דאָ איז. איך האָב נאָך פריער ניט געזען, אַז דער טאַטע מיינער זאָל קלאַפּן מיט אַ שטעקן סנאָפּעס. און חוץ דעם האָב איך געוואָלט וויסן, וואָס עס וועט ווערן פון אָט די סנאָפּעס.

קאַסינקאַ האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. איך בין צוגעגאַנגען און דער טאַטע האָט צו מיר געזאָגט: — קינד! פּסח קומט, און דאָס איז ווייץ.

הער איך, אַז עס איז ווייץ. איך בויג זיך איין און זע, אַז אויף דער ווערעטע ליגן שוין אַ סך קערנדלעך מיט ווייץ.

— עס איז שמורה־ווייץ... דערקלערט מיר מיין טאַטע. — איך וועל באַקן מצות דערפון...

הער איך אויס און עס געפעלט מיר די גאַנצע זאַך. אָבער פאַר וואָס טאָר קאַסינקאַ ניט צוקומען? זאָל זי אויך זען, וואָס עס איז ווייץ און פון וואָס מען מאַכט מצות.

אָבער דער טאַטע מיינער לאָזט מיך ניט טראַכטן, ער ראַזמאַכעוועט זיך מיט דעם שטעקן און גיט אַ זעץ איבער די סנאָפּעס, אַזש זיי שפּרינגען אונטער.

איך קאָן ניט צוזען דעם צער פון קאַסינקאַן און איך גיי צו צו איר און זאָג איר, וואָס דער טאַטע טוט. און מיר ביידע זעצן זיך אַוועק אויף

אַ טרוקענעם אָרט און קוקן פון דער ווייטנס, ווי אַזוי דער טאַטע מיינער קלאַפּט אויס די סנאָפּעס, ביז עס בלייבט פון זיי ניט איבער קיין גאַנצע שטרוי.

דערנאָך האָט ער אַנידערגעלייגט נאָך אַ ווערעטע אויף דער ערד און זיך אַנידערגעשטעלט מיט אַן עמער און געשאָטן פונם עמער דאָס צעקלאַפּטע שטרוי, און דער ווינט האָט אויפגעכאַפּט דאָס שטרוי און עס צעטראָגן אַוועק ווייט, ווייט. אויף דער נייער ווערעטע זיינען גע־בליבן ליגן ברוינע קערנדלעך ווייץ.

צענטער קאַפּיטל

פונם ווייץ איז געוואָרן מעל און פונם מעל איז געוואָרן מצות. און בײַ אונז אין שטוב האָט מען זיך געגרייט צו אַ נייעם יום־טוב.

עס זיינען געווען ליכטיקע טעג, גרויסע, און איך האָב גראָד הנאה געהאַט, וואָס מען האָט אַלע טאָג אַרויסגעטראָגן אַלץ פון שטוב לופטערן אויף דער זון. די שטוב האָט מען געווייסט מיט קאַלך און עס האָט זיך געטאָן אַן איבערקערעניש. עס האָבן געאַרבעט די מאַמע, דער טאַטע, פּאַראַסקע, אַבראַם און ווער עס האָט נאָר געקענט.

כדי איך זאָל זיך ניט פּלאָנטערן אונטער די פיס, האָט מיר דער טאַטע אויך געגעבן אַן אַרבעט. ער האָט אַרויסגעבראַכט אַלע זיינע ספרים און זיי אויסגעלייגט אויף אַ לאַנגער באַנק און מיר געהייסן, זיי עפענען און אויסלופטערן אויף דער זון.

איך האָב עס געטאָן מיט גרויס פרייד. איך האָב יעדעס בלעטל פון די קליינע און גרעסערע ספרים דורכגעמישט. ליב געהאַט האָב איך בעסער גאָר קליינטשיקע ביכעלעך מיט די קליינע טאָוועלעך, מיט זייערע גרינלעך־געלינקע בלעטעלעך, וואָס אַז איך האָב זיי געהאַלטן קעגן דער זון, האָב איך געזען דורך זיי דורכלויפן אַזוינע וואַסערדיקע פּאַסן.

דער טאַטע האָט מיר געגעבן אַ באַרשט און מיר געוויזן, ווי אַזוי איך זאָל אויסבערשטן די ספרים. איך האָב שוין געקענט דעם אַלף־בית, און וואָס עס איז אַ קאָמעץ, אַ צירה אָדער אַ סגל האָב איך שוין אויך געוואוסט. האָב איך, בשעת מיין אַרבעט פון רייניקן די ספרים, אָפּט געכאַפּט אַ קוק אין די אותיות, און אַז איך האָב געפונען דאָס, וואָס איך האָב געקאַנט, האָב איך זיך געפרייט.

און אָט זיינען שוין אויסגעווייסט די צימערן. די ווענט זיינען ווייסער פון ווייס, די סטעליעס זיינען אַ ביסל בלוילעך. די פענצטער בלישטשען פון ריינקייט. די פּאָדלאָגעס זיינען ריין און פאַרשפּרייט מיט סטעזשקעס. און פּלוצים גיט אַ פאָר־אָן אַ פאַיעטאָן מיט פיר פערד און מיט אַ גלאָק. מיר האָבן דעמאָלט געגעסן אָנבייסן. אַבראַם האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס אַ קוק טאָן, ווער עס איז געקומען.

און באַלד קומט אַבראַם צולויפן אַ בלאַסער און אָן אַן אָטעם:

— דער נאַטשאַלניק אַקרוגאַ!

— דער נאַטשאַלניק אַקרוגאַ?! — דערשרעקט זיך דער טאַטע און הויבט זיך אויף פון טיש. ער בלייבט שטיין אַ ביסל און זאָגט צו דער מאַמען:

— גיי דו אַרויס צו אים.

— ער וויל איך, ר׳ חיים.

— האָסט ניט געקאָנט זאָגן, אַז איך בין נישטאָ אין דער היים?

— פאַרפאַלן, איך האָב געזאָגט, אַז איר זענט אין דער היים, — זאָגט אַבראַם.

איז דער טאַטע אַרויסגעגאַנגען — ניין, אַרויסגעלאָפן.

די מאַמע האָט מיר געהייסן זיין שטיל, און מיין ברודערל משהן אויך. נאָר דאָס קליינע קינד, מרדכהלע, האָט ניט געוואָלט פאָלגן. די מאַמע האָט אים געהאַלטן אויף די הענט, און ער האָט דווקא געוואָלט וויינען.

ווער איז ער, דער, וואָס איז אָנגעקומען, און פאַרוואָס איז מען אַזוי דערשראָקן געוואָרן?

עס איז געווען אַזוי גוט דאָ אין שטוב ביי אונז. און דער, וואָס איז אָנגעקומען, האָט אַלץ קאַליע געמאַכט.

פלוצים האָט זיך דערהערט אַ קול זיך טראָגן איבער אַלע צימערן:

— כאַזאַיקאַ! כאַזאַיקאַ! (באַלעבאָסטע).

די מאַמע איז געוואָרן רויט און בלאַס. זי האָט שוין אַפּנים פאַר־שטאַנען וואָס דאָ איז. זי האָט גיך אָוועקגעגעבן דאָס קינד פאַראַסקאַן און האָט אין דער גיך באַהאַלטן אירע האָר אונטער דער פאַטשיילע.

און דעמאָלט האָט זיך די טיר געעפנט און אויף דער שוועל איז אויסגעוואַקסן אַ נידעריקער פאַרשוין מיט אַ גראָבן בויך און מיט גאָל־דענע קנעפּ אויף זיין ראָק, מיט אַ שווערד, וואָס האָט זיך געבאַמבלט אויף אַ גלינצערדיקן רימען. ער האָט געטראָגן בלישטשנדיקע שטיוול מיט שפּאָרן מיט צוינערדיקע רעדעלעך ביי די אָפּצאָסן. זיין היטל — אַ הויכס מיט אַ גלינצערדיקן דאַשעק און מיט אַ רויטער ליענטע אַרום און אַרום. זיין פּנים — גלאַט, פאַרגאָסן מיט אַ גוידער און מיט צוויי פאַרדרייטע וואָנצעס, ווי די הערנער ביי אונזער באַראַן.

ער האָט געטאָן אַ הויב־אָפּ זײַן היטל און געטאָן אַ געשרײ:

— כאַזאַיקאַ!

די מאַמע האָט זיך געפּרוּװט באַהאַלטן און באַשיצן מיט אירע דינע הענט. זי איז געשטאַנען פֿון װײַטנס און איז געװען בלאַס װי די װענט אין שטוב.

איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרװאָס מען האָט אַזױ מורא פֿאַר אים. און װער איז ער?

— כאַזאַיקאַ — אומניצאַ!... (באַלעבאָסטע איז אַ קלוגע!) — האָט ער געזאָגט מיט אַ בײַכיק, גראָב קול.

די מאַמע איז געשטאַנען און זיך נאָך אַלץ באַשיצט מיט אירע הענט. דער טאַטע פֿון יענער זײַט טיר האָט צו דער מאַמען געװאונקען, אַז זי זאָל צוגײן. אָבער די מאַמע האָט ניט געזען, װי דער טאַטע װינקט.

ער איז אַװעק אין שטאָל מיטן טאַטן, נאָכגײענדיק נאָך אים אָן אַ היטל, און איז נאָך דעם צוריקגעקומען. און אַזױ גיך, װי ער איז אַרײַן אין קאָרידאָר, האָט באַלד װידער זיך געהערט זײַן בײַכיק, גראָב קול:

— כאַזאַיקאַ — אומניצאַ!

דער טאַטע איז אַרײַנגעקומען און געזאָגט אין דער שטיל:

— דער פּריץ װיל טײ און צובײסן...

און עס איז געװאָרן אַ רעש אין שטוב.

פֿאַראַסקע האָט געשטעלט דעם סאַמאָװאַר, און עס איז געװאָרן אַ געלױפֿערײ. טירן האָבן געקלאַפּט, און אַבראַם איז געלאָפֿן אויף די שפּיץ־פֿינגער. און פֿון דער טיף פֿון אונזער הױז האָט געקלונגען די בײַכיקע, גראָבע שטים:

— כאַזאַיקאַ — אומניצאַ!

איך האָב געמײנט, אַז װעדליג די מאַמע פֿילט זיך, װעדליג זי זעט אױס, אַז די דאָזיקע װערטער זײַנען עפּעס זײער ניט קײן גוטע, און די מאַמע פֿילט זיך פֿון זײ זײער באַלײדיקט. און איך האָב מיר אַרײַנגענומען אַט די װערטער אין מײַן בלוט און געטראַכט, אַז אַזױ גיך, װי איך װעל װערן אַ גרױסער, װעל איך זיך אָננעמען פֿאַר מײַן מאַמעס כּבֿוד.

איך האָב דערפֿאַר זיך מחיה געװען, װען איך האָב געזען, אַז מען שפּאַנט אײַן אין פֿאַיעטאָן פֿרישע פֿיר פֿערד. און דאַבראַװאָלסקי, דער יאַמשטשיק, זעצט זיך אַרױף אין זײַן סאַמעטענעם מאַנטל מיט דעם רױטן גאַרטל און ער גיט אַ סװיסטש צו די פֿערד און די פֿערד בױגן אױס זײערע קעפּ און דער גלאָק צעקלינגט זיך, און אױס...

אַז עס איז שוין ניט געוואָרן דער פּאַיעטאָן מיט די פּערד, זיינען דער טאַטע מיט אַבראַמען אַריינגעקומען אין שטוב, און מען האָט זיך אַוועקגעזעצט ענדיקן דאָס עסן. און זיי האָבן געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— כאַזאַיקאַ — אומניצאַ!

איצט האָב איך שוין געזען, אַז מיין מאַמע פרייט זיך, ווען מען דערמאָנט אָט די ווערטער.

— ס'אַ גליק, וואָס ער איז ניט געקומען פריער מיט אַ פּאָר טעג, — האָט אַבראַם געזאָגט און זיך אַזש צעקראַצט אין קאָפּ פון גרויס נחת. — ער וואָלט געקאָנט אָנשרייבן אַ שיינע „צרה"...

— בייס דיר אָפּ די צונג! — האָט דער טאַטע געזאָגט.

און איך האָב געוואָלט זען, צי אַבראַם בייסט זיך טאַקע אָפּ די צונג.

אַבראַם האָט זיך אפשר געקליבן דאָס צו טאָן, ווייל ער האָט עפּעס געדרייט מיט דער צונג אין זיין מויל און געגנעצט זיינע פאַרטריקנטע ליפּן. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעביסן די צונג.

יענעם אויפדערנאַכט האָט דער טאַטע זייער גוט זיך געפילט. ער האָט עפּעס שטיל אונטערגעזונגען. און ער האָט געזאָגט צו דער מאַמען, אַז זי זאָל אים געבן אַ פלעדערוויש, אַ הילצערנעם לעפל און אַ שמאַטע. די מאַמע האָט אים געגעבן אָט די אַלע זאַכן. און דער טאַטע האָט צעשניטן אַ שטיקל ברויט אין צען קליינע שטיקלעך און אָנגעצונדן אַ ליכט, און ער האָט די שטיקלעך ברויט אַוועקגעלייגט אין פאַרשיידענע ערטער אין אַלע צימערן.

מיר איז געווען טשיקאַווע צו זען, וואָס דער טאַטע טוט.

ער האָט דערנאָך געמאַכט אַ ברכה און איז אַרומגעגאַנגען מיטן ליכט און דעם פלעדערוויש און לעפל איבער אַלע צימערן.

איך נאָך אים.

ער האָט אַריינגעשאַרט די קליינע שטיקלעך ברויט מיטן פלעדערוויש אין לעפל אַריין. עס האָט אים אָבערביים סוף געפעלט איין שטיקל ברויט. און ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט ביז ער האָט עס געפונען...

עלפטער קאפיטל

דאָס ערשטע מאָל אין מיין קינדהייט, אַז איך האָב אַביסל אָנ־געהויבן צו באַנעמען וואָס עס הייסט אַ סדר־נאַכט.

מיין טאַטע האָט זיך אויסגעפּוצט און איז אַוועקגעגאַנגען אין קלויז אַריין דאַוונען, פאַרנאַכט. דער פעטער אַברהם מיט דער מומע אסתּר זיינען געקומען צו אונז צום סדר. די מומע אסתּר איז געווען מיין מאַמעס שוועסטער און זי האָט גראָד ניט אויסגעזען ווי מיין מאַמע. זי איז געווען אַ ווייסע, אַ הויכע און מיט פעך־שוואַרצע האָר און מיט צוויי גרויסע, הימל־בלויע אויגן. איר פּנים מילך־ווייס און אַזוי אירע הענט, איר האַלז. און מיין מאַמע איז געווען אַ טונקל־הויטיקע מיט רויטע באַקן און אירע האָר טונקל־ברוין און אירע אויגן אויך ברוינע און אירע הענט אַביסל פאַרגרעבט און אָפּגעאַרבעט פון דעם וואָס זי האָט דאָרט, אין זאַוואָליער וואַלד, געמאָלקן קי און געגראָבן אַ גאָרטן. איצט דאָ, אין ליפּקאָן, האָט זי שוין ניט געטאָן קיין שווערע אַרבעטן, און פונדעסט־וועגן זיינען אויף אירע הענט נאָך געווען סימנים פון שווערער אַרבעט.

ווען די דאָזיקע צוויי שוועסטער פלעגן זיך צונויפקומען, דאָס הייסט, מיין מאַמע מיט דער מומע אסתּר, איז שוין געווען פריילעך: רק זיי האָבן געגאַרעט און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. און ווער שמועסט נאָך, אַז דער פעטער אַברהם איז אויך געווען מיט זיי, האָט ער שוין דערציילט אַלע מאָל עפּעס אַנדערש און די צוויי שוועסטער האָבן גע־לאַכט אַן אויפהער.

אַזוי איז עס געווען יענעם אויפדערנאַכט, איידער מיין טאַטע איז גע־קומען אַהיים פון קלויז. דער פעטער אַברהם האָט מיט מיר איינגע־שטודירט, ווי אַזוי איך זאָל ביי מיין טאַטן צוגנבענען דעם „אַפיקומן“. מיר איז דאָס אַזוי לייכט ניט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. איך האָב ניט גע־וואוסט, וואָס איז אייגנטלעך אַן „אַפיקומן“. איך האָב געמיינט, אַז ער מיינט דעם קוימען פון אויוון... איז מיר אויסגעקומען מאָדנע: — ווי וועל איך קאָנען טראָגן אַזאַ שווערן קוימען ?... נאָך זייער פיל געלעכטער פון די צוויי שוועסטער און נאָך דעם, ווי דער פעטער האָט מיר געוויזן,

וואָס עס איז אַן „אַפּיקומן“, האָב איך ערשט אויפסניי ניט באַנומען, וואָס איך דאַרף טאָן: צי דאַרף איך בשעת איך וויל דעם אַפּיקומן אַרויס־נעמען פון אונטערן קישן, שווייגן, צי דאַרף איך געבן אַ געשריי: טאַטע, איך האָב צוגענומען דעם אַפּיקומן!

נאָר אין מיטן דעריגען איז דער טאַטע אַנגעקומען פון קלויז און איבערגעשלאָגן די גאַנצע שפּיל. ער האָט אָבער געכאַפּט ביידע שוועסטער קאַטשען זיך פון געלעכטער. מיין טאַטע איז געווען אַ שטרענגער, אַן ערנסטער און האָט פיינט געהאַט צו הערן, ווען יענער האָט געלאַכט. ער האָט אַנגעשריגן אויף ביידע שוועסטער און זיך גענומען גרייטן צום סדר.

ערשטנס, האָט ער מיטן פעטער אַברהם און מיט אַבראַמען אָוועקגע־שטעלט דעם טיש לעבן אַ דיוואַן. און צווייטנס, האָט די מאַמע אים דערלאַנגט אַ לאַנג, ווייס העמד און ער האָט עס אָנגעטאָן אויף זיינע קליידער און זיך אַרומגעגאַרטלט. איך האָב אויף אים אַ קוק געטאָן און זיך דערשראָקן. ער איז געווען אַ שוואַרץ־הויטיקער, מיט אַ שוואַר־צער באָרד און דאָס פּנים רויט, און אין דעם ווייסן לאַנגן העמד האָט ער אויסגעוויזן שרעקלעך בייז און מוראַדיק.

ער האָט טאַקע זיך געבייזערט און ניט גערעדט ווי געוויינלעך.

וואו איז די קערה?! — האָט ער געטאָן אַ געשריי.

די מאַמע איז געלאָפן און געבראַכט אַזאַ מין קיילעכיק שפּריטל פון ווייסן אַטלאַס, מיט רויטע אויסגענייטע אותיות. עס איז געווען אַרומגעהעפט מיט זילבערנע קרוזשעוועס, און עס האָט געהאַט פון איין זייט דריי קעשענעס, אין וועלכע דער טאַטע האָט אַריינבאַהאַלטן דריי גאַנצע מצות. איך האָב זיך געשטופּט נאָענט און געוואָלט זען ווי אַזוי די מצות זיינען אַריין אין די קעשענעס. דער טאַטע האָט אויף מיר אָנגעשריגן, אַז איך זאָל אָוועקגיין. אָבער נעם און גיי אַוועק, ווען דאָ אויפן טיש טוט זיך אַזוי פיל מאָדנע זאַכן. אָט ליגט אַ גאָרגל, אַ האַלבע קאַרטאָפליע, אַ שאָל מיט וואַסער שטייט אויך דערביי און אַ שאָל מיט אָנגעריבענעם כריין און אַ קליין שיילאכל מיט אַזאַ זאַך, וואָס זעט אויס ווי געהאַקטע לעבער. איך זע ווי דער טאַטע לייגט אויס אָט די אַלע זאַכן אויף דער קערה. ער איז אַזוי ערנסט, אַז זיין פּנים וועט באַלד פּלאַצן און מיר דאַכט זיך, אַז ער וועט זיך באַלד אַליין אויך צעלאַכן... די מאַמע מיט דער מומע אסתר פּלאַצן שיר ניט און ביי זיי ווערט פאַרשטיקט דאָס געלעכטער. דער פעטער אַברהם שטייט הינטער די

פליצעס ביי מיין טאַטן און קרימט זיך אים נאָך. וואָס דער טאַטע טוט, מאַכט ער נאָך מיט די הענט אין דער לופטן.

פונדעסטוועגן וואַקסט ביי מיר מיין טאַטע אויס, כאָטש איך זע ווי דער פעטער אַברהם קרימט זיך אים נאָך. איך האָב ליבביידע זאַכן, אי דאָס וואָס דער טאַטע שפּילט זיך מיט אַט די אַלע נאַרישקייטן, און אויך דאָס וואָס דער פעטער אַברהם מאַכט מיט די פינגער אין דער לופטן.

עס הויבט זיך באַלד אָן דאָס באַזעצן זיך אַרום טיש. דער טאַטע שפּאַרט זיך צו אויפן דיוואַן. דער פעטער אַברהם מיט דער מומע אסתּר זעצן זיך אַנידער ביים טיש אויבן אָן. מיך מיט מיין ברודער משה זעצט מען באַלד נעבן דער מומען. דער פּאָטשט־שרייבער אַבראַם אויף אַ שטול צופוסנס ביים טאַטן. די מאַמע קומט אַריין און לאָזט וויסן, אַז די באַבקע פּאַראַסקע וויינט אין קיך.

— פאַר וואָס וויינט זי? — פרעגט דער טאַטע.

— זי איז, זאָגט זי, ניט קיין גויע און ניט קיין אידישקע... — זאָגט די מאַמע.

— ס׳גאָטס׳ זאַך...

— אָבער זי וויינט און דאָס קינד, אויף איר קוקנדיק, וויינט אויך — זאָגט די מאַמע — אָדער מען דאַרף זי אַריינגעמען צום טיש, אָדער אַ־ניט וועל איך מוזן זיצן און וויגן דאָס קינד.

— אַן עק אַ סוף, לאָז זי אַריינגיין צום טיש!... האָט דער טאַטע געזאָגט.

און פּאַראַסקאַ איז אַריינגעקומען מיט צוויי פולע אויגן מיט טרערן און מיטן קינד, מאַטעלע, אויף די הענט. מען האָט זי באַזעצט ביים ברעג טיש, דאָרט וואו די לייכטער זיינען געשטאַנען.

דער טאַטע האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך מיט רויטן וויין. מיר מיט מיין ברודער משה, האָט ער אָנגעגאָסן צוויי בלויע גלעזלעך, קליינטשיקע מיט רינצעלעך, וואָס האָבן געהאַט אַריינגעבויגענע דנאָטשעקלעך* און זיי האָבן אויך געהאַט יעדער באַזונדער אַן אויער, כּדי מען זאָל זיי קענען האַלטן אין די הענט.

— נאָ, פּאַראַסקע, דיר אויך אַ כּוסה און וויס וואָס עס הייסט פּסח — האָט דער טאַטע פּאַראַסקען דערלאַנגט אַ גלעזל וויין.

---

* דער אונטערשטער טייל, דער דנאָ.

פּאַראַסקע האָט ניט געוואוסט פון קיין חכמות. מען דערלאַנגט ווײַן, דאַרף מען אויסטרינקען. זי האָט זיך געקליבן דאָס צו טאָן. אָבער דער טאַטע האָט זי געוואָרנט, אַז זי זאָל וואַרטן, ווען אַלע וועלן טרינקען...

דער טאַטע האָט אויך אָנגעגאָסן אַ גרויס גלאָז מיט רויטן ווײַן, און איבעריקס און עס אָוועקגעשטעלט ניט ווײַט פון די לײַכטער.

פאַר וועמען איז דאָס גלאָז? האָב איך זיך געוואונדערט.

נאָר אַזוי ווי איך בין געווען פאַרמישט אין אַ פאַרשווערונג צו באַגנבענען דעם „אפיקומן", און איך האָב זיך געהאַלטן מיט אַט דער געהיימניש ביי זיך אינעווייניק און געמאַכט פּלענער... איז מיר שוין ניט אָנגעגאַנגען קיין שום זאַך.

דער טאַטע האָט זיך אויפגעשטעלט און געמאַכט קידוש. דאָס איז שוין ביי מיר ניט געווען קיין נײַעס. נאָר איך האָב געוואָלט הערן ווי אַזוי דער פעטער אַברהם מאַכט קידוש. איך האָב שוין דעמאָלט ווײַזט אויס געוואוסט, אַז אַ מענטש אין דער פרעמד, דאַרף זיך שעמען. און איך האָב געוואָלט וויסן ווי אַזוי דער פעטער אַברהם שעמט זיך. אָבער ווי איך האָב געזען, האָט זיך דער פעטער אַברהם גאָרניט גע־שעמט, ער האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַ שטאַרקן קול געטאָן אַ זינג דעם קידוש, גלײַך ווי עס וואָלט דאָ קיינער ניט געווען אין שטוב.

זעט איר שוין, מיט אַבראַמען דעם פּאָטשט־שרייבער איז שוין געווען אַנדערש. כאָטש ער האָט געקאָנט דערציילן שיינע מעשיות, האָט ער פונדעסטוועגן בשעת קידוש, זיך פאַרבלינדעט און ניט געוואוסט וואו אויסצובאָזן. דער טאַטע האָט אים געדאַרפט אַרויסהעלפן... און די צוויי שוועסטער האָבן ענדלעך אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער...

— אַ רידעוואַטע וועג... — האָט אַבראַם געזאָגט אַ פאַרשעמטער.

און דערנאָך האָט דער פעטער אַברהם געפרעגט די פיר קשיות. פריער האָט דער טאַטע זיך געווענדט צו מיר, צי איך וויל פרעגן די פיר קשיות. איך האָב זיך באַהאַלטן אונטערן טיש און זיך געשעמט. האָט דער פעטער אַברהם, מיר אויף צו־להכעיס, דווקא געפרעגט און זיך ניט געשעמט. נאָר די מאַמע מיט דער מומע אסתּר האָבן זייער פיל געלאַכט און דער טאַטע האָט אויף זיי אָנגעשריגן.

און דערנאָך האָט דער טאַטע עפּעס אָנגעהויבן צו זאָגן און דער פעטער אַברהם מיט דעם שרייבער אַבראַם האָבן זיך ווי נאָכגעשלעפּט נאָכן טאַטן. איך האָב דערווייל זיך אָפּגערוקט פון טיש. און דער פעטער אַברהם האָט מיר געטאָן אַ שטורכע... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס גיט ער מיר שטאַרקייט. איך האָב זיך אַנידערגעלייגט אויף

דער פֿאַרלאָגע און געגומען קריכן ווי אַ קאַץ שטילערהייט. מיין ברודער משה האָט געזען, אַז איך קריך, האָט ער געוואָלט מיר נאָכטאָן. אָבער דער פעטער אַברהם האָט אים צוגעהאַלטן מיט איין האַנט און אים ניט געלאָזט.

— אַ טייערער פעטער! — האָב איך געטראַכט צו זיך אַליין.

ביי מיר האָט פונדעסטוועגן געטיאַכקעט דאָס האַרץ: טאָמער כאַפּט מיך דער טאַטע.

איך בין שוין צוגעקראָכן ביז צום קישן, אויף וועלכן דער טאַטע איז געלעגן האַלב אָנגעשפּאַרט. איך שטרעק אויס מיין האַנט און רוק זי אַריין אונטערן קישן.

דער טאַטע זינגט אויף אַ קול און איך דערקאָן אין זיין קול, אַז ער ווייסט, אַז איך האָב אַריינגעשטעקט מיין האַנט אונטערן קישן.

פאַר וואָס־זשע שווייגט ער? פאַר וואָס כאַפּט ער מיך ניט ביי דער האַנט?

איך האָב שוין דערטאַפּט דעם „אַפיקומן” און שלעפּ אים שוין צו זיך אַרויס פונעם קישן. איך בין אַזוי שטיל ווי אַ קאַץ. איך קריך מיט דעם פּעקל אַוועק און הויב זיך אויף און אַנטלויף אין קיך. דאָרטן באַהאַלט איך מיין „ערשטע גנבה” און קום דערנאָך אַריין צוריק צום טיש. דער פעטער אַברהם גיט צו מיר אַ וואונק מיט אַן אויג. איך וויל אים ענטפערן מיט אַזאַ וואונק און קאָן ניט. מיין אויג ווינקט זיך ניט...

איך זעץ זיך צום טיש און מיין האַרץ ווערט שיר ניט צעשפּרונגען. איך וויל שוין דערגרייכן די מינוט, ווען דער טאַטע וועט זיך נעמען זוכן דעם „אַפיקומן” און אים ניט געפינען, אָבער עס איז מיר ניט באַשערט געווען צו דערגרייכן יענע מינוט. איך בין, ווייזט אויס, איינגע־שלאָפן אַ סך פריער און די מאַמע האָט מיך געלייגט אין מיין בעט.

צוועלפטער קאַפּיטל

אויפן צווייטן טאָג האָב איך גאָר פאַרגעסן אין דעם אַפּיקומן, ווייל עס איז געווען זייער אַ וואַרעמער טאָג און איך האָב זיך געשפּילט מיט קאַסינקאַן אין דרויסן.

דאָס איז, ווי מען קען פאַרשטיין, געווען ערשטער ראָמאַן. קאַסינקאַ איז אַ צויבערין. זי גיט אויף מיר אַ בליק מיט אירע פּאָספּאַר, גרין־בלויע אויגן און איך לויף איר נאָך וואו זי פירט מיך.

אונזער הויז, אָדער בעסער געזאָגט, אונזער „הויף" שטייט אַרומגע־רינגלט מיט פרייע, ברייט־צעשפּרייטע פעלדער. די ערד מינעט זיך אין גרין און בלוי. עס שמעקט מיט יונגע גראָזן. עס פילט זיך אונטער די פיס ווי די ערד איז פּוכקע, ווי געציירן טייג. איך קאָן הערן ווי עס קלינגען אין דער לופט געזאַנגען, ענלעך צו דיניטשקע גלעקעלעך. נאָר ווער עס קלינגט, ווייס איך ניט.

קאַסינקאַ לויפט אַרום און איך נאָך איר. מיר זיינען שוין ווייט פונם הויף. פלוצים דערזעען מיר אַ גראָע מאַסע פון עפּעס אַזויגע לע־בעדיקע באַשעפענישן, צעשפּרייט איבערן פעלד. אַז עס זיינען לעבע־דיקע באַשעפענישן בין איך זיכער. איך זע ווי פון דער דאָזיקער גראָער מאַסע הויבן זיך קעפּ. מיר בלייבןביידע שטיין פון וויטן. אַ הונט מיט ווייסע און רויטע פלעקן לויפט אונז אַקעגן. דאָס ווייס איך, אַז עס איז אַ הונט. אָבער וואָס זיינען אָט די באַשעפענישן? זיי זיינען גראָ, טייל טונקעלע און טייל ליכטיק־גראָ, זיי האָבן געקרייזלטע האָר אויף זיך. זיי הויבן קליינע קעפּלעך און קוקן אויף אונז מיט אויגן פאַרשלאָפענע און קייען מיט זייערע מיילער, קייען ווי זיי וואָלטן אונז געשאָלטן, אָדער צו אונז עפּעס גערעדט.

די גאַנצע מאַסע זעט אויס ווי אַ פאַרפרוירענער טייך אַ גרויער, ווי ער וואָלט פאַרפרוירן געוואָרן, בשעת די כוואַליעס האָבן געשלאָגן פון אַ שטאַרקן ווינט געטריבענע.

ניט ווייט פון דער דאָזיקער מאַסע מיט די דאָזיקע גרויע באַשע־פענישן, איז זיך געזעסן אויפן גראָז, ניט קיין מענטש. נאָר אַ גרויסער שטיין... ניין, עס איז פאָרט ניט געווען קיין שטיין. עס איז געווען

אַ מענטש. מיר האָבן געוואָלט צוגיין, איך מיט קאַסינקען, צום מענטשן, נאָר דער הונט האָט אונז ניט געלאָזט. ער איז אַרומגעלאָפן מיט זיין פאַרוואַקסענעם עק אין דער הויף און געהאַווקעט. מיר האָבן געזען, ווי דער מענטש האָט דעם הינט געטאָן אַ גלעט איבערן קאָפּ און דער הונט האָט זיך אַנידערגעלייגט לעבן אים אויפן גראָז.

מיר זיינען צוגעגאַנגען מיט קליינע, פאָרזיכטיקע טריט, זייענדיק גרייט אַלע מאָל צוריק צו אַנטלויפן. און אָט זיינען מיר שוין לעבן דעם מענטשן. און ערשט איצט, אַז איך האָב אים שוין דערזען נאָענט, האָב איך ערשט ניט געוואוסט צי ער איז אַ מענטש, צי ניט.

אַז עס איז אַ טשעבאַן* מיט זיין סטאַדע שאָף, האָב איך נאָך דע־מאָלט ניט געוואוסט. איך האָב זיך צוגעקוקט צו אים, כדי צו קאָנען זען וואָס ער איז. אַ פּנים מיט שטעכיקע האָר, אויפן קאָפּ ביי אים — לאַנגע, געקרייזלטע האָר, צעשויבערטע ווי ביי די שאָף. ער איז אָנגעטאָן אין שמאָלע, קורצע הויזן מיט טריעפּקעס אַרום די קניעס. פון די דאָזיקע הויזן שטעקן אַרויס צוויי באָרוועסע פיס מיט בלאָטע אויסגעשמירט. זיין העמד איז צעבראָסקעט. דער בוזעם זיינער איז באַוואַקסן מיט גע־קרייזלטע האָר. זיין פּנים, האַלדז און הענט — שוואַרץ און פאַרוואַקסן מיט האָר. ער גיט צו אונז אַ קורץ שמייכעלע, און פאַרענדיקט דאָס דאָ־זיקע שמייכעלע מיט אַ קלאַנג וואָס איז ענלעך אויף אַ קרעכץ און ניט קיין קרעכץ.

איך קוק זיך איבער מיט קאַסינקאַן, ווי איך וואָלט געוואָלט ביי איר אויספאָרשן, וואָס דאָס איז. אָבער קאַסינקאַ גיט אויף מיר איר געוויינ־לעכן גלאַנץ מיט אירע אויגן. איך פאַרשטיי שוין, אַז באַלד וועלן מיר וויסן אַלץ...

און טאַקע באַלד, האָט דער דאָזיקער מיסטעריעזער מענטש געטאָן אַ קריך אַריין אין זיין בוזעם מיט דער האַנט און פון דאָרטן אַרויסגענו־מען אַ לאַנג, דין שטעקעלע מיט אַ סך לעכעלעך. אין איין עק איז עס געווען אַרומגעשניצט גלייך. נאָר אין צווייטן עק איז דאָס שטעקעלע געווען פאַרשניצט אין דער קרום. איך האָב געזען, אַז דאָס איז ניט קיין פּשוט שטעקעלע. ערשטנס, צוליב די לעכעלעך, וואָס זיינען געווען אַזוי ווי אויסגעברענטע און אין אַ לאַנגער שורה. צווייטנס, צוליב דעם קרומען פאַרשניצעכטס, וואָס איז געווען ווי פאַרשטאָפּט אויף דער העלפט. די אַנדערע העלב איז געווען אָפן. און טאַקע באַלד האָבן מיר אויסגעפונען,

* אַ פּאַסטעך.

אַז ס'ניט געווען קיין פּשוט שטעקעלע. דער טשעבאַן האָט דאָס דאָזיקע שטעקעלע אַריינגענומען אין מויל און אַרויפגעלייגט ביידע הענט מיט צעשפּרייטע פינגער איבער די לעכעלעך און ער האָט פאַרמאַכט זיינע אויגן, און מיר, איך מיט קאַסינקאַן, האָבן דערהערט ווי עס קלינגען גלעקעלעך...

מיר האָבן זיך אנידערגעזעצט אויפן גראָז. און דער טשעבאַן האָט זיך צעטריעלעט, ווי עס וואָלט דער ווינט געבראַכט אהער צו טראָגן דאָס זינגען פון אַ סאָלאָוועי, אָדער דאָס וואָיען פון אַ הונגעריקן וואָלף אין זאַוואַליער וואַלד אין אַ ווינטער־נאַכט.

מיר, איך מיט קאַסינקאַן, זיינען געזעסן לאַנג, לאַנג און דער טשעבאַן האָט ניט אויפגעהערט צו שפּילן אויף זיין פייפל. ער האָט פאַרגעסן, אַז מיר זיצן לעבן אים.

דער רויט־און־וויס־געפלעקטער הונט איז זיך געלעגן צעשפּרייט מיט אַלע פיר פיס און מיט זיין קאָפּ אויף דער ערד. די מאָסע גראָע באַשעפעניש, די שאָף, האָט זיך גערירט און באַוואויגן אויף איין אָרט, ווי אַ טייך מיט וועלן. אַמאָל — אַמאָל האָט איינע אַ שאָף אויפגע־הויבן איר קאָפּ און זיך אויך איינגעהערט צו דעם שפּילן.

אויפן הימל איז געשוואומען די זון ווי אַ שטיק הייסער שפּיגל, מיט שפּיצעכיגע נאָדלען אַרום איר. דער הימל איז געווען ריין און קלאָר, ווי נאָר וואָס אויסגעוואַשן. איך האָב געוואָלט זען צי מען קאָן דורך אים דורכקוקן און זען וואָס איז פון יענער זייט. האָב איך זיך אַנידערגעלייגט מיטן פּנים אַרויף, ביז עס האָבן מיר אָנגעהויבן צו טרערן די אויגן — געזען האָב איך גאָרנישט, חוץ אַ טיפע בלויקייט.

דער טשעבאַן האָט נאָך אַלץ געשפּילט און איז געזעסן אַ ביסל איינגעבויגן. און דאַן האָט קאַסינקאַ מיך געטאָן אַ שלעפּ ביי דער האַנט און איך בין איר נאָכגעגאַנגען.

דער הונט האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ אויף אַ ביסל. ער האָט געטאָן אויף אונז אַ קוק מיט זיינע רויטע אויגן, און זיין קאָפּ איז צוריק געזונ־קען צו דער ערד.

און וואָס ווייטער מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען, אַלץ שענער האָט דאָס שפּילן זיך געהערט. אָבער קאַסינקאַ האָט זיך צעלאַכט און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי לאַכט פון מיר, וואָס איך בין אַזוי ארייגעטאָן אין דעם שפּילן.

האָב איך זיך אויך צעלאַכט. און מיר ביידע זיינען געשפּרונגען איבער די פעלדער און געלאָפן אַ היים.

מיר האָבן פּלוצים דערזען, אַז אונזער וועג אַ היים איז איבערגע־שניטן. מיר זיינען געבליבן שטיין ביי אַ ברעג פון פריש אויפגעגראָ־בענער ערד. פריער האָבן מיר דאָס ניט געזען, בשעת מיר זיינען גע־גאַנגען אַהינצואוועגס.

עס איז איצט געלעגן אַ שוואַרצער, ברייטער פּאַס צעאַקערטע ערד איבער דער גאַנצער לענג פון פעלד. און מיר ביידע האָבן זיך דערשראָקן. מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אינערלעך האָבן מיר ביידע געהאַט אַזאַ געפיל, אַז מען טאָר ניט טרעטן מיט די פיס אויף צעאַקערטער ערד.

שטייען מיר און די הערצלעך קלאַפּן פון שרעק : — וואָרימערט קאָנען מיר קומען אַ היים? און פון ווייטן גייט פּלוצים, גלייך צו אונז עפּעס מיט אַ קנאַל. און אָט זעען זיך שוין אָן אַ סך הערנער, ווי ביי קי. עס קומט נעענטער און מיר דערזעען, אַז עס זיינען גרויסע, ברייט־ביינערע קי... אַז עס איז אָקסן האָב איך ניט געוואוסט. איך האָב געטאָן אַ פרעג ביי קאַסינקאָן, צי ווייסט זי אפשר וואָס דאָס איז?

אַ געכטיקער טאָג! זי ווייסט אויך ניט. זי איז בלאָס ווי קאַלך און בייט אירע פיס, אָט שטייט זי אויפן רעכטן און אָט שטייט זי אויפן לינקן פוס.

איך ווייס, אַז עס זיינען אַזוינע קי. אָבער וואָס פאַר אַ גרויסע הערנער זיי האָבן!

שטיין אַזוי איז ניט געווען קיין פּלאַץ. מען מוז אָפּטרעטן, און וואָס גיכער.

גיב איך שוין אַ שלעפּ קאַסינקאָן, און מיר ציען אָפּ אויף צוריק. מיר בלייבן שטיין און זעען דאָס ערשטע מאָל אין אונזער לעבן עפּעס אַזוינס.

עס גייען צו צוויי פּאָר גאַנץ גרויסע קי, טייל זיינען טונקל־רויט און טייל גראָ. זיי האָבן הערנער אין דער ברייט פון זייערע קעפּ. דאָס גיט זיי צו אָן אויסזען פון עפּעס ווילדע באַשעפענישן. עס דאַכט זיך מיר, אַז ווען איינער פון זיי וואָלט וועלן, קאָן ער מיט איין מאַך פונם האָרן איבערקערן די ערד מיט אונז אינאיינעם. זיי זיינען פאַרשטעקט מיט זייערע גרויסע, לאַנגעקיגע קעפּ אין שווערע, הילצערנע ראַמען. אַז עס איז אַזוינע יאַרמאָס * האָב איך ניט געוואוסט. צו אָט די ראַמען

* אַ יאָך, אין וועלכן מען שפּאַנט־איין אָקסן.

איז צוגעפּעסטיקט אַ גראָבער דישל, און אָט דער דישל ווידער איז צוגעטשעפּעט צו אַ קלאָץ, וואָס קריכט אויף דער ערד קוים, קוים וואָס מען קאָן באַמערקן מיטן אויג. אָבער אַז מען־קוקט זיך גוט איין, זעט מען, ווי אונטערן קלאָץ איז דאָ אַן אייזערנע האַנט, און די דאָזיקע האַנט האַלט אַ מעסער, און דאָס מעסער שניידט־אויף דעם בויך פון דער ערד.

די גרויסע קי גייען פּאַמעלעך מיט זייערע שווערע פיס, און ביי זייער זייט גייט אַ מענטש אַ באָרוועסער און אין אַ ווייס העמד, וואָס פאַלט אַריבער זיינע לייוונטענע הויזן. ער האַלט אַ לאַנגע בייטש אין די הענט און שרייט אַלע מאָל: „טשאָלאַ! טשאָלאַ!"

ביי דעם שווערן קלאָץ, וואָס קריכט אויף דער ערד, זיינען אויך פאַראַנען צוויי הענטלעך. און איבער די דאָזיקע הענטלעך גייט־נאָך אַ צווייטער מענטש, אויך אַ באָרוועסער, אין לייווענטענע הויזן און מיט אַ ווייס העמד אַריבער די הויזן. ער איז איינגעבויגן אין צענצן. ער שפּרינגט מיט די פיס: אָט איז ער מיט די פיס אויף דעם גראָז און אָט איז ער מיט די פיס אויף דער צעאַקערטער ערד — ווי ער וואָלט געטאַנצט.

איך מיט קאָסינקאָן זיינען געשטאַנען, ווי פאַרגאַפטע.

עס גיסט זיך אַ שוואַרצער פּאַס מיט ערד ניט פון דעם מעסער, נאָר פון דעם שווערן קלאָץ. עס איז וואונדערלעך — וואו נעמט דער קלאָץ אַזוי פיל ערד?

דער שוואַרצער פּאַס מיט פרישער ערד שפּריצט ווי פון אַ קוואַל פונם קלאָץ און לייגט זיך אַנידער לעבן יענעם פּאַס ערד, וועלכער איז שוין אַ ביסל צוגעטריקנט פון דער זון; לייגט זיך אַנידער לעבן יענעם פּאַס ערד און טוליעט זיך צו נאָענט, ווי עס וואָלט אים געווען קאַלט און ער וויל זיך אָנוואַרימען.

און ווער ווייסט, ווי לאַנג מיר וואָלטן געווען געשטאַנען און געגאַפט, ווען פאַראַסקאַ וואָלט ניט געקומען און מיך מיט כעס גענומען אַ נעם־אָן און אַריבערגעפירט איבער דער צעגראָבענער ערד און גע־בראַכט אַהיים עסן אָנבייסן.

— וואו ביזטו געווען? — האָט די מאַמע געוואָלט וויסן.

אָבער איך האָב זיך נאָך דענסמאָל ניט געקאָנט טיילן מיט מיינע איינדרוקן מיט קיינעם ניט, חוץ מיט מיר אַליין.

דרייצנטער קאַפּיטל

נאָר אָט האָט אין איין שיינעם טאָג אַלץ זיך געענדיקט פאַר מיר. עס איז געווען טאָקע יענעם נאָך־פּסח, אַז דער טאַטע האָט געהייסן איינשפּאַנען אַ בריטשקע מיט צוויי פערד און די מאַמע מיטן טאַטן האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויבנאָן און מען האָט מיך אויך מיטגענומען. איך האָב מיך פאַרשטענדלעך געפרייט, ווייל איך האָב ניט געוואוסט וואָס עס וועט זיין דער סוף. די פערד רירן פון אָרט און אָט פאָרן מיר אַריין באַרג אַראָפּ מיט אַ גאַס מיט שטיבער; שיינע שטיבער אָפּגעטראָטן איינע פון דער אַנדערער מיט גערטנדלעך און מיט ביימער; די שטיבער מיט שינדלענע דעכער און מיט לאָדנס ביי די פענצטער — הכּלל, עס איז מסתּם דאָ די שטאָט ליפּקאָן.

איך פריי זיך, וואָס איך קאָן אָנקוקן די שטאָט ליפּקאָן. נאָר עס איז שלעכט וואָס די פערד לויפן און איך קאָן זיך גוט ניט אָנזעטיקן מיט מיינע אויגן. אָבער באַלד גיט די בריטשקע זיך אַ פאַרקערעווע און פאָרט אַריין אין אַזאַ מין געסל אַ קרומס, מיט אָנגעפּיקעוועטע קרומע שטיבלעך, וואָס ווי עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז יעדעס שטיבל האַלט זיך אָן אין דעם צווייטן, כּדי עס זאָל ניט איינפאַלן.

די פערד לויפן און גיבן זיך אַ שטעל אָפּ ביים עק פון דעם געסל. און דער טאַטע קריכט אַראָפּ פון דער בריטשקע און נעמט מיך אויך אַראָפּ און שטעלט מיך אַנידער אויף דער ערד.

איך דערפיל אַ ריח אין מיין נאָז, וועלכער געפעלט מיר גאָר ניט. איך זע ווי עס איז דאָ, אין דעם געסל, ניט אַזוי ריין די ערד, ווי אַרום אונזער הויז.

אָבער דער טאַטע נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און פירט מיך אַריין אין אַ שטוב. די דאָזיקע שטוב איז געשטאַנען אין דער קרום אויף איין זייט. אַפילו די טיר איז אויך געהאַנגען קרום. זי איז געווען אָפן און מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ קאַמער, וואו עס האָבן זיך אויף דער ערד געוואַלגערט אַ סך קינדערלעך. עס האָט מיר געטאָן אַ זעץ אין נאָז אַזאַ ריח, אַזש עס איז מיר ניט־גוט געוואָרן. עס איז דאָרטן געווען האַלב פינצטער.

רעכטס איז געשטאַנען אַ טיש. ביי דעם טיש — אַ באַנק אַ לאַנגע. אויבן ביים טיש איז געווען אַ איד מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, זיין פּנים געל ווי וואַקס.

אַז ער האָט אונז דערזען, האָט ער זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען אונז אַקעגן. ער האָט געגעבן מיין טאַטן שלום. איך האָב געגרייכט מיט מיין קאָפּ ביז צו זיין לאַנגער באָרד. זי, די באָרד, איז געווען אַ רויטע, אַזוי ווי ער וואָלט געטראָגן צוגעטשעפּעט צום פּנים אַ רויטע פּאַטשיילע.

— איך האָב געבראַכט מיין אינגעלע אין חדר אַריין — זאָגט דער טאַטע.

אַ וואויל אינגעלע! — גיט מיר דער איד אַ קניפּ מיט זיינע לעפּקע פינגער. אַזוי האָב איך דעמאָלט געפילט, אַז זיינע פינגער זיינען לעפּקע. און איך האָב אָפּגעווישט פון מיין באַק אָט דאָס לעפּקעשע ווידערגעפיל.

און דאָ איז עס געווען. דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען און איך בין איבערגעבליבן אין אָט דער גרויסער קאַמער מיט דער צעגריבלטער ערד און מיט די קויטיקע ווענט. און דער איד מיט דער רויטער באָרד האָט מיך זייער געשראָקן, ווען ער האָט נאָר אַ קוק געטאָן אויף מיר.

עס זיינען, ווי שוין פריער געזאָגט, געלעגן אויף דער ערד זייער אַ סך קינדערלעך און זיך געשפּילט. נאָר איך האָב שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן מיין הויפּט חסרון: שעמעוודיקייט... און איך האָב זיך ניט געקאָנט באַלד דערנענטערן צו אַלע, מיר ווילד־פרעמדע, קינדערלעך.

דער איד, דאָס הייסט דער רבי, האָט מיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און דאָרטן איז שוין געלעגן אַן אָפּענער סידור מיט אַ גרויסן, בייגערדיקן „טייטל". און עס איז אומגעפער פאָרגעקומען צווישן אים און מיר דער פאָלגנדיקער געשפּרעך: — ווי הייסטו, אינגעלע?

— ... — שווייג איך.

גיט ער מיר נאָך אַמאָל אַ קניפּ אין באַק אַריין: — שעם זיך ניט, ווי הייסטו?

— אַזיק. (ביי אונז אין שטוב האָט מען געזאָגט אַזיק, ניט אייזיק).

— און וואָס אַן אַלף איז, ווייסטו?

— יאָ.

אַנו, געפין מיר, וואו דער אַלף שטייט דאָ אין סידור.

ער נעמט דאָס בייגערדיקע טייטל אין זיינע לאַנגע, אויסערגעוויינלעך לאַנגע, פינגער. מיר געפעלט זייער דער טייטל. איך מאַך ביי זיך אָפּ,

אַז איך מוז האָבן אַזאַ טייטל, ווען די גאַנצע וועלט זאָל, חלילה, אונ־טערגיין.

דער רבי ווייזט מיר מיטן טייטל, ניט אויף קיין אַלף, נאָר אויף אַ שין. ער וויל מיך, ווייזט אויס אויספּרוּאוון צי איך קאָן. איך גיב צו אים אַ שמייכל און זאָג: — דאָס איז אַ שין!

הערסט, דו קאָנסטאַך! צייג־זשע מיר אַליין, וואו איז דער אַלף?

איך ווייז דעם אַלף. פֿון דעם סידור האָט געשמעקט מיט שוויס. איך אַליין האָב אויך געשוויצט. עס איז געווען דאָ שטאַרק דושנע. עס איז גאָר קיין פאַרגלייך ניט געווען מיט אונזערע צימערן מיט די גרויסע פֿענצטער און מיט דער ליכטיקייט.

דערנאָך האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער רביצין: אַ קליינע, אַ דאַרע מיט אַ קליין פּנימל ווי ביי אַ פויגל. זי האָט גערעדט מיט אַ קול ווי אַ גישטער. זי האָט אַרויסגעטריבן אַלע קינדער אין דרויסן מיט דעם בעזים, ווי דער דיל וואָלט ניט געווען מיט קינדערלעך באַזעצט, נאָר מיט שטויב און זי האָט אַזוי ווי אָפּגעקערט דעם שטויב.

מיך האָט זי גענומען, מיט חסד, ביי דער האַנט און מיך אויך אַרויס־געפירט אין דרויסן.

איך האָב ערשט אָפּגעאָטעמט פריי און ערשט דערזען, וואו איך געפין זיך.

עס איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ פול מיט גריבער. אין די דאָזיקע גריבער זיינען געווען בלאָטיקע טייכלעך. עס האָט פון די דאָזיקע טייכ־לעך געסאָוועט. אָבער אין טייל פון אָט די פּאָטיעקעס * זיינען זיך געלעגן גרויסע חזירים און געכריוקעט פון גרויס פאַרגעניגן. איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען אַזאַ באַשעפעניש: דעם חזיר. און ער איז מיר באַלד שטאַרק נמאס געוואָרן דערפאַר, וואָס ער באָדט זיך אין אַזאַ אָוועדדיקער בלאָטע.

אָבער טשיקאַווע איז עס געווען ביז גאָר. אָט קומט אָן אַ חזיר פון ערגעץ און וויל זיך, ווייזט אויס, אויך באָדן. וויל ער אַרויסטרייבן דעם חזיר, וואָס ליגט שוין אין דער בלאָטע. יענער וויל ניט אַרויסקריכן. און דער וואָס וויל אַריינקריכן וויל ניט אָפּטרעטן; ער ראַיעט מיט דער נאָז די ערד אַרום דעם פּאָטיעק און בייסט יענעם וואָס ליגט אין דער בלאָטע. עס הויבט זיך אויף אַ געקוויטשעריי ביז צום הימל.

---

* בלאָטיקע גריבלעך.

די קינדערלעך נעמען שטעקענעס און הויבן אָן שלאָגן דעם וואָס ליגט אין דער בלאָטע. און פאַר שטעקענעס האָט ער מורא. ער קריכט פּאַמעלעך אַרויס. ער איז שוואַרץ און נאַס און עס אַוועקט פון אים.

אַרום און אַרום איז נישטאָ קיין פּיצל גראָז. די ערד איז דאָ פאַרטראָטן און פול מיט שמוץ. וואָס אַ שטייגער האָט זיך דאָ ניט געוואַלגערט?

ווילט איר ביינער אַלטע פון אַלערליי חיות, ווי למשל פון פערד, קי, הינט, קעץ. דאָ איז אַפילו געלעגן אַ האַלב פאַרפוילטע קאַץ, און ווערעם זיינען געקראָכן און זי געגריזשעט, און עס האָט געאַוועקט ביז צום חלשן. דאָ האָבן זיך געוואַלגערט אַלטע שיך, צעריסענע יאַרמעלקעס, די פּענקעס פון אויסגעפּליקטע פעדערן, צעבראָכענע פלעשלעך, פאַרזשאַווערטע טשוועקעס, פוילע הערנער פון קי, רייפן פון צעפאַלענע פעסער, און וואָס נאָר צו הערן און געדענקען.

דער גאַנצער פלאַץ איז געווען אָפן און פריי. און דאָ זיינען געקומען חוץ חזירים, אויך ציגן און הינט. די הינט זיינען געווען פאַרוואַקסענע, בייזע, אָפּגעריסענע — און זיי האָבן זיך נאָר געוואָלט טשעפּען מיט די ציגן.

די ציגן זיינען אָבער ניט געווען פון די, וואָס מען קויפט זיבן פאַר אַ גראָשן. דאָס זיינען געווען ציגן מיט גרויסע הערנער און מיט סטאַטעטשנע, לאַנגע בערד. זיי פלעגן שטיין און לאַנג טראַכטן: וואָס טוט מען מיט דעם הונט? דערנאָך האָבן זיי געטאָן אַ בייג־אויס זייער קאָפּ און דוץ אַריין אין הונט אַריין. און דער הונט: — האַ־וואַ־האַ־וואַ!... און ער לויפט, ווי אַ משוגענער אַוועק.

אָבער דעם ערשטן טאָג האָט מען מיך לאַנג אין חדר ניט געלאָזט. ווען איך בין שוין געווען היפּש אַריינגעטאָן אין מיינע „אויספאָרשונגען" וועגן דעם פלאַץ אַרום חדר, האָב איך דערהערט דעם גלאָק פון אונזער בריטשקע קלינגען און איך האָב דערקאָנט, אַז דער טאַטע איז געקומען מיך אָפּנעמען.

מיר האָט זיך שוין געוואָלט דאָ זיין. ערשטנס האָב איך דאָ, דערווייל זיך שוין צונויפגערעדט מיט אַ סך אינגלעך אויף מיין לשון. דאָ איז אַ שטעקן געווען אַ שטעקן און אַ חזיר איז געווען אַ חזיר. ניט ווי מיט קאַסינקאַן, אַז וואָס איך האָב געזאָגט, האָט זי איבערגעדרייט אַנדערש. צווייטנס, איז דאָ געווען פראָסט און מען האָט ניט געדאַרפט מורא האָבן, חלילה, טאָמער וועט מען זיך אויסשמירן די הענטלעך — אַי, עס האָט געאַוועקט? מילא, האָט עס געאַוועקט... אָבער דער טאַטע איז

געקומען און מיך אַהיים גענומען פונקט אינדערמיט פון דער אַרבעט. און מיינע נייע באַקאַנטע, די אינגלעך זיינען אַרויס מיך באַלייטן.

און ווען מען האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף דער בריטשקע, האָבן זיי אַלע אין איין קול געטאָן אַ געשריי: — מע־ע־ע!...

מען האָט מיך געבראַכט אַהיים און פּאַראַסקע האָט געדאַרפט זידן וואַסער און מיך אָפּגעוואַשן ריין.

אָבער פונדעסטוועגן האָט מען מיך געפירט אַלע טאָג פון דער וואָך מיט דער בריטשקע אין דעם זעלבן חדר אַריין, ווייל עס איז געווען צו ווייט פון אונזער הויז, אַז איך זאָל קאָנען גיין צופוס.

און אַלע מאָל, ווען מען האָט מיך אויפגעזעצט אויף דער בריטשקע, איז קאַסינקאַ געשטאַנען און שיר ניט אויסגעגאַנגען פון צער. זי האָט אַפנים אויך געוואָלט פאָרן מיט מיר אין חדר אַריין...

שבת און זונטאָג האָט מען מיך ניט געפירט אין חדר, און אַז איך האָב זיך באַגעגנט מיט קאַסינקאַן, איז זי אַנטלאָפן פון מיר און אפילו ניט געוואָלט קוקן אויף מיר.

— קאַסינקאַ! — האָב איך געשריען און נאָכגעלאָפן נאָך איר — קאַסינקאַ!... זי האָט פאַרהויבן איר סטענדל פון הינטן און אַוועק.

פֿערצנטער קאַפּיטל

פינף טעג אין וואָך האָט מען מיך געפירט מיט דער בריטשקע אין חדר אַריין און פון חדר צוריק אַהיים. אַמאָל האָט מיך געפירט דאַב־ראַוואָלסקי און אַמאָל זיין זון מישקאַ. איך בין ביי זיי געווען אַ מיוחס און אויסגעפירט צו זיצן לעבן זיי אויף דער קאָזלע. און ווער שמועסט שוין פון מיין גליק, ווען די דאָזיקע אַנטרייבערס האָבן מיר אין מיטן וועג געגעבן צו האַלטן די ווישקעס אויף אַ מינוט. איך בין דאַן געווען אין זיבעטן הימל פון פרייד.

און צוליב דעם, וואָס איך בין געפאָרן אין אַ בריטשקע מיט אַ גלאָק און מיט צוויי ברענענדיקע פערד, בין איך געווען אויך אַ גרויסער מיוחס ביי אַלע קינדער אין חדר.

איך פלעג זיצן אין דער מיט און אַלע קינדער אַרום מיר. און די בעסטע טעמע פון אונזער געשפּרעך איז געווען פערד.

— וויפל פערד האָט דיין טאַטע? — האָבן קינדער געוואָלט וויסן.

— טויזנט! — האָב איך ניט אַנדערש געוואָלט.

— און וואָס עסט אַ פערד?

— היי מיט האָבער.

— און אַ פערד האָט אַ נשמה? — האָט אַ איינגעלע געפרעגט, כאָטש ניט ער און ניט איך האָבן ניט געוואוסט, וואָס עס איז אַזוינס אַ נשמה.

— וואָס דען, ער האָט ניט?

— און ער האָט מורא פאַר גאָט?

אויף דעם האָב איך שוין ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. כאָטש איך האָב געהערט אין אונזער שטוב, אַז מען דאַרף מורא האָבן פאַר גאָט, פונדעסטוועגן האָב איך ניט געוואוסט צי פערד דאַרפן אויך מורא האָבן פאַר גאָט. האָב איך געזאָגט:

— פערד האָט פאַר קיינעם ניט קיין מורא, נאָר פאַר מישקאַן.

— אַז מען לאָזט אָפּ אַ פערד אַליין אין פעלד, ווערט ער ניט פאַרבלאָנדזשעט?

— יאָ, ער ווערט פאַרבלאָנדזשעט, סיידן מען לאָזט אים קיין מאָל ניט אַרויס פון שטאָל. אונזערע פערד שטייען אין שטאָל.

— און זיי וויינען ניט?

— זיי זיינען שוין ניט קיין קליינע קינדער.

— פערד האָבן אויך קליינע קינדער?

— לאָשעקלעך... ווען זיי ווערן געבוירן זיינען זיי לאָשעקלעך. זיי זויגן ביי דער מאַמע און דעמאָלט וויינען זיי, אָבער ניט ווען זיי זיינען גרויסע פערד.

— פאַר וואָס־זשע גייען זיי ניט אין חדר?

— פֿון וואַנען ווייסטו, אַז זיי גייען ניט?

— אָ, זיי גייען יאָ? איז, ווער איז זייער רבי?

— זיי גייען אין אַ חדר וואו עס איז ניטאָ קיין רבי...

דאָס איז שטאַרק געפעלן די קינדער. זיי זיינען געבליבן זיצן פאַר־טראַכטע און געקוקט אין דער ווייטקייט. איינער האָט זיך אָנגערופן: — אַך, עס איז גוט, ווען ס׳נישטאָ קיין רבי!...

און דעם אמת געזאָגט איז דווקא ניט געווען פאַר וואָס פיינט צו האָבן אונזער רבין. איך אַליין האָב אים זייער ליב געהאַט, און די אַנדערע קינדער האָבן פון אים זייער געהאַלטן. איך געדענק ניט ווי אַזוי ער האָט געהייסן, איך געדענק נאָר ווי ער האָט אויסגעזען. אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ רויטער באָרד. זיין פנים זייער געל. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ שפּיציקע יאַרמולקע, און איז געגאַנגען אין אַ לייבל. אין זיין לאַנגן האַלז איז געווען אַזאַ קנאָפּ. ווען ער האָט גערעדט, איז אַט דער קנאָפּ געלאָפן אַראָפּ און אַרויף. זיינע הענט האָבן פאַרמאָגט לאַנגע פינגער, וואָס זיינען געווען פאַררויכערט און האָבן געשמעקט פון טוטין. ער האָט אַלע מאָל געהאַלטן אַ ציגאַרעט־טיטון צווישן די פינגער.

איך געדענק גוט דעם ערשטן ל״ג בעומר, וואָס דער דאָזיקער רבי האָט מיט אונדז געפּראַוועט. ער האָט ביי מיין טאַטען געליען אַ וואָגן מיט צוויי פערד, כדי אַרויסצופירן אַלע קינדערלעך פון אונזער חדר אין פעלד אַרויס.

דער רבי מיט דער רביצין האָבן אַ פּאָר טאָג פריער זיך אַוועק־געשטעלט מאַכן פיילנבויגנס. זיי האָבן געבראַכט ליפּענע שטעקענעס פון ערגעץ. די רביצין האָט אין הויף צעלייגט אַ פייער און אַרויפ־געשטעלט אויף אַ טרינאָזשקע אַ גרויסן קעסל מיט וואַסער, און אַז דאָס וואַסער האָט אויפגעזאָטן, האָט זי געטונקען די ליפּענע שטעקענעס אין הייסן וואַסער, און דאַן האָבן זיי זיך זייער גרינג געלאָזט אָפּשיילן.

און אַזוי גיך ווי מיר האָבן אָפּגעשיילט אַ שטעקן, האָט דער רבי אים צעשפּאָלטן מיט אַ מעסער אויף צוויי האַלבע שטעקענעס. דערנאָך האָט די רביצין ווידער די צעשפּאָלטענע שטעקענעס געטונקען אין הייסן וואַסער, אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן זיך געלאָזט אויסבויגן, אַזוי ווי אַ האַלבע רייף.

און ערשט איצט האָט דער רבי מיט זיין טייערן גענייפּעק [1] פאַרשניצט צוויי קאַרבן אויף יעדן עק און אויף די קאַרבן פאַרצויגן אַ פאָדעם. און דערנאָך, אַז ער האָט שוין געהאַט פאַרטיק פאַר יעדן אינגל אַ פיילנבויגן, האָט זיך ערשט די רביצין גענומען אויספאַרבן די דאָזיקע האַלבע רייפן. זי האָט זיי געפאַרבט מיט רויט און גרין. אַ פּאַסיקל רויט און אַ פּאַסיקל גרין. און דער רבי האָט געשניצט די פיילן.

און גאַנץ פרי האָט מיין טאַטע געהייסן איינשפּאַנען צוויי פערד אין „האַרבאַ" (אַזאַ גרויסער היי־וואָגן). און מישקאַ איז מיט מיר פאַרפאָרן צום חדר. באַלד האָט דער רבי אונז אַלעמען איינגעטיילט, יעדן אַ פיילנבויגן. אונז געהייסן די דאָזיקע זאַכן אָנטאָן אויף די העלזער. מען האָט אונז אַלע אויסגעזעצט אין דער טיפער „האַרבאַ" און דער רבי איז אויך אַריינגעקראָכן אין וואָגן און מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון דער עיפּושדיקער גאַס אין אַ גרויסן טאָל מיט גרין גראָז. עס איז געווען אַזוי ווייט, אַז מען האָט שוין ניט אָנגעזען די שטאָט. און דאָ האָט דער רבי געגעבן אַ צייכן, אַז מישקאַ זאָל זיך אָפּשטעלן, און מיר אַלע זיינען אַרויסגעקראָכן פונעם וואָגן. און דער רבי האָט אונז אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ שורה.

און עס איז געווען אַזוי שיין און זיס... דער רבי שטעלט זיך אַוועק פון פאָרנט מיטן פּנים צו אונז. זיין רויטע באָרד פלאָטערט אויפן ווינט. ער גיט זיך אַן עצה און שטעקט אַריין די באָרד אונטערן לייבל.

ער גיט אַ געשריי צו אונז: — קינדער, נעמט אַראָפּ די פיילנבויגנס!

ער אַליין האָט פאַר זיך געהאַט געמאַכט זייער אַ גרויסן פיילנבויגן. איז ער איצט געשטאַנען גרייט. ער באַפעלט: — שרייט שמע ישראל!...

מיר אַלע גיבן אַ געשריי. עס דערשרעקן זיך די פייגעלעך אין גראָז און פליען אַוועק.

דער רבי וויל אונז ווייזן ווי אַזוי צו שיסן. ער שטעלט אָן די פייל, ציט אָן דעם בויגן און די פייל שיסט אַריין צו אים, צוריק אין דער באָרד אַריין.

---

[1] אַ מעסערל מיט אַ הילצערן הענטל.

מישקאַ שטייט אויפֿן וואָגן און לאַכט. דער רבי גלעט זיך אויס די פּאות און פּרוּאווט נאָך אַמאָל. און מיר לויפֿן כאַפּן זיין פּייל, וועלכע איז דאָס מאָל שוין אַוועק ווייט־ווייט.

דערנאָך הייסט אונז דער רבי לויפֿן און שיסן מיט די פּיילן.

דאָס גראָז איז גרין און ווייך. עס איז גרינג צו לויפֿן. דער טאָל איז גרויס אָן אַ סוף. די זון שטייט הויך אין הימל און קוקט אויך אויף אונז און האָט אַ געלעכטערל אויף איר פּנים, פּונקט ווי מישקאַ.

מיר צעלויפֿן זיך אין אַלע זייטן. און אַט שטעלט מען זיך אָפּ און מען שטעלט אָן די פּייל און מען ציט אָן דעם בויגן און שיס!

די פּייל פֿליט ווייט, ווייט. עס איז אַ גליק וואָס זי איז ווייס, קאָן מען זי געפֿינען אין טיפֿן גראָז.

אָבער אונזער פֿרייד האָט לאַנג ניט געדויערט, צי אפשר האָט זיך עס מיר אַזוי אויסגעוויזן? אַלנפֿאַלס האָט מען מיך אָפּגעשיקט אַהיים מיט דער „הארבאַ" און מיטן פּיילנבויגן. און אַזוי גיך ווי איך בין אָנגעקומען אַהיים, האָב איך זיך געטראָפֿן מיטן באַראַן. מען האָט אים מסתּם אויך אַרויסגעלאָזט אויף דער פֿריי און ער איז געשטאַנען ביי די טרעפּ פֿון אונזער הויז.

דאָס זיינען געווען שטיינערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט צו דער פֿאָדערשער טיר. איך האָב באַלד אָנגעשטעלט די פּייל און אויסגעשאָסן גלייך דעם באַראַן אין פּנים אַריין.

דער באַראַן האָט אָנגעבויגן זיין קאָפּ און בוץ גלייך אויף מיר. איך נעם לויפֿן מיט די טרעפּ און ער נאָך מיר. איך האָב קוים געעפֿנט די טיר און אַריין אין קאָרידאָר. דער באַראַן נאָך מיר. איך האָב ניט באַוויזן צו פֿאַרמאַכן די טיר און בין געלאָפֿן מיט דער לענג פֿון דעם קאָרידאָר און געשריען ניט מיט מיינע כּוחות. אָבער איידער די מאַמע איז מיר געקומען צו הילף איז דער באַראַן אָנגעקומען צו מיר נאָענט און מיך געטאָן אַ נעם אויף דער האַצקע און מיך אויפֿגעהויבן און געטאָן מיט מיר אַ וואָרף.

וואָס עס איז געווען ווייטער מיט מיר ווייס איך ניט. ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, בין איך געלעגן אין בעט און דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען געשטאַנען ביים בעט און מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מען האָט שוין דעם באַראַן באַשטראָפֿט: אים פֿאַרשפּאַרט אין היי־שטאַל.

אַרעמער באַראַן! מען האָט אין אים שוין געהאַט פֿאַרגעסן, ווען ניט דאָס וואָס עס האָט דערנאָך געטראָפֿן. די היי־שטאַל איז ביי אונז

געווען זייער אַ גרויסע. אין מיטן זומער האָט מען זי געדאַרפט אָנפילן מיט היי. מען פלעגט אַהין אַריינפאָרן מיטן וואָגן מיט היי און דעם וואָגן איבערקערן, אַזוי, אַז דאָס היי איז געבליבן ליגן אויף דער ערד און דערנאָך פלעגט מען מיטן ליידיקן וואָגן צוריק אַרויספאָרן.

און אַזוי איז עס געווען, אַז מען האָט פאַרשאָטן דעם באַראַן, וועלכער איז דאָרטן געשטאַנען אַ צוגעבונדענער צו אַן אייזערנעם פלאָקן מיט אַ שטריק. מען האָט אַזוי אָנגעפילט די גאַנצע שטאַל מיט היי. און ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, זיך אַרומגעקוקט, אַז דער באַראַן איז נישטאָ. עס זאָל איינפאַלן, אַז מען האָט אים פאַרשאָטן מיט היי...

עס איז אַוועק דער זומער און ערשט אַקעגן ווינטער, ווען מען האָט אָנגעהויבן „מיקען" היי פאַר די פערד און ווען מען האָט שוין אַן באַראַן לאַנג פאַרגעסן, און עס איז שוין געקומען אין די טיפע ווינטער חדשים — איז מען דערגאַנגען צו אַן אָרט אין דעם היי, וואו עס האָט זיך עפּעס געוואָרפן. מען טוט אַ קוק, דער באַראַן איז דאָ.

עס ווערט אַ געוואַלד און אַ גערודער: דער באַראַן!...

און אָט ווי אַזוי עס איז געווען:

דער באַראַן, ווען מען האָט אים פאַרשאָטן מיטן היי, האָט נעבעך גאָרניט געקאָנט טאָן. ער איז דאָך געווען צוגעבונדן מיט אַ שטריק. נאָר אַז מען האָט אים פאַרשאָטן, האָט ער צוביסלעך ליגנדיק אויף דער ערד, מיטן מויל אַרומגעגעסן אַרום זיך דאָס היי. ביז עס איז געוואָרן גרעסער און גרעסער. ביז ער האָט זיך געקאָנט שטעלן אויף זיינע פיס. און אַזוי איז ער דאָרטן געשטאַנען אין דער הייל פון היי. ער האָט געהאַט גענוג צום עסן.

אַי, וואו האָט ער גענומען צום טרינקען? אויף דעם האָט דער פאָטשט-שרייבער אַבראַם, געדרינגען, אַז ווי טרוקן היי זאָל ניט זיין, איז דאָך אין דעם פאַראַנען פייכטקייט...

איז דער באַראַן שוין, הייסט עס, געווען באַזאָרגט מיט וואַסער אויך... נאָר איין זאַך, ער האָט געמוזט שטיין אין דער פינצטער אי ביי טאָג אי ביינאַכט. איז דער באַראַן טאַקע געווען האַלב בלינד, ווען מען האָט אים אַרויסגעראַטעוועט. און ער האָט שוין ניט געקענט גיין אויף די פיס און ער איז געווען אַזוי מאָגער, אַז מען האָט געקאָנט איבערציילן זיינע ביינער.

און אַזוי ווי מען האָט אים אַרויסגעבראַכט אויף דער פריי, האָבן זיך ביי אים די פיס אונטערגעהאַקט און ער האָט געטאָן אַ פאַל און אויס...

פופצנטער קאַפּיטל

אויף דעם פעלד וואו מען האָט געאַקערט מיט די אָקסן וואַקסט שוין איצט ווייץ. און דאָס דאָזיקע פעלד רינגלט אַרום אונזער הויז ווי אַ גרויס ראָד. עס קומט אויס ווי אונזער הויז וואָלט געשטאַנען אויף אַן אינזל אַרומגערינגלט מיט ווייץ. דאָס דאָזיקע אינזעלע איז אויך גרין מיט גראָז, אָבער דאָס גרין פון דעם ווייצנפעלד איז אַנדערש.

שבת און זונטאָג בין איך געווען פריי פון חדר און איך בין איבערגעלעגן לעבן דעם ווייץ־פעלד און זיך צוגעקוקט ווי אַזוי עס וואַקסט דער ווייץ אין דער הויך. איין מאָל בין איך מיר אַזוי געשטאַנען ביים ברעג פון ווייצנפעלד און דערזען, ווי עס ליגט אַ קיילעכדיקע זאַך, גרויס ווי אַן אַרבוז. עס איז אָבער ניט געווען אַזוי גרין ווי אַן אַרבוז, נאָר ברוין־געל און עס איז געווען באַדעקט מיט שטעכערלעך. אַז עס איז פאַראַן קליינע באַדיעקעס, קיילעכדיקע מיט שטעכערלעך, האָב איך געוואוסט, אָבער אַזוינע גרויסע ווי דאָ־אָ, האָב איך נאָך ניט געזען.

בין איך צוגעגאַנגען און עס באַטראַכט. יאָ, עס איז אַ קיילעכדיקער „באַדיעק" מיט שטעכערלעך. איך בויג זיך אָן און נעם אָן די קיילעכיקע זאַך ביי איינעם פון די שטעכערלעך און גיי מיר דערמיט ווייזן אין אין שטוב, וואָס איך האָב געפונען. דעם גאַנצן וועג האָב איך געמאַכט פלענער ווי אַזוי איך וועל זיך דערמיט שפּילן אין שטוב: עס קאַטשן איבער דער פּאָדלאָגע, אָדער גאָר עפּענען און זען, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק.

און אָט בין איך שוין ביים הויז. איך הויב אָן אַרויפצוגיין מיט די שטיינערנע טרעפּ און די קיילעכדיקע זאַך איז ניט גרינג צו טראָגן. עס דאַכט זיך מיר, אַז עס ווערט שווערער, וואָס נעענטער איך בין ביי דער העכסטער טרעפּ. און אָט גיט זיך אומגערן די דאָזיקע קיילעכדיקע זאַך אַ שלאָג אָן אין דער שטיינערנער טרעפּ און פאַלט מיר פון די הענט, און הייבט אָן, ווי יעדע קיילעכדיקע זאַך, זיך קאַטשן אַראָפּ מיט די טרעפּ. איך האָב געוואָלט נאָכלויפן עס כאַפּן, ווען פלוצים האָט

זיך די קיילעכדיקע זאַך געטאָן ווי אַ צעעפן און עס האָט באַקומען פיר פיסלעך און אַ קאָפּ און עס האָט גענומען יאָגן — פּאַטיוק...

איך האָב זיך דערשראָקן און בין געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטער. אַט ערשט האָב איך עס געהאַט אין מיינע הענט און אַט איז שוין נישטאָ! בין איך אַריין מיט געוואַלד צו דער מאַמען. טרערן גיסן זיך פון מיר ווי פון אַ טייך, אָבער וואָס עס האָט געטראָפן, האָט די מאַמע ניט געקאָנט דערגיין.

דער שרייבער אַבראַם האָט געהאַט געדולד צו מיר און ער איז מיט מיר אַרויסגעגאַנגען זוכן דאָס, וואָס איך האָב פאַרלוירן. אויפן וועג, האָט ער ביי מיר פאַוואָליע אויסגעפרעגט וואָס עס איז געווען. און ער איז געפאַלן אויפן שכל, אַז עס איז געווען אַן אוזשאַק.*

דערנאָך האָט ער שוין געהאַט אַ גאַנצע מעשה צו דערציילן: זאָג איך, עס האָט געהאַט שפּילקעס אויפן קריזש. זאָגט ער, יאָ, עס האָט געשטאָכן ווי נאָדלען. זאָג איך, עס איז געווען קיילעכדיק. זאָגט ער, יאָ, עס איז געווען קיילעכיק. זאָג איך, עס האָט זיך געעפנט. זאָגט ער, יאָ, עס האָט זיך געעפנט און אַנטלאָפן. זאָג איך, עס איז אַן אוזשאַק... דאָס קינד איז מזלדיק. דער אוזשאַק האָט אים געקאָנט אָפּבייסן אַ פינגער. איך האָב אַמאָל געדינט ביי אַ פּריץ. און זיין ווייב, די פּריצע, איז אַ גאַנצע מאַכערקע מיט חיות. איך ווייס, דאָרטן, זי פלעגט זיי שיסן און זיי פלעגן זיך לאָזן שיסן... איין מאָל גייט זי אַזוי מיט דער ביקס אין וואַלד און גיט אַ קוק, זעט זי, עס ליגט אַ גרויסע דיניע. נאָר עפּעס איז איר די זאַך דאָסיק. אויב עס איז אַ דיניע, פאַר וואָס־זשע האָט די דיניע שטעכעלעך. נאָר פונדעסטוועגן בויגט זי זיך אָן און הויבט אָן קאַטשען די דאָזיקע מאָדנע דיניע. און איידער וואָס, ווען, — כאַפּ!... און ביי איר גייט שוין בלוט פון דער האַנט. און די דיניע האָט באַקומען פיס און פּאַטיוק!... זאָג איך צו איר, פּריצע לעבן, ווי אַזוי שטופּט מען אַ האַנט דאָרטן וואו מען דאַרף ניט? זאָגט זי, אַבראַם, דו ביזטאָך עפּעס ניט פון די וואָס מען זאָגט... וואָס הייסט, איך שטופּ אַ האַנט דאָרטן וואו מען דאַרף ניט? עס ליגט אַ דיניע... גאָר אַ טשיקאַווע דיניע... זאָל איך ניט אָנקוקן?...

—נו, און די פּריצע איז געבליבן אָן אַ פינגער? — האָט די מאַמע געפרעגט.

—ווייסעכוואָס, דאָס חיהלע האָט איר נאָר געגעבן אַ גראָבל — גיט אַבראַם אַ וואונק מיט איין אויג. ער האָט געמיינט, אַז איך האָב

* אַ יאָזש, אַ ים־חזירל.

ניט געזען ווי ער האָט געוואונקען. איך האָב אים אָבער ניט געלאָזט וויסן, אַז איך האָב געזען.

איך האָב זיך נאָר געטראַכט, אַז די גרויסע ווילן מיך אָפּנאַרן. און איך האָב אָפּגעמאַכט נאָכצוזוכן און זען נאָך אַמאָל געפינען אַזאַ מין קיילעכיקע זאַך אין פעלד און זען וואָס עס וועט זיין. צי איז טאַקע אמת, אַז עס בייסט? אָבער איך האָב אַזאַ זאַך שוין קיין מאָל מער ניט געפונען.

עס זיינען יענעם זומער געווען אַזוי פיל נייע זאַכן אַרום אונזער הויז. דער ווייץ איז אויסגעוואַקסן אַזוי הויך, אַז איך האָב געקאָנט אַריינ־גיין און דאָרטן פאַרפאַלן ווערן. יעדער ווייץ האָט געהאַט אַ קעפּל מיט האָר, וואָס האָט געשטאָכן.

איך האָב זיך אויך באַקאַנט מיטן קאָוועל יאַקאָב און מיט זיין זון הענריק. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי זיינען מענטשן מיט שוואַר־צע פּנימער און מיט שוואַרצע הענט. איך האָב ליב געהאַט צו שטיין דאָרטן אין קוזניע און קוקן ווי אַזוי דער בלאָז־זאַק בלאָזט זיך אָן און ווי אַזוי די קוילן אויפן אויוון גיבן זיך אַ צעזשאַרע און ווי אַזוי יאַקאָב גיט אַ נעם אַרויס אַ שטיק אייזן, רויט ווי פייער, און הויבט עס אָן קלאַפּן מיטן האַמער, און פונקען פליען אין אַלע זייטן. הענריק פלעגט שטיין ביים בלאָז־זאַק. און אָפט האָט ער מיך אויך געלאָזט אָנבלאָזן דעם בלאָז־זאַק.

יאַקאָב האָט גערעדט מיט זיין זון הענריק אַזאַ לשון, וואָס איך האָב כמעט ניט פאַרשטאַנען. און ביי יאַקאָבן איז געווען אַ הויכע, לאַנגע מויד מיט בלאָנדע האָר. זי האָט געהייסן גרעטכען. זי פלעגט דאַרפן קומען צו אונז אין שטאַל אַריין, אָנצומיקן אַ זאַק שטרוי. זי איז אויך אַרומ־געגאַנגען באָרוועס און אירע בלאָנדע האָר זיינען ביי איר געווען לאַנגע און האָבן פאַרדעקט איר גאַנצע פּלייצע, ווי מיט אַ שאַל.

איך האָב געזען ווי מישקאַ כאַפּט זי אָפט אָן ביי די האָר, ווען ער טרעפט זי אָן. זי פלעגט געבן אַ קוויטש. האָב איך געטראַכט, אַז עס טוט איר וויי, דערפאַר קוויטשעט זי. נאָר איין מאָל האָב איך זיך געשפּילט אין אַ זונטאָגדיקן טאָג, ניט ווייט פון דער שטאַל, וואו מען האָט געהאַלטן דאָס שטרוי. אויף אַלץ איז ביי אונז געווען שטאַלן: פאַר היי, פאַר שטרוי, פאַר די פערד און פאַר די וואָגנס און ברייטשקעס.

די שטאַל, וואו מען האָט געהאַלטן דאָס שטרוי האָט געהאַט ווענט מיט גרויסע שפּאַרינעס. פּלוצים דערהער איך גרעטכענס קול. מיר

איז שוין געווען באַקאַנט איר קוויטש. און דאָ איז עס אַרויסגעקומען פון דער שטאַל. בין איך צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן דורך אַ שפּאַרינע, וואָס דאָרט איז. האָב איך געזען, אַז גרעטכען ליגט אין טיפן שטרוי און מישקאַ דישעט זי... האָב איך געוואָלט גיבן אַ געשריי, נאָר עס האָט מיר פאַרכאַפּט דעם אָטעם און עס האָט מיך געוואָרגן אין האַלז.

דערנאָך איז אוועקגעגאַנגען עטלעכע וואָכן און איך ווייס ניט ווי אַזוי און פאַרוואָס, נאָר עס איז געקומען יאַקאָב צו אונז אין שטוב אַריין. ער האָט איצט געהאַט אַ ווייס פּנים און אויך ווייסע הענט. און ער האָט גערעדט מיט מיין טאַטן און גרויסע טראָפּנס מיט טרערן זיינען אים גערונען אויף זיינע באַקן. דערנאָך האָט דער טאַטע געשיקט רופן דאַבראַוואָלסקין און ער האָט אויך אויסגעהערט וואָס יאַקאָב האָט צו דערציילן. כ'האָב געהערט ווי זיי דערמאָנען אָפט אי מישקאַס נאָמען אי אויך גרעטכענס. און מען האָט געשיקט רופן מישקאַן און צו אים געזאָגט עפּעס בייז און האַרב. און ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין.

און דערנאָך האָב איך שוין נאָכגעקוקט וואָס דאָ וועט זיין. איך האָב געזען, ווי דער טאַטע מיינער האָט גענומען אַ לאַנגע בייטש און איז אַריינגעגאַנגען צו די יאַמשטשיקעס אין הויז. און איך בין אים נאָכגעגאַנגען. דאָרט איז שוין דאַבראַוואָלסקי אויך געווען פאַרטיק מיט אַ בייטש אין זיינע הענט.

מישקאַ האָט געדאַרפט אַריינקומען עסן. זיין מאַמע האָט זיך געבעטן אי ביי מיין טאַטן, אי אויך ביי איר מאַן, אַז זיי זאָלן דאָס ניט טאָן. זיי האָבן זיך באַהאַלטן ביידע הינטערן אויוון מיט די בייטשן אין זייערע הענט.

מישקאַ איז אַריינגעקומען עסן. ער האָט געטאָן אַ וואָרף אַראָפּ זיין קוטשמע און געטאָן אַ טרייסל מיט זיין שיינער טשופּרינע האָר. און מיין טאַטע מיט דאַבראַוואָלסקין זיינען אַרויס פון זייער באַהעלטעניש און זיך געוואָרפן אויף מישקאַן מיט די בייטשן.

מישקאַ האָט גענומען שפּרינגען, כדי צו אַנטלויפן פון די בייטשן. ער האָט געוואָלט אַרויסלויפן, אָבער ביי דער טיר איז געשטאַנען יאַקאָב און אים ניט געלאָזט. און די בייטשן האָבן געשוויסטשעט אין דער לופטן און איבער מישקאַס קאָפּ, איבער זיינע פּלייצעס און איבער זיין פּנים. ער איז געשפּרונגען אַרויף אויף די בעטן מיט דעם בעטגעוואַנט. דאָ אין דעם צימער זיינען געווען פיר אַזוינע בעטן. ער האָט זיך גע־פּרואווט באַהאַלטן אין בעט־געוואַנט, אָבער די קישנס זיינען אַראָפּגע־

שלעפּט געוואָרן און מישקאַ האָט זיך שוין ניט געקאָנט מער באַשיצן פון די בייטשן. פון זיין פּנים איז שוין געררונען פאַסיקלעך מיט בלוט און זיין האַלז איז געווען פאַרלאָפן מיט בלאָע אָדערן.

ביז ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד און די בייטשן האָבן אים געפּאַסעוועט, וואו זיי האָבן געוואָלט.

איז מיין מאַמע אַריין און אָפּגעראַטעוועט מישקאַן.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען פאַר וואָס מען האָט אים געשלאָגן. נאָר איך האָב דערנאָך מישקאַן נאָך מער ליב געהאַט. און איך האָב געהיט זיין פּנים ביז אַלע פאַסן און שניטן האָבן זיך פאַרהיילט...

זעכצנטער קאַפּיטל

ווי גיך מישקאָס פּנים האָט זיך פאַרהיילט! און ער האָט גאָר פאַרגעסן, אַז מען האָט אים געשמיסן מיט בייטשן און ער איז אַרומ־געגאַנגען און געזונגען און געפּייפט...

אין איינעם זייער אַ הייסן פרייטאָג האָט דער טאַטע זיך געוואָלטט פאָרן באָדן צום פּרוט און ער האָט געהייסן שפּאַנען פערד אין בריטשקע און מיך האָט מען אָנגעטאָן. און איך בין דערווייל אַרויפגעקראָכן אויף דער בריטשקע, ביז טאַטע־מאַמע וועלן פאַרטיק ווערן צום פאָרן.

דער קוטשער האָט עפּעס פאַרגעסן צו נעמען און איז אַוועק און מיך איבערגעלאָזט אַליין אויף דער בריטשקע. איך האָב גענומען די וויאַשקעס אין מיינע הענט און די פערד האָבן גערירט. האָב איך זיך, אַפּנים דערשראָקן און אָנגעהויבן שרייען. האָבן זיך די פערד אויך אַפּנים דערשראָקן און אָנגעהויבן צו טראָגן די בריטשקע.

אויפן פעלד, הינטערן הויף, איז געווען אַ גרויסער גרוב, אין וועלכן מען האָט היינט אָפּגעלאָשן קאַלך, ווייל מען האָט געדאַרפט ווייסן די שטאַלן. פון דעם גרוב איז געגאַנגען אַ רויך. און די צעווילדעוועטע פערד זיינען גראָד געלאָפן גלייך צום גרוב מיטן קאָכנדיקן קאַלך...

אין שטוב איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע און אַלע זיינען געלאָפן אין דרויסן, אויף מיינע קולות, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס פריער צו טאָן. נאָר איין מישקאָ האָט זיך ניט פאַרלוירן. ער האָט געכאַפּט אַ פערד, אַזוי, אָן אַ זאָטל און אַ צוימל און גענומען יאָגן און אונז אָנגעיאָגט און פאַרקערעוועט די צעווילדעטע פערד פונם קאַלכגרוב אין ווייצנפעלד. די בריטשקע איז אַריין אין ווייצנפעלד און די צעווילדעוועטע פערד זיינען געבליבן שטיין. מישקאָ איז געוואָרן דער העלד פון טאָג. ווען ניט ע ר, וואָלט איך היינט ניט געקאָנט דערציילן די דאָזיקע מעשה... און שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן, ווען מישקאָ האָט חתונה געהאַט מיט גרעט־כען, זיינען מיר, דאָס הייסט, טאַטע־מאַמע און איך געווען די גלאַוונע מחותנים...

און אַזוי איז עס געשען: אויפֿן גרינעם גראָז און פֿון יענער זייט הויף זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַלע יאַמשטשיקעס מיט זייערע ווײַבער און קינדער און זיך אויסגעשטעלט אין אַ ראָד.

יאַקאָב מיט זײַן זון הענריק אויך צווישן זיי. און מײַן מאַמע און דער טאַטע זײַנען אויך געזעסן אויף בענקלעך. אין דרויסן האָט געשײַנט די זון. און מישקאַ האָט זיך אָנגעטאָן אַ פּאָר נײַע פּלושענע הויזן, און די היטשקע האָר איז געווען בײַ אים אַרומגעשוירן גלײַך. און דער האַלז אַ ווײַסער. און ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ רויט העמד מיט אַ קוטעס און דאָס העמד איז געפֿאַלן איבער די הויזן. צוויי שטיוול מיט הויכע אָפּצאַסן און די כאָליעוועס אַזוי אויסגעפּאָלדעוועט ווי די קנײַטשן אויף אַ גאַרמאָניע.

גרעטכען איז אויך געווען אָנגעטאָן אין אַ קלייד מיט געלע און רויטע קווײַטלעך. און אירע האָר זײַנען געווען דורכגעפֿלאָכטן מיט ווײַצנזאַנגען. עס איז בײַ איר אויפֿן קאָפּ געוואַקסן אַ גאַנץ פֿעלד מיט ווייץ. איך האָב זי אפֿשר צום ערשטן מאָל געזען אין אַ פּאָר שיך. די דאָזיקע שיך מיט ברייטע נעז, מיט גומעלאַסטיקענע אויערן און מאָדנע גרויס אויף איר. ווען זי האָט געדאַרפֿט טאָן אַ שפּאַן, האָט זי מורא געהאַט, אַז זי וועט פֿאַרלירן אַ שוך.

גרעטכען האָט ניט געהאַט קיין מאַמע. און אַלע ווײַבער פֿון די יאַמשטשיקעס האָבן זיך אַרום איר געדרייט, ווי זיי וואָלטן איצט געוואָלט זײַן איר מאַמע. אָבער, ווי עס האָט אויסגעוויזן, איז זי ניט געווען אַזוי צופֿרידן מיט זייער אַרומדרייען זיך אַרום איר. זי האָט געוויינט און געלאַכט...

בײַ אונדז איז געווען אַ יאַמשטשיק האָט ער געהייסן קאַזאַטשאָק. דאָס איז געווען אַ ריִרעוודיקער קלײנטשיקער אַלטיטשקער מיט גראָע האָר. ער האָט געטראָגן אַן אויערינגל אין איינעם פֿון זײַנע אויערן. אָט דער קאַזאַטשאָק האָט איצט געשפּילט אויף אַ גאַרמאָניע. די דאָזיקע גאַרמאָניע איז געווען גרעסער פֿון אים. ווער שמועסט נאָך, ווען ער האָט די גאַרמאָניע געטאָן אַ צי אויס אין דער ברייט, האָט זי אים אינגאַנצן פֿאַרשטעלט. קאַזאַטשאָק איז געזעסן אײַנגעבויגן מיט די קניעס, אַזוי אַז עס האָט געהייסן, אַז ער זיצט אויף דער ערד און איז דאָך ניט געזעסן אויף דער ערד. ער האָט אויף די קניעס געהאַלטן די גאַרמאָניע און מיט זײַנע קליינע פֿינגערלעך אַרומגעשפּרונגען איבער די זילבערנע קנעפּלעך פֿון דער גאַרמאָניע און צוגעזונגען צום טאַקט.

אויפן גראָז, פונקט אין דער מיט פון ראָד, זיינען געווען אַלערליי גוטע זאַכן: געפלאַכטענע טונקעלע קוילעטשן — ניט קיין ווייסע ווי מיין מאַמע מאַכט. אויף אַ קיילעכיק, נידעריק טישל מיט דריי פיסלעך איז געווען אַ קליין, געבראָטן חזירל מיט די פיסלעך אַרויף און מיט אָפענע פאַרגלייזטע אויגן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס חזירל ליגט אומיסטן מיט אָפענע אויגעלעך, ווייל עס האָט מורא, טאָמער וועל עס אימעצער טאָן אַ קיצל.

און אַרום דעם ראָד גייט אַ טאַנץ.

עך! עך! טאַראַ־רי־יי־טאַראַ־רי!... — זינגען אַלע אינאיינעם.

עך! עך! טאַראַ־רי! טראַראַ־רי!

און זיי ענטפערן זיך אַליין:

ראַם־טאַ — דעראַם! ראַם־טאַ־דעראַם!

און קאַזאַטשאָק ציט אויס די גאַרמאָניע אין אַ האַלבן קרייז און די גאַרמאָניע קרייעט ווי אַ יונג הענדל. און קאַזאַטשאָק קלאַפּט מיט די פינגערלעך און די גאַרמאָניע הויבט אָן טרעלעווען ווי אַ סאָלאָוועי.

און דער ראָד מיט די טענצערס צעלויפט זיך אין אַ גאַלאָפּ, ווי יונגע פערד, פיס שפּרינגען און בריקען און מען כאַפּט מיך אויך אַריין אין ראָד און אויך מיין טאַטע־מאַמע.

דער טאַטע לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט אַריינכאַפּן אין ראָד.

די מאַמע איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ קישעלע פון הינטן. דאָס קישעלע זעט מען ניט, נאָר איך ווייס, אַז זי האָט אַ קישעלע אונטערן קלייד. דאָס קלייד האָט אַ לאַנגן שלעפּ. און דער שלעפּ טשע־פּעט זיך אין גראָז. מוז זי האַלטן דעם שלעפּ אין די הענט. זי דעקט אויף אַ ביסל אירע פיס ביז איבער די שיך. מען קאָן אַרויסזען אירע זאָקן. דער טאַטע שרייט צו איר: — נו — אַ!... זי לאָזט אַראָפּ דאָס קלייד און לאַכט.

אָפּגעטאַנצט, לויפן אַלע צו צום טישל מיטן חזירל. עס ליגט נאָך אַלץ מיט אָפענע אויגן. דאַבראַוואָלסקי, מישקאָס טאַטע, גיט אַ ציי אַרויס אַ לאַנג מעסער פון די כאַליעוועס פון זיינע שטיוול. ער גיט דאָס מע־סער אַ רייב אין איינער פון די כאַליעוועס און נעמט זיך צום חזירל. דאָ אָ, ביי דער דאָזיקער געשיכטע, ווען דאַבראַוואָלסקי נעמט זיך צום חזירל, רופט דער טאַטע אַוועק די מאַמע און זיי נעמען אויך מיך מיט זיך און מיר גייען אַריין אין שטוב.

איך האָב ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מיין טאַטע האָט שוין מער ניט געוואָלט זיין דאָרטן אויף דער חתונה. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז

זיי, די יאַמשטשיקעס, האָבן אונז זייער ליב. און ווען זיי האָבן געזען, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען גייען אַוועק, האָבן זיי זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז מיר זאָלן נאָך פאַרבלייבן.

מיין טאַטע איז אָבער געווען אַן עקשן: ניין! ניין! עפּעס איז ניט געווען גלאַט, נאָר איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין וואָס.

סיי־ווי־סיי האָט זיך נאָך לאַנג געהערט דאָס שפּילן פון דער גאַר־מאָניע און דאָס פריילעכע טאַנצן און געשריי. נאָך דער חתונה האָט שוין מישקאַ געוואוינט ביי יאַקאָבן אין שטוב, און אַקעגן ווינטער האָט גרעטכען געהאַט אַ קינד.

ביי אונז אין שטוב איז אויך געבוירן געוואָרן דאָס פערטע ברי־דערל, און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נחום. יענעם ווינטער בין איך ניט געגאַנגען, אָדער בעסער געזאָגט, ניט געפאָרן אין חדר. אַבראַם האָט מיך געלערנט עברי. און ביי אונז אין שטוב איז עפּעס געוואָרן טרויעריק.

איך האָב געהערט עפּעס ווי דער טאַטע האָט געהאַלטן אין איין זאָגן: „די בני חעס...״ די מאַמע האָט געקרעכצט. און דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן צום רבין קיין הוסיאַטין און זיך דאָרט געזאַמט אַ חודש צייט. און ער איז צוריקגעקומען און געזאָגט דער מאַמען, אַז דער רבי האָט געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ פּאַטשט...

וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט, האָב איך ניט געוואוסט, נאָר אַז עס איז געקומען נאָך פסח און עס איז געוואָרן נאָכאַמאָל זומער, האָב איך געזען פּלוצים איינמאָל ווי די מאַמע האָט געוויינט. און דער טאַטע איז ווייטער אַוועקגעפאָרן אויף לאַנג.

ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ער געווען אַ פריילעכער, און די מאַמע איז אויך געווען זייער פריילעך. און ביי אונז אין שטוב זיינען זיך צונויפגעקומען די מומע אסתּר און דער פעטער אַברהם און אויך די מומע ריווע און דער פעטער פייוול און האָבן געהאָלפן פּאַקעווען...

וויפיל וועגן עס זיינען געווען האָט מען זיי אָנגעפילט מיט דעם מעבל און בעטגעוואַנט. און מיך האָט מען אַרויפגעזעצט מיט מישקאַן אויף אַ וואָגן און די איבעריקע ברידערלעך אין אַנדערע וואָגנס, און פּאַראַסקע אויך מיט די קינדערלעך. מען האָט אויסגעליידיקט דאָס גאַנצע הויז מיט די שטאַלן. וויפיל פערד מען האָט געקאָנט האָט מען איינגע־שפּאַנט אין די וואָגנס און די איבעריקע האָט מען צוגעבונדן פון הינטן, ביי די וועגענער. און עס איז געווען אַ וואַרעמער טאָג און מיר זיינען אַרויסגעפאָרן אויפן וועג.

שפּעטער מיט יאָרן האָב איך זיך דערוואוסט ווער די „בני חעס" זיינען געווען, און אַז זיי האָבן ביי מיין טאַטן אויסגעדונגען די פּאַטשט און אים שיר ניט אומגליקלעך געמאַכט, און אַז דער רבי האָט גע־וואונטשן דעם טאַטן, אַז ער זאָל קריגן אַ נייע פּאַטשט. און דער טאַטע איז אַוועק קיין קישענעוו און געדונגען אַן אַנדער פּאַטשט.

אָבער דעמאָלט, ווען מיר זיינען געפאָרן מיט די וועגענער איבער די בעסאַראַבער וועגן, האָב איך נאָך ניט געוואוסט וואוהין מיר פאָרן. מיך האָט גאָרניט געאַרט, אַבי מיר פאָרן. עס ציט זיך אַ לאַנגער קאַ־ראַוואַן מיט פערד און וואָגנס, מיט בריטשקעס, מיט אַ סך פערד. די פערד הירזשען. די זון שיינט, דער וועג לויפט באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף. אויף די פעלדער אַרבעטן פויערים מיט פויערטעס. זיי זיינען אַלע אָנגעטאָן מיט רויטע פאַטשיילעס אויף די קעפּ זיי זיינען איינגעבויגן ביז צו דער ערד און ווען מיר פאָרן דורך, גלייכן זיי אויס זייערע פליי־צעס און קוקן אונז אָן. איך האָב געזען ווי איינער איז אַרומגעגאַנגען און געשעפּט מיט דער האַנט פון אַ טאָרבע און געשפּרייט איבער דעם פעלד. איך האָב געזען ווי איינער האָט געאַקערט מיט איין פערדל, וואָס איז געווען אַזוי דאַר, אַז עס האָט זיך מיר געדאַכט, אָט־אָט צעברעכט עס זיך, דאָס פערדל, אויף פּיץ־פּיצלעך. איך האָב געזען ווי ביים ברעג פון אַ פעלד זיינען געזעסן אַ פּויער מיט אַ פּויערטע און געגעסן. דורכ־פאָרנדיק, האָב איך געזען, אַז זייער ברויט איז שוואַרץ ווי די ערד. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי עסן פּשוטע ערד. איך האָב געזען אַלערליי דערפער און שטעט. און מישקאַ האָט מיך געלאָזט טרייבן די פערד, ווען ער האָט געוואָלט פאַרקאַטשען אַ ציגאַרעט. און זיין ווייב גרעטכען איז מיטן קינד געלעגן אין וואָגן באַהאַלטן צווישן דעם בעט־געוואַנט. און אַרום פאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען אין יעדעניץ. דאָ האָבן מיר איבערגענעכטיקט אין אַן איינפאָר־הויז, און אויף מאָרגן איז מען ווידער געפאָרן מיט בערג און טאָלן, און ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין רישקאַן איז נאָך געווען ווייט ביז זון־אונטערגאַנג.

מיר פאָרן אַראָפּ מיט אַ הויכן באַרג, איבער אַ לאַנגער בריק, עס פליסט אַ ברייטער טייך. און פון דער בריק גלייך אין אַ גרויסן, קיי־לעכדיקן מאַרק־פּלאַץ. אינדערמיט פון פּלאַץ — אַ קערניצע. אַרום דעם מאַרק־פּלאַץ — שטיבער, קראָמען, קראָמען.

זיבעצנטער קאַפּיטל

אַז מיר זיינען אָנגעקומען קיין רישקאָן און פֿאַרפֿאָרן צו דער שטוב, וואָס דער טאַטע האָט געדונגען, איז דאָרטן געשטאַנען ביי דער פֿאַר־טעטשקע זייער אַ ברייטע, פּעטע יידענע און געשריען: — כ׳על ניט אַראָנלאָזן!

דער טאַטע איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון דער בריטשקע צו דער אידענע און צו איר עפּעס געטענהט. אָבער זי האָט נאָך אַלץ געשריען אויף אַ הייזעריק קול: — כ׳על ניט אַראָנלאָזן!

די דאָזיקע שטוב איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פֿונעם גרויסן מאַרק־פּלאַץ און אַזוי ווי אונזערע וועגענער מיט די פֿערד מיט די בריטשקעס האָבן שיר ניט פֿאַרפּולט דעם גאַנצן מאַרק־פּלאַץ, זיינען זיך צונויפֿגע־לאָפֿן זייער אַ סך מענטשן. איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געזען אַזוי פֿיל מענטשן. און זיי שטייען אוןריידן אויף אַ קול וועגן אונז.

עס איז שוין באַלד נאַכט. די זון זעצט זיך דאָרט וואו דער טייך איז. מיך הונגערט און איך בין מיד און צעבראָכן פֿון דער לאַנגער נסיעה. איך פֿאַרשטיי ניט פֿאַרוואָס מען לאָזט אונז ניט אַריין. וואָס איז דאָ? איז דאָס אונזער נייע היים? און פֿאַרוואָס דאַרפֿן מיר שטיין אין דרויסן?

מישקאָ רויכערט און וואַרטשעט. די פֿערד גראָבן מיט זייערע קאָ־פּיטעס אין דער ערד. איך זע ווי דער טאַטע לויפֿט אַוועק און ברענגט מיט זיך אַן עלטערן מענטשן מיט אַ באַגראָדעטער, סיוועך באָרד. ער איז אַ נידעריקער און אַ גראָבער און טראָגט אַ גראָבן שטעקן אין זיינע הענט.

טראַכט איך, אַז די פּעטע אידענע וועט זיך באַלד דערשרעקן פֿאַר דעם יידן מיטן גראָבן שטעקן. אָבער עס הויבט זיך ניט אָן. זי הויבט אָן נאָך העכער שרייען: — כ׳על ניט אַראָנלאָזן!...

איז אונז אויסגעקומען כאָטש צו בלייבן נעכטיקן אין מיטן מאַרק. און איך האָב שוין געהערט ווי מיין מאַמע וויינט און טענהט צו די

מענטשן וואָס שטייען אַרום, אַז מיר זיינען דאָ פרעמד און זי האָט קליינע קינדערלעך און וואָס שוויגט מען...

און דער נידעריטשקער, גראָבער איד מיטן שטעקן איז אוועק מיט מיין טאַטן זוכן אַן אַנדער דירה.

אָבער עס איז ניט געווען קיין אַנדער דירה. דאָס הייסט, געווען זיינען יאָ אַ סך דירות, נאָר קיינער האָט ניט געוואָלט פאָרדינגען מיין טאַטן אַ דירה, דערפאַר וואָס ער האָט אויסגעדונגען די פאַטשט ביי בערקע וואַסערשטיין.

דער דאָזיקער בערקע וואַסערשטיין איז גראָד געווען זייער אַ רייכער פּאַסעסאָר. די פאַטשט האָט ער געהאַלטן צוליב כבוד... עפּעס אַ קליי־ניקייט: די קאַזיאָנע פאַטשט!

און אַט דער בערקע וואַסערשטיין האָט עס געפּועלט ביי אַלעמען, אַז מען זאָל מיין טאַטן ניט פאַרדינגען קיין דירה. און אויב די פעטע יידענע, די אַלמנה מאַסיע, האָט יאָ פאַרדונגען, האָט בערקע איבער איר אַזוי פיל גערעדט, ביז ער האָט זי איבערגערעדט, אַז זי זאָל אונדז ניט אַריינלאָזן.

דער עולם וואָס איז זיך צונויפגעלאָפן איז געווען בייז און עס האָט זיך געהערט אַזאַ מין טומל און גערודער צווישן זיי, אַז איך האָב געמיינט אַז באַלד וועט עפּעס טאָן אַ דונער פונעם ליכטיקן פאַרנאַכטיקן הימל און עס וועט עפּעס געשען... אַ פּאָר מאָל האָבן זיך מענטשן געטאָן אַ לאָז צו דער פעטער יידענע און זיך צוריקגעהאַלטן...

און דער ייד מיטן גראָבן שטעקן, וועלכער האָט געהייסן רעב מאַ־סיע, איז אַוועק מיט מיין טאַטן אין דער ריכטונג פון דער בריק און באַרג אַרויף גלייך צום פריץ אין הויף אַריין.

און דערנאָך זיינען זיי געקומען צו פאָרן מיט אַ פאַיעטאָן און מיט אַ דריטן, אויך זייער אַ גראָבן. און איך האָב געזען, אַז דער גאַנצער עולם האָט באַלד אַראָפּגעכאַפּט די היטלען פון די קעפּ, ווען זיי האָבן דערזען אַט דעם דריטן...

דאַכט זיך, גאָר אַ פעטער מענטש, וואָס קען קוים אַראָפּקריכן פונעם פאַיעטאָן, און ווען ער גייט שפּאַרט זיך פריער זיין בויך, און דאָך טרעט מען אָפּ און מען מאַכט אים אַ וועג און מען כאַפּט אַראָפּ די היטלען.

און אַז די פעטע יידענע מאַסיע האָט דערזען אַט דעם פריץ, איז זי אים אַנטקעגן געגאַנגען און אָנגעהויבן צו וויינען...

און דער סוף איז געווען, אַז מיר זיינען באַלד אַראָפּ פון די וועגן און אַריין אין אונדזער דירה. די זון האָט זיך שוין לאַנג געזעצט און עס איז שוין געוואָרן נאַכט. און עס האָט געדויערט זייער לאַנג ביז מען האָט אַריינגעטראָגן דאָס גאַנצע מעבל און ווער עס האָט געקאָנט האָט צוגעלייגט אַ האַנט. די טירן זיינען צעעפנט געוואָרן און ווילד־פרעמדע מענטשן האָבן געהאָלפן אַראָפּטראָגן די פּעק מיט בעטגעוואַנט און מען האָט אָנגעצונדן לאָמפּן.

און פּאַראַסקע האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַם פּריפּיטשיק און גע־לייגט אַ פייער. און מיין מאַמע האָט צוערשט זיך אַרומגעקוקט ווי אַזוי די דירה זעט אויס, און זי האָט געזאָגט, אַז איר געפעלט גאָר ניט אַזוי שטאַרק די נייע דירה.

— וואָרט, וועסט זי זען מאָרגן אינדערפרי! — האָט דער טאַטע זי געטרייסט. און צו ביסלעך איז זיך דער פרעמדער עולם צעגאַנגען און מיר האָבן זיך געזעצט אַרום טיש און געגעסן וועטשערע און גע־טרונקען טיי. און אין אונזערע גלידער איז זיך צעגאַנגען אַזאַ מידע וואַרעמקייט, און מיר האָבן זיך געלייגט אָפּרוען.

און איך בין געווען אויף זייער פרי. דאָס נייע אָרט און די פייגל האָבן מיך ניט געלאָזט שלאָפן. און באַלד איז שוין געווען אויף די פיס דאָס גאַנצע הויזגעזינדט. און איך בין אַרויף אויפן גאַניק און דער־זען, אַז מיר האָבן גרינע שטאַכעטן און ביימער פון פאָרנט.

און איך בין אַרויס פון דער פאָרטעטשקע און געגאַנגען אויס־קוקן, וואָס עס טוט זיך עפּעס הינטער אונזער נייער היים. און איך בין צוגעקומען צום טויער און אַריין אין אַ גרויסן הויף און דערזען אונ־זערע וואָגנס, בריטשקעס און די שטאַל. און מישקאַ איז שוין אויך אַרונגעגאַנגען מיט קאַזאַטשאָקען אַרום דער שטאַל. און איך בין אַריינ־געגאַנגען אין שטאַל אַריין. און איך האָב געזען, אַז דאָ איז די שטאַל קלענער ווי די שטאַל אין ליפּקאַן.

אָבער די פערד האָבן זיך גאָר ניט באַקלאָגט. זיי זיינען געשטאַנען אין אַ שורה, האַרט איינער לעבן אַנדערן און זיינען געווען פאַרטיפט מיט זייערע קעפּ אין די זשאַלעבעס און זיי האָבן געמאָלן מיט זייערע ציין דעם האָבער. זיי זיינען אַזוי געווען פאַרטיפט אין זייער עסן, אַז זיי האָבן זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף מיר.

די שטאַל איז דאָ געווען געמאַכט פון ברעטער און ניט פון קיין שטיינער ווי אין ליפּקאַן. און זי איז געווען דווקא העכער און ליכטיקער.

איך בין אַרויס פון שטאָל און באַטראַכט דעם הויף. אין דער מיט איז געווען אַ קערניצע מיט אַ קליין הילצערן שטיבעלע איבער דער קערניצע. מישקע האָט געשעפּט וואַסער מיט אַן עמער און שטריק. און איך בין צוגעגאַנגען און אַריינגעקוקט אין דער קערניצע און אַריינגעשריען. און דאָס וואַסער האָט מיר צוריק פון דער טיף אָפּגעענטפערט. און איך בין געגאַנגען אַ קוק טאָן אויפן פּלויט אַרום דעם הויף. ער איז אויך געווען געמאַכט פון ברעטער און ניט פון שטיינער. די ברעטער פונעם פּלויט זיינען געווען שיטער. און איך האָב באַלד אַרויפגעשטעלט אַ פוס און בין אַרויפגעקראָכן. און איך האָב געזען אַ צווייטן הויף פון יענער זייט. אָבער דאָרטן איז געווען אַ פּוסטער הויף...

און איך בין אַראָפּגעשפּרונגען צוריק אויף דער ערד און בין געגאַנגען אין שטוב אַריין, דורך דער הינטערשטער טיר. פריער איז געווען אַ קליין פיר־הייזל, דערנאָך אַ קיך. און דערנאָך נאָך אַ קיך.

צו וואָס טויג אונז צוויי קיכן? — האָב איך זיך געפרעגט. נאָר דאָס איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן אַ ביסל שפּעטער. דערווייל האָב איך געוואָלט אויסקוקן וואָס עס טוט זיך ווייטער. אין דער צווייטער קיך איז שוין געשטאַנען מיין מאַמע מיט פּאַראַסקען. און אין אויוון האָט געפלאַמט אַ פייער. און עס האָט געשמעקט מיט פריש טייג... איך בין דורך אַ טיר רעכטס און אַריין אין דער קאַנצעלאַריע, וואו דער טאַטע האָט אויסגעשטעלט דעם טיש מיט די ביכער. ער האָט מיך ניט געהאַט קיין צייט צו באַמערקן. און איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ צווייטן צימער, גאָר אַ גרויסן, מיט פענצטער צום מאַרק.

אַט אַזוי האָב איך דערווייל אויסגעקוקט די גאַנצע היים און ווידער אַרויס אויפן גאַניק. דער מאַרק־פּלאַץ איז געווען ליידיק. די ביימער האָבן אַ ביסל ווי איינגעדעקט אונזער גאַנץ הויז. פייגעלעך זיינען אַלע מאָל אַראָפּ פון די ביימער און זיך געשפּילט אין דעם גראָז פון אונזער גערטנדל. זיי האָבן זיך געפרייט און געזונגען און איך האָב נאָר איין זאַך פאַרשטאַנען, אַז זיי פרייען זיך מיט אונז.

און איך בין אַריין צו דער מאַמען אין קיך און געטאָן אַ געשריי: כ׳וויל עסן! און די מאַמע האָט אַרויסגענומען אַ פּאַדפּאַליק פונעם אויוון און אים באַשמירט מיט שמאַלץ. און איך בין אַרויס צוריק אויפן גאַניק און געגעסן דעם פּאַדפּאַליק. און די פייגעלעך האָבן דערשמעקט דעם ריח פונעם פּאַדפּאַליק, האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אויף די שפּיצן פון די שטאַכעטן און מיט די פּיסקלעך אָקעגן מיר און מיט איין אויגל אַ קוק אַהער און מיטן צווייטן אויגל אַ קוק אַהין — און איך ברעך אָפּ אַ

שטיקל פּאַדפּאַליק און וואַרף אַראָפּ אויפן גראָז. און צום ערשטן דער־שרעקן זיך אַלע פייגעלעך און באַהאַלטן זיך צווישן די בלעטער אויף די צווייגן. אָבער, אַז זיי זעען, אַז איך האָב נאָך כמעט דעם גאַנצן פּאַד־פּאַליק הויבן זיי אָן אַראָפּצופליען אויפן גראָז. און זיי נעמען זיך רייסן איבערן שטיקעלע פּאַדפּאַליק וואָס איך האָב פריער אַראָפּגעוואָרפן. איך באַטראַכט זיי. עס זיינען דאָ אין רישקאָן פונקט אַזעלכע פייגעלעך ווי אין ליפּקאָן. און דאָס וואונדערט מיך: אַלעס איז דאָ אַנדערש, נאָר ניט די פייגעלעך! איך גיב די פייגעלעך אַוועק מערער פונעם פּאַדפּאַליק, ווי איך אַליין נעם פאַר זיך. און זיי שטייען אויף די שפּיצן פון די שטאַכעטן און באַטראַכטן מיך פון אַלע זייטן.

און דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען זייער פאַרנומען גאַנצע טעג.

עפּעס גרייט מען זיך אין שטוב. עס שמעקט מיט געבעקס און מיט פרייד. און עס קומט אָן דער ערשטער שבת אין רישקאָן.

און דער טאַטע נעמט מיך מיט אין קלויז אַריין. איך בין דאָס ערשטע מאָל אין אַ קלויז, אין ליפּקאָן האָבן מיר געוואוינט אויסער דער שטאָט, און דאָרטן האָט מיך דער טאַטע קיין מאָל ניט מיט גע־נומען אין קלויז אַריין.

איך קום אַריין, און אידן פרעמדע קנייפּן מיך די בעקלעך. איך זע אַ גרויסע שטוב מיט אַ סך פענצטער אין אַלע ווענט. פענצטער, פענצטער!... אין איין זייט וואַנט אַ פאָרהאַנג מיט צוויי לייבן אויסגע־בייט פון גאָלדענע פעדים. פון ביידע זייטן פון אָט דעם פאָרהאַנג ציען זיך צוויי לאַנגע בענק מיט שטענדערס. ביי יעדן שטענדער זיצט אַ ייד, אָדער שטייט אַ ייד מיט אַ טלית אָנגעטאָן. מען פאַרבעט מיין טאַטן אַהין אויבן־אָן און מען גיט אים אָפּ אַן אָרט מיט אַ שטענדער. איך שטעל זיך אַוועק ביים שטענדער און האַלט זיך אין אים צו מיט איין האַנט. איך הער, אַז עס שרייען אַלע מיט אַמאָל אויף אַ קול. איך זע, ווי ביי אַ שאַפע ניט ווייט פון פאָרהאַנג שטייט אייגער מיטן טלית אַרי־בערגעצויגן איבער זיין קאָפּ, און מען קאָן אַזש ניט אַרויסזען זיין פּנים. אויף דעם געשטעל פון דער שאַפע שטייען אַ סך לייכטער און עס ברענען אין זיי ליכט. און דער מענטש מיטן איבערגעדעקטן פּנים שרייט הע־כער פון אַלעמען. עס איז ביי מיר אַזוי ניי, אַז איך פאַרגעס אין מיר אַליין, און איך שטיי און וואונדער זיך, וואָס דאָ איז. און דערנאָך זע איך, ווי מען רוקט אויף דעם פאָרהאַנג און מען נעמט אַרויס אַ שווערע זאַך מיט צוויי הילצערנע הערנער און מיט אַ רויט־סאַמעטן מענטעלע מיט גאָלד אויסגענייט. און מען גייט דערמיט אַוועק אַרום און אַרום,

ביז מען קומט צו צו אַ הויכן טיש און מען לייגט עס אַוועק אויפן טיש, און מען שלעפּט דערפון אַראָפּ דאָס מענטעלע. און עס שטעלט זיך אַוועק איינער און עס ווערט שטיל. און איך הער, ווי מען רופט אויס נעמען. און ווען מען רופט אויס מיין טאַטנס נאָמען, גייט ער אַוועק אַהין צום טיש און זאָמט זיך דאָרט ניט לאַנג.

און איידער מען גייט אַהיים, הער איך ווי איינער גיט אַ קלאַפּ אין טיש און רופט אויס: — אַלע יידן זיינען געבעטן צו קומען אויף אַ קער־מישל צו חיים פאַטשטאַר.

מיין טאַטע פירט מיך ביי דער האַנט. ער טראָגט זיין ראַזעוואַלקי[1] אויף די אַקסל. און אין אַ לאַנגער שורה מיט אונז גייען נאָך יידן אויך מיט זייערע ראַזעוואַלקיס אויף די אַקסל. און אַ גאַנצע מחנה מיט יידן גייט נאָך אונז.

און מיר קומען אַריין אין שטוב, און דער טיש איז געדעקט מיט אַ ווייס טישטעך און עס שטייען פלעשער בראָנפן און ווייַן. און יידן זעצן זיך אַרום טיש און מען טרינקט בראָנפן און ווייַן. און די מאַמע שיינט פון נחת און זי איז פאַרפוצט מיט אַ פאַרוק און מיט אוירינגלעך אין אירע אויערן. און זי דערלאַנגט פאַלומעסיקס מיט פיש, מיט סאָס און מיט פּראַקעס.[2] און אידן זינגען און מען כאַפּט אַפילו אַ טענצל.

עס איז גאַרניט אַזוי שלעכט, ווי עס האָט זיך מיר באַלד פון אָנהויב אויסגעוויזן. אָט האָבן מיר שוין אַ פולע שטוב מיט גוטע מענטשן...

---

[1] רוק־זעקל — אין דעם פאַל: דאָס טלית־זעקל.
[2] פּראַקעס — זיס־זויערע פליש, געוויקלט אין קרויט.

אכצנטער קאַפּיטל

דעם ערשטן שבת נאָך מיטאָג האָט מען אָנגעהויבן טראָגן צו אונז שטוב קאָסעלן מיט איינגעמאַכטס און פלעשער מיט וויין. און די פּאַר־שעמטע מיידעלעך, וואָס האָבן געבראַכט אָט די גוטע זאַכן, האָבן קוים, קוים אַרויסגעפּישטשעט: — טאַטע־מאַמע שיקן צו די ליבע געסט... שיקן צו די ליבע געסט...

און באַלד, פּאָוטאָרנע [1] האָבן אָנגעהויבן אָנקומען רישקאַנער ווייבער מיט דריי־גאָרנדיקע גוידערס און מיט פּאַרוקן מיט דריי־גאָרנדיקע טשו־פּיקלעך־קרייזעלעך. און מיין מאַמע האָט זיי אויסגעזעצט אין דעם „זאַל" און זיי טראַקטירט מיט קעלשיקלעך בראָנפן און פלאָדן און מיט טיי פונעם סאַמאָוואַר, וואָס פּאַראַסקע האָט געהאַלטן אין איין אויפזידן, איינס נאָך איינס.

און ערשט פאַרנאַכט־צו ווען די דאָזיקע ווייבער זיינען אַהיימגע־גאַנגען און די מאַמע האָט געזאָגט „גאָט פון אַברהם־יצחק־יעקב" און מען האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן און דער טאַטע האָט געמאַכט הבדלה, ערשט איצט האָבן אָנגעהויבן קומען נייע געסט.

אָט איז געקומען רעב מאָסיע מיט זיין ווייב, מיט זיין גראָבן שטעקן. און אָט איז אויסגעוואַקסן די פעטע יידענע מאָסיע. זי איז אַריין מיט אַ הייזעריקן געפּילדער. און זי האָט זיך געקאָטשעט ווי אַ פעטע קאַטש־קע בשעת זי איז געגאַנגען. זי האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן פאַרוואָס זי האָט אונז ניט געוואָלט אַריינלאָזן...

און עס זיינען געקומען נאָך מאַנצבילן און ווייבער.

אָט איז אונזער שכן אַהרן מײלעכזאָן מיט זיין ווייב פּייגע. זיי וואוינען אויף דער רעכטער זייט פון אונזער הויז. זיי האָבן מיטגעבראַכט צוויי מיידעלעך און אַ דאַרטשיק אינגעלע. דאָס אינגעלע הייסט פּאָוועלע און די צוויי מיידעלעך יענטע און מינדל. און אָט איז געקומען צו אונז אַ שכן, וואָס וואוינט די דריטע שטוב פון אונז, אַ ייד מיטן נאָמען זיידע גרינעוואַצקי און זיין ווייב חיה און זיי האָבן געבראַכט מיט זיך

[1] כהרף־עין.

דריי גרויסע מיידן. און עס האָט זיך שפּעטער געטאָן אַ צעעפן די טיר און עס האָט געטאָן אַ קום אַריין מיט זייער פיל פרייד, אַ ייד מיטן נאָמען אַברהם באַראַן מיט זיין ווייב חנה. עס איז געוואָרן זייער פריילעך ווען דער אַברהם באַראַן האָט זיך נאָר באַוויזן, גלייך ווי ער וואָלט אָנגעקומען פון ווער ווייסט וואו...

און פּאַראַסקע האָט געהאַט איין אַרבעט: זי האָט אויפגעזאָטן סאַמאָוואַר נאָך סאַמאָוואַר... און דערנאָך איז געקומען נפתלי פּערלצווייג מיט זיין ווייב צירל. און דערנאָך איז געקומען שמעון מיילעכזאָן מיט זיין ווייב רייזל. אַלץ אַזעלכע יידן מיט פאַרשווירענע בערדלעך און מיט קורצע קליידער און מיט האַרטע קאַפּעלושן און מיט וואַזשנע שטעקענעס.

און נאָכדעם ווי מען האָט זיך גוט אָנגעטרונקען מיט טיי און מיט וואַרעניע האָט די מאַמע געפרעגט צי מען וואָלט ניט געוואָלט קיין בעלנים צו עסן מאַמאַליגע מיט קעז און פּוטער? צי אפשר וואָלט מען געוואָלט אַ בעלן צו עסן וואַרעניקעס מיט קעז און פּוטער?

— וואַרעניקעס!... וואַרעניקעס!... — האָבן אַלע געשריען.

און די מאַמע האָט זיך געשטעלט מאַכן וואַרעניקעס. און אַברהם באַראַן האָט נאָר געוואָלט, אַז זיינע וואַרעניקעס זאָלן שווימען אין פּוטער, ווי פיש אין וואַסער. און דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער אויסגעפירט. און ער האָט גענומען האָדעווען די דאַמען מיט וואַרעניקעס... און פייגע מיילעכזאָן האָט אָנגעהויבן צו קוויטשען ווען זי האָט דערזען, אַז אַברהם באַראַן גייט צו איר מיט אַ פעטן וואַרעניק אין די הוילע הענט. און אַברהם באַראַן איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. איך האָב שוין פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. און ער איז צוגעגאַנגען צו פייגען און זי האָט געקוויטשעט. און דער גאַנצער עולם האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. און פייגע האָט געמוזט עסן דעם וואַרעניק פון אַברהם באַראַנס הענט...

און דער אַ אַברהם באַראַן איז געווען אַ מה־יעשה׳ניק... ער האָט אויסגעטאָן זיין קאַפּאָטקעלע, וואָס איז געווען פאַרקיילעכיקט פון פאָרנט און איז געבליבן אַזוי אין דעם אַטלאַסענעם, ווייסן זשילעט מיט דער גאָלדענער קייט און אין די אַרבל מיט מאַנזשעטן. און ער האָט זיך נאָכגעקרימט ווי אַזוי גרוויסע מענטשן פון רישקאַן רעדן און גייען. און אַז ער האָט געוואָלט האָט ער זיך געמאַכט, ווי אַ קאָסאַקער און מען איז געלעגן פשוט אויף דער פּאָדלאָגע פון געלעכטער. און מען האָט זיך שוין געבעטן ביי אַברהם באַראַן, אַז ער זאָל שוין אויפהערן מיט זיינע שטיק...

און העט, העט שפּעט בײנאַכט זײנען זיך די געסט צעגאַנגען אַהײם און מען האָט זיך געלײגט אָפּרוען.

און אויף מאָרגן זונטאָג גאַנץ פרי ווען איך האָב געעפנט מײנע אויגן, האָב איך דערזען דורכן פענצטער אַ פולן מאַרק מיט פורן. און איך האָב זיך אָנגעטאָן און האָב געפרעגט מײן מאַמען, וואָס עס איז אין מאַרק־פּלאַץ.

אַ יאַריד...

און איך בין אַרויס אויפן גאַניק אָנקוקן דעם יאַריד. דאָס ערשטע וואָס עס האָט מיר געטאָן אַ שלאָג אין פּנים אַרײן, איז געווען דער גרויסער טומל פונעם יאַריד. אַזאַ טומל האָב איך נאָך קײן מאָל אין מײן לעבן ניט געהערט. איך האָב זיך אַזש געטאָן אַ כאַפּ פאַר די אויערן. עס האָבן געהירזשעט פערד; עס האָבן געקוויטשעט חזירים; עס האָבן געשריגן מענטשן; עס האָבן געגאָגערט גענז; עס האָבן געקרײעט הענער; עס האָבן געקלונגען גלעקער אין קלויסטער. גלײך לעבן אונזער שטוב זײנען געשטאַנען זײער אַ סך פערד. איך האָב געזען, אַז מענטשן האָבן זיך געשטופּט צווישן די פערד און זײ געטאַפּט די קריזשעס, אָדער צע־עפנט זײערע מײלער און זײ אַרײנגעקוקט אין די צײן. פון צײט צו צײט האָט זיך אײנער געטאָן אַ כאַפּ אַרויף אויף אַ פערד אָן אַ זאָטל און איז דערמיט אַוועקגעריטן, קלאַפּנדיק דאָס פערד מיט די שפּיצן פון די שטיוול, כּדי עס זאָל בעסער לויפן... און איך האָב געזען, ווי דאָס פערד וועט באַלד, באַלד אַרויסלאָזן די נשמה, ווײל עס האָט ניט קײן כּוח צו לויפן, אָבער עס האָט מורא פאַרן מענטשן, וואָס זיצט רײטנדיק... לויפט עס און שפּײט אַזש מיט ווײסן שוים, ביז עס קומט צוריק און דער רײטער שפּרינגט אַראָפּ און גיט אים, דעם פערד, נאָך אַלס צוגאָב אַ בריק אין בויך אַרײן מיטן שטיוול... דער אָפּקלאַנג פונעם בריק אין פערדס בויך גיט זיך מיר אַ שניט אַרײן אין מײן האַרץ. און די מאַמע רופט מיך אַרײן עסן איבערבײסן. און איך עס און עס פאַרדריסט מיך זײער אויף דעם ײדן, וואָס האָט געבריקערט דאָס פערד...

דערנאָך גײ איך ווידער אַרויס אויפן גאַניק און איך זע דעם גאַנצן מאַרק, ווי אויף דער דלאָניע. עס קומט מיר אויס ווי אַ גרויסער טײך אָדער ווי אַ גרויס פעלד מיט קווײטן אַלערלײ. און איך גײ אַראָפּ צום יאַריד. איך בלאָנדזשע אַרום צווישן די פורן. אָט זע איך ווי אַ גרויסער חזיר ליגט צעלײגט אויף אַ וואָגן מיט געבונדענע פיס. דער חזיר שרײט

און שניידט די לופט ווי מיט שאַרפע ריסקאַליעס...* און אַט אויף אַן אַנדער וואָגן ליגט אַ קעלבעלע און מעריקעט שטילערהייט. דאָס קעל־בעלע איז רויט מיט ווייסע פלעקן. און אויף אַן אַנדער וואָגן שטייען עטלעכע ווייסע גענז מיט רויטע פיסקלעך. זיי גראַגערן און פאַכן מיט די פליגל. און אויף אַן אַנדער וואָגן זיצן טאַטע מאַמע און קינדערלעך און עסן שוואַרץ ברויט מיט עפּעס אַ ווייסער זאַך. איך וואָלט וועלן וויסן צי די ווייסע זאַך איז אַזאַ מין קעז צי עפּעס אַנדערש... די וועגענער מיט די דישעליעס אַרויפגעדרייט צום הימל. די פערד און אָקסן שטייען צוגעבונדן און קייען שטרוי; רויטע פערד, גראָע אָקסן... און אַט שטייען מענטשן אַרום אין אַ ראָד. איך שטופּ זיך צו און זע, ווי עס ליגט אַ בוהאַי אויף דער ערד צעלייגט. עס זיצן אויף אים צוויי מענטשן און האַלטן אים, אַז ער זאָל זיך ניט קאָנען רירן פון אָרט. אַלץ וואָס דער בוהאַי קאָן טאָן איז בלאָזן פון זיינע רויטע נאָזלעכער. און בשעת ער בלאָזט פון אַט די נאָזלעכער מאַכט ער אַזש לעכער אין דער ערד... אַ מענטש אַ הויכער אין שטיוול מיט אַ גאַרטל אַרום זיינע הויזן און אין גאַרטל הענגען אַלערליי מעסערלעך בויגט זיך איבערן ביק און גיט אים מיט אַ מעסער אַ שניט און עס גיט אַ שפּריץ בלוט. דאָס ראָד מיט מענטשן גיט זיך אַ צעלויף פון דעם אָנבליק פון בלוט...

איך לויף אַוועק ווייטער. אָבער איך פּלאָנטער זיך צווישן מענטשן און וועגענער און קאָן שוין ניט אַרויס פון דעם געפּלאָנטער. איך זע אומעטום זיצן בלינדע מענטשן מיט אַזוינע זאַכן וואָס זיי האַלטן אין איין דרייען און די זאַכן גיבן אַרויס אַזאַ מין גרילצעניש און אַפּט הערט זיך ווי דאָס וואָיען פון אַ ווינט ביינאַכט. די דאַזיקע בלינדע זיצן מיט די פיס פאַרלייגט אונטער זיך און זינגען און בויגן זיך מיט די קעפּ צו דער ערד...

און איך קום אויף אַן אָרט ווי יידן פאַרקויפן שטיוול. עס שמעקט דאָרטן מיט לעדער אַזוי שטאַרק, אַז איך הויב אָן צו ניסן. אָבער איך פאַרגעס באַלד אין מיין ניסן און איך קוק זיך צו ווי אַזוי מען מעסט אַ פּאָר שטיוול מיט כאַליעוועס אויף אַ פּרוי־מאַלדאַוואַנקע. די שטיוול זיינען גרויס אויף איר. זי בלייבט אין זיי שטיין ווי געפּענטעט און קאָן זיך נים רירן פון אָרט. דער ייד, וואָס פאַרקויפט איר די דאַזיקע שטיוול, פּאַטשט די האַנט פון דעם מאַן פון אַט דער מאַלדאַוואַנקע. ער גיט אים יעדן טראַסק, אַז מען קאָן עס הערן אויף מיילן ווייט. און מיך וואונדערט,

* הילצערנע לאָפּעטעס.

וואָס דער מאַלדאַוואַן לאָזט זיך. זאָל עס זיין, אַז אים טוט ניט וויי?... און אָט קום איך צו וואו מען פאַרקויפט קאָסעס. עס ליגט אַ גרויסער שטיין אויף דער ערד און מען שטייט און מען קלינגט מיט די קאָסעס איבערן שטיין... און אָט איז אַזוי ווי אַ געסעלע פונקט אין מיטן מאַרק. עס זיינען אויפגעשטעלט פּאַלאַטקעס פון לייוונט. אין די פּאַלאַט־קעס פאַרקויפט מען אַלערליי קאָלירנדיקן ציץ און ווייסע לייוונט. און אָט קום איך איבער אַן אַלטן יידן, וואָס זיצט אויף דער ערד און לעבן אים ליגן עטלעכע שטיקער גראָבע, געלע לעדער און ער, דער ייד, איז אַ בייזער. ווען ער דערזעט מיך, שרייט ער אָן אויף מיר: „אין חדר אַריין!”... איך דערשרעק זיך פאַר זיינע גרויסע ברעמען און אַנטלויף און איך קום אָן צו דער שורה קראָמען און איך הער די גוואַלדן פון די קראָמען. און איך שמעק די אַלערליי ריחות פון זאַלץ, דיעגעכץ, הערינג, זייף און טראָן... און אָט ווערט אַ געלויף... אין איינער פון די קראָמען האָט עמעצער עפּעס צוגעגנבעט און מ'לויפט אים נאָך און מען שרייט. און איך זע, ווי מוזשיקעס שלעפּן אַרויס די דישליעס פון די וועגענער און עס ווערט אַ געשלעג. דישליעס פאַלן איבער קעפּ און עס הערט זיך ווי מען שרייט: „וואַליו!... וואַליו!...” (געוואַלד!).

נײַנצנטער קאַפּיטל

אַז איך האָב זיך אָנגעזעטיקט מיטן יאַריד און האָב דערפֿילט הונ־געריק, בין איך געקומען אַהיים. און די מאַמע מיטן טאַטען האָבן מיך שוין אַרומגעזוכט.

— וואו ביזטו געווען?

— אויפֿן יאַריד — האָב איך געענטפֿערט.

— אַ יאַריד אויף מײַנע שונאימס קעפּ! — האָט די מאַמע געזאָגט — קיין אַנדער דירה איז גאָרניט געווען צו באַקומען, נאָר דאָ, וואו דער יאַריד שטעלט זיך. און ניט נאָר איז מײַן מאַמען ניט געפֿעלן דער גאַנצער יאַרמידער מיטן יאַריד, נאָר אויך דאָס וואָס פּונקט לעבן אונזער שטוב האָבן די זשעמבעטשים* געהאַנדלט מיט פֿערד.

אונזער גאַנץ הויז האָט געשמעקט מיט פֿערדן־ריח ניט נאָר אין טאָג פֿונעם יאַריד, נאָר אַפּילו דערנאָך אַ גאַנצע וואָך, נאָכן יאַריד. און מײַן מאַמע איז אַרומגעגאַנגען און געהאַלטן אין איין שמעקן מיט דער נאָז און האָט אויסגעוואָרפֿן דעם טאַטן:

— עס פֿילט זיך פֿערד...

— נו, און אַז פֿערד? אונזער פּרנסה איז דאָך אַ שטאַל מיט פֿערד... — האָט דער טאַטע איר געענטפֿערט.

איך האָב זיך געוואונטשן אין דער שטיל, אַז עס זאָל דווקא זײַן אַלע טאָג יאַריד און ווער שמועסט דאָס וואָס די זשעמבעטשיס מיט זייערע פֿערד זײַנען געשטאַנען לעבן אונזער שטוב, און מיר זייער געפֿעלן געוואָרן.

נאָר איין זאַך איז געווען שלעכט, וואָס דער טאַטע האָט מיך אָוועק־געפֿירט אין אַ חדר אַרײַן.

ער האָט מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט און האָט מיך געבראַכט צו הערש מלמד. איך האָב שוין געקאָנט אַ ביסל עברי און דער טאַטע איז געקומען מיט מיר צו הערש מלמד, אַ ייד אַ נידעריקער מיט אַ צעפּאַטל־טער, שוואַרצער באָרד, וואָס איז געווען אַ ביסל געלבלעך אַרום זײַן

* פֿערד־הענדלער, ליוועראַנטן.

מויל. ער האָט געהאַלטן אַ ציגאַר־שפּיץ, ווייל זיין קול איז געווען ניט ווי פון אַ יידן אַ דערוואַקסענעם, נאָר ווי פון אַ יינגל. הערש האָט אָבער געהאַט צוויי ביסטרע אויגן מיט גלאַנציקע ווייסעכלען שוין ניט ווי ביי אַ יינגל.

איך האָב אויך באַלד באַמערקט, אַז אויף דער רעכטער האַנט איז ביי אים איין פינגער איינגעבויגן אויף אַריין צו דער דלאָניע. און איך האָב זיך שוין ניט צוגעהערט וואָס דער טאַטע האָט מיט אים גערעדט. איך האָב שוין געפּרואווט אויך אויף מיין האַנט איינבויגן אַ פינגער. אָבער מיין פינגער האָט זיך פאַר קיין שום אופן ניט געוואָלט האַלטן אַן איינגעבויגענער.

די שטוב וואו דאָס חדר האָט זיך געפונען, איז פון דרויסן געווען אַ גאַנצע און אַ שטאַרקע מיט אַ גאַניק און מיט אַ שיינעם דאַך און מיט לאָדן ביי די פענצטער און זי איז געשטאַנען אויף אַ בערגל. עפּעס גאָרניט ווי דאָס חדר אין ליפּקאָן. אינעווייניק, וואו דער חדר איז געווען, זיינען די ווענט און די סטעליע געווען ווייס געקאַלעכט און אַ ביסעלע בלוילעך. מיין מאַמע האָט פיינט געהאַט בלוילעכע ווייסע ווענט. אָבער אָט די ווענט דאָ אין הדר האָבן פּשוט געזונגען מיט זייער בלוילעכקייט. און דער ערדענער דיל איז געווען באַשאָטן מיט געל זאַמד פונעם קאַליר פון געפּוצטן מעש. און עס איז אין חדר ניט געווען קיין איין יינגל. נאָר אַ ליידיקער טיש מיט ליידיקע בענק. און מיין טאַטע האָט געפרעגט, וואו עס זיינען די קינדער. און רב הערש האָט געטאָן אַ בלישטש מיט זיינע ווייסעכלען און געזאָגט, אַז די קינדער האָט ער נאָר וואָס אַרויסגעלאָזט זיך שפּילן...

דער רבי רב הערש האָט זיך אָוועקגעזעצט אויבן אָן און מיך פאַרהערט. ווען ער האָט מיר געהייסן זאָגן עברי פון רעכטס צו לינקס, האָב איך זיך נאָך ווי סע־ניט־איז אַרויסגעדראַפּעט. אָבער ווען ער האָט אויסגעדרייט דעם טייטל אויף צוריקוועגס, האָב איך שוין ניט געקאָנט... איך האָב ניט פאַרשטאַנען דעם „קונץ” וואָס רב הערש האָט מיט מיר געוואָלט פּראָווען.

— רב הערש, איר קאָנט מיט אים אָנהייבן חומש — האָט דער טאַטע געזאָגט.

— מערצאָשעם... — האָט דער רבי ר' הערש געטאָן אַ פּיף דורך זיין ציגאַר־שפּיץ.

אַז דער טאַטע איז נאָר אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך באַלד באַוויזן אַ גרויס מיידל, וואָס איז אַפּנים געווען דעם רבין ר׳ הערשס טאָכטער, און האָט מיך אַרויסגעטריבן אין גאַס.

איך האָב זיך מסתּם ניט באַליידיקט, וואָס זי טרייבט מיך. אין גאַס האָב איך דערהערט פריילעכע קולות פון קינדער הינטערן שטוב. בין איך אַוועק הינטער דער שטוב און דאָרטן שוין געזען דעם רבין ר׳ הערש מיטן ציגאַר־שפּיץ אין מויל. עס זיינען דאָרטן געשטאַנען דריי גרויסע בחורים, ווייזט אויס דעם רבינס זין, און פון דערווייטנס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זיי טאַנצן און שפּרינגען. און דער רבי ר׳ הערש קאָמאַנ־דעוועט מיט זיי — מיט זיינע דריי זין. אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען קליינע יינגלעך און פריידיק געשריען.

איך בין פאַרשטענדלעך, באַלד אַהין צוגעגאַנגען און דערזען, אַז די דריי בחורים טאַנצן ניט, נאָר אַז זיי זיינען אויסגעטאָן באָרוועס און ביי זיי זיינען זייערע הויזן פאַרקאַטשעט ביז אַריבער די קני. זייערע באָר־וועסע פיס שטעקן אין אַזאַ נאַסער, געלער מאַסע מיט ליים. די קינדער־לעך ברענגען אַלע ווילע צושלעפּן עמערס מיט וואַסער פון אַ פּאַס, וואָס שטייט דאָ דערביי, גיסן אַרויף דאָס וואַסער אויף דער געלער בלאָטע און די דריי בחורים טאַנצן אַרום מיט זייערע באָרוועסע פיס אין אָט דער בלאָטע און מאַכן אין איר טיפע לעכער. און מיר האָט זיך באַלד געוואָלט זיך אויך אויסטאָן באָרוועס און אויך אַריינשפּרינגען אין דער געלער בלאָטע. אָבער איך בין נאָך דאָ ניט געווען געגנוג היימיש.

דעם רבינס דריי זין האָבן כּמעט אַלע אויסגעזען אַזוי ווי ער אַליין. אַלע דריי האָבן שוין געהאַט קליינע פאַרפלאָנטערטע, שוואַרצע בערד־לעך.

זיי האָבן אָט אַזוי אַ אָפּגעטאַנצט אין דער געלער בלאָטע אַ שיין ביסל צייט, ביז עס איז מיר אַזש נמאס געוואָרן צו קוקן. דערפאַר איז אָבער די בלאָטע געוואָרן אַזוי גלאַט און געדיכט פונקט אַזוי ווי אַ גוטער מולטער מיט אויסגעקנאָטן טייג.

דער רבי ר׳ הערש, האָט געהייסן זיינע דריי זין אויפהערן קנעטן, און זיי האָבן ווי דריי ציגן געטאָן אַ שפּרינג אַרויס פון דער בלאָטע. זיי זיינען צוגעגאַנגען צום פאַס מיטן וואַסער און זיך דאָרטן אָפּגעוואַשן די פיס און זיינען אַזוי געבליבן באָרוועס — אַפּנים, אַז זיי האָבן ניט געהאַט קיין שטיוועלעך.

אַז עס זיינען פאַראַנען קבצנים, ווען מענטש קינדער עס האָבן ניט קיין שטיוועלעך, האָב איך געוואוסט פון דעם, וואָס איך האָב געהערט אין שטוב רעדן. נאָר רחמנות האָב איך געהאַט אויף זיך אַליין, דערפֿאַר, וואָס איך מוז, נעבעך, גיין אָנגעטאָן די שטיוועלעך...

אַז דעם רבינס דריי זין האָבן זיך אָפּגעוואָשן די פיס, האָבן זיי געבראַכט אַזוינע קעסטעלעך לאַנגעקיקע. יעדעם קעסטעלע האָט געהאַט צו צוויי הענטלעך איןביידע זייטן.

און זיי האָבן צו יעדן קעסטעלע איינגעשפּאַנט צוויי יינגלעך. איך האָב אויך געטאָן אַ פאַרנויג מיין קאָפּ ווי אַ פערדל און בין אַריין אין שפּאַן צווישן די צוויי הענטלעך פונעם קעסטל, און מיר זיינען, דאָס הייסט, איך און דאָס צווייטע יינגל, צוגעגאַנגען גלייך צו דער קופּע מיט ליים. און איינער פון דעם רבינס זין האָט מיט אַ לאָפּעטע אָנגעפּילט דאָס קעסטל מיט ליים. און מיר זיינען דערמיט אַוועק אויף אַ גרויסן, ליידיקן פּלאַץ, וואו דאָס גראָז איז געווען שטאַרק אויסגעטראָטן. דאָ האָבן אַלע יינגלעך זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעליידיקט די קעסטלעך.

געטאָן האָט מען אַזוי: מען האָט געדאַרפט ביידע מיט אַמאָל געבן דאָס קעסטל אַ קעראיבער מיטן דנאָ אַרויף כדי דאָס אָנגעפּילטע ליים זאָל טאָן אַ פּאַל אַרויס מיט איין מאָל.

צווישן מיר און דעם יינגל, וואָס איז געגאַנגען אין שפּאַן איז אָפּנים ניט געווען קיין קאָאָפּעראַציע. איך האָב געדרייט דאָס קעסטל אַהער און ער האָט עס געדרייט אַהין. האָט דערפֿאַר ביי אונדז גענומען לענגער אויסליידיקן דאָס ליים. אויפן פּלאַץ זיינען איצט געבליבן ליגן אַזוינע געלע, לאַנגעקיקע שטיקער ליים, אַזוי ווי לעקעכער, וואָס מען וואַרפט אַרויס פון טאַוועס.*

מיר זיינען געלאָפן אַזוי ווי מוראַזשקעס אַהין און צוריק מיט די קעסטעלעך, ביז מיר האָבן אַראָפּגעטראָגן די גאַנצע קופּע ליים. איך מיט דעם צווייטן יינגל האָבן זיך דערוויילע צעשמועסט.

— ווי הייסטו? — פרעגט ער מיך.

— אַזיק. און ווי הייסטו?

— איך הייס מענדל. און ווי הייסט דיין טאַטע?

— חיים, הייסט מיין טאַטע. און ווי הייסט דאַן טאַטע?

— מאַן טאַטע הייסט בערקע. דו ביזט נאָר וואָס געקומען קאַן רישקאַן?

---

* טאַוועס — בעקעלעך, פאַרמעס.

— יאָ.

— אוי, דאַן טאַטע האָלט די פּאַטשט? — גיט זיך דאָס ייִנגל פּלו־צים אַ כאַפּ.

— יאָ.

— ווי באַלד אַזוי, איז דאַן טאַטע אַ פּאַסקודניאַק און דו ביזט אַ חזיר!... און דאָס ייִנגל, וואָס האָט ערשט פריער מיט מיר אַזוי גוט זיך געשפּילט און מיר האָבן בײדע הערלעך געטאַסקעט דאָס ליים אין אײנעם, איז איצט פון מיר אַוועק און מיך איבערגעלאָזט אַ באַליידיקטן...

ער איז געווען אַ קינד פון בערקע וואַסערשטיין, ביי וועמען מיין טאַטע האָט אויסגעדונגען די פּאַטשט.

צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אונזערעביימער אין פּאַליסאַדניק [1] האָבן זיך צעבליט מיט אַקאַציע צוויט. און אַרום דעם גאַנצן מאַרק־פּלאַץ זיינען געווען ביימער ביי די שטיבער און זיי האָבן זיך אויך צעבליט מיט אַקאַציע־צוויט. באַלד ביי דער בריק איז געשטאַנען די באַלניצע [2]: אַ ווייסע, גרויסע שטוב מיט אַ גרינעם דאַך און מיט אַ סך פענצטער און מיט ביימער אַרום און אַרום. אַביסל ווייטער איז געשטאַנען די אַפּטייק: אַ ברוינע שטוב מיט שטיינערנע טרעפּ און מיט אַ רויטן דאַך און מיט ביימער פון פאָרנט. אַ ביסעלע ווייטער איז געווען דער וואָלאָסט: אַ ווייסע שטוב מיט אַ גרינעם דאַך און מיט אַ גרויסן הויף מיט הויכע שטאַכעטן און מיט אַ קליין שטיינערדיק קעמערל אין אַ ווינקל פון הויף. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע שטיינערדיקע קעמערל איז די חד־גדיא... [3] דער דאָזיקער וואָלאָסט איז אויך געווען איינגעטונקען אין ביימער מיט אַקאַציע. אַביסל ווייטער איז געשטאַנען ר׳ מאָסיעס הויף מיט אַ צוויי־גאָרנדיקער שטוב, וואָס איז געווען געפאַרבט ווייס די ווענט און גרין די פענצטער און אויך איינגעטונקען מיט ביימער. און אַביסל ווייטער איז געווען מנחם רויזמאַנס אַריינפאָר־הויז מיט לאַמטערנעס פון פאָרנט און מיט ביימער און מיט צוויי בענק פון פאָרנט, וואו באַלעבאַטים פון רישקאַן זיינען זיך צונויפגעקומען און געשמועסט. מיין טאַטע איז דאָרט אויך זייער אָפט געזעסן און גערעדט מיט מענטשן.

און פון דער לינקער זייט פון דער בריק איז געווען אַ שטיקל ברעג פונעם טייך. און דערנאָך איז געשטאַנען דעם עקאָנאָמס הויף מיט אַ גאָרטן מיט אַקאַציע־ביימער און אויך ביימער, וואָס זיינען אייביק גרין, און אַלערליי רויזן. און דערנאָך איז געווען דער פּלאַץ וואו דער קלויסטער איז געשטאַנען, מיט די צוויי פאַרשיידענע דעכער: איינער אַ לאַנגער מיט אַ שפּיץ אַזש ביז צום הימל און דער צווייטער אָן אַנגעבלאָזענער, ווי אַ פּאַכיר, וואָס באַלד וועט ער פּלאַצן; און די ביידע

---

[1] אַ גערטנדל פאַרן הויז.
[2] שפּיטאָל.
[3] אַ קעמערל, וואו מען האַלט אַרעסטירטע.

זיינען געמאַכט ווי פון זילבער און זיי בלישטשען אין דער זון און וואַרפן פון זיך אַן אָפּשיין ביז צום בלינד ווערן; און אַרום קלויסטער ווידערביימער מיט אַקאַציע־צוויט. און באַלד אַ ביסל ווייטער איז געווען די אמתע פּאָטשט, אַזאַ ווייסע שטוב, וואוהין די טעלעגראַף־סלופּעס זיינען כמעט ווי אַריינגעלאָפן אינעווייניק און זיך דאָרטן פאַרענדיקט. און אַלע סודות, וואָס די דאָזיקע טעלעגראַף סלופּעס האָבן געטראָגן אין זיך מיט אַ געברום, האָבן זיי אַריינגעטראָגן אינעווייניק אין אָט דער פּאָטשט־שטוב און זיי דאָרטן איבערגעלאָזט... דאָ אין דער שטוב זיינען געווען קליינע פענצטערלעך אין דער הויך ביים דאַך און מען האָט ניט געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך דאָרט אינעווייניק... איך האָב אָבער געוואוסט וואָס מען טוט דאָרטן אינעווייניק, ווייל מיין טאַטנס פערד האָבן אַלע טאָג געבראַכט פולע לעדערנע זעק מיט בריוו, מיט געלט און מיט „פּאַסיל־קעס" און דאָרטן אינעווייניק זיינען געשטאַנען די פּאָטשטאַליאָנעס און סאָרטירט די בריוו און געציילט דאָס געלט... דער נאַטשאַלניק לאַנאַוואַי, אַ בלאָנדער מיט אַן אָפּגעגאָלטער באָרד, פלעגט קומען צו אונז מיט זיין מונדיר אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע אַקסל און מיט עפּאָלעטן און גאָל־דענע קנעפּ און ער פלעגט ביי אונז זיצן און דערציילן, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק אין דער פּאָטשט... און פּוזיק, דער בריוו־טרעגער, אויך מיט אַ מונדיר און מיט אַן אָפּגעגאָלטער באָרד, וועלכער האָט כמעט געקאָנט רעדן האַלב יידיש און האַלב גויאיש, ער פלעגט אויך קומען צו אונז אין שטוב און דערציילן מעשיות, ווי אַזוי ער פאָרט אַלע נאַכט נאָך דער פּאָטשט מיט אונזערע פערד און בריטשקע, און ווי אַזוי ער זיצט אויף דער בריטשקע מיט אַ שווערד און מיט אַ ביקס און היט די פּעק מיט בריוו און געלט...

פּוזיק דער בריוו־טרעגער עסט ביי אונז אַ שטיקל חלה אָדער אַ קיכעלע. ער קרעכצט פּאַר מיין מאַמען, אַז זיין לעבן איז אַ ביטערס... אַז אַ סך מאָל אין די גרויסע זאַווערוכעס, ווען אַלע שלאָפן אין וואַרימע שטיבער, יאָגט ער זיך מיט פערד און אַ גלאָק איבער בערג און טאָלן; פירט פאַר יעדן איינעם אַ בריוו, אָדער אַ פּאַסילקע און ווי פלוצים באַ־מערקט ער, אַז עס יאָגן נאָכן וואָגן אַ טשאַטע הונגעריקע וועלף... און ער האָט דאָך אויך ערגעץ אַ היים און טאַטע־מאַמע. און ער דערזעט, אַז די טשאַטע מיט וועלף איז שוין באַלד־באַלד נאָענט לעבן וואָגן, גיט ער אַ טאָרקע דעם קוטשער און דער קוטשער גיט אַ שניט מיט דער בייטש איבער די פערד און עס הייבט זיך אָן אַ געיעג... די וועלף זיינען הונגעריק, זייער געברום און וואָיען מישט זיך מיטן וואָיען פון דער זאַ־

ווערוכע; ביי די וועלף ברענען די אויגן, און פונקען פליען פון די פּידקאָוועס פון די פערד, און דער פּאָטשטאַליאָן נעמט די ביקס און גיט אַ שאָס אין דער טשאַטע מיט וועלף... ער דערהערט אַ סקאָוואָטשען... ער האָט זיכער דערהרגעט איינעם אָדער צוויי פון דער טשאַטע וועלף...

פוזיק דער בריוו־טרעגער איז אַ לעבעדיקער יונג, ער מאַכט נאָך ווי אַזוי די וועלף וואָיען, ער מאַכט נאָך ווי אַזוי דער גלאָק קלינגט אויף דעם דישעל, און ער מאַכט נאָך ווי אַזוי די ביקס גיט אַ שאָס, און ווי אַזוי די וועלף סקאָוואָטשען, און ווי אַזוי דער ווינט בלאָזט...

נאַכט נאָך נאַכט, זומער און ווינטער, אין שנייען און אין רעגנס, פאָרט פוזיק נאָך דער פּאָטשט. און ווען ער קומט גאַנץ פרי צוריק אין רישקאָן מיט דער פּאָטש, קאָן ער זיך ניט לייגן אָפּרוען, נאָר ער מוז ערשט אויססאָרטירן די בריוו, און דערנאָך מוז ער זיי צעטראָגן איבערן שטעטל. און ערשט פאַרנאַכט כאַפּט אַ דרימל, כדי ער זאָל ווידער קאָנען ביינאַכט פאָרן נאָך דער פּאָטשט — ע, אַ הינטיש לעבן!...

פוזיק קומט צו אונז יעדן פרייטאָג צונאַכטס נאָך זיין שטיקל חלה און געפילטע פיש, און איך מעסט דאָן אָן אויף זיך זיין היטל מיט דעם קנאָפּ, וואָס איז אַזוי ווי אָן אָדלער און איך טו זיך אָן די שאָבליע זיינע, ביז וואַנען ער עסט אָפּ דאָס שטיקל געפילטע פיש מיט חלה... און איך ווער, כאָטש אויף אַ קליינער ווילע, אַ פּאָטשטאַליאָן... איך שלאָף שוין יענע נאַכט זייער ווינציק, ווייל איך טראַכט וועגן פוזיקן מיט די טשאַטעס וועלף...

* * *

זומער לעב אין ריקשאָן!

ר׳ הערש הויבט אָן מיט אונז לערנען חומש.

דער רבי ר׳ הערש זעצט אונז אויס אַרום טיש און ער פאַרקאָטשעט אַ פרישן ציגאַר טיטון און שטעקט אים אַריין אין ציגאַר־שפּיץ און ער דערציילט אונז אַ גאַנצע מעשה, ווי אַזוי גאָט האָט געגעבן די יידן די תורה און עס איז אין דער תורה דאָ פינף ספרים.

— וויפל ספרים איז דאָ אין דער תורה? — גיט ר׳ הערש אַ פרעג מיט זיין יינגליש קולעכל און מיט אַזאַ מין געזעגנגעלע, וואָס עס צעגייט זיך ביי מיר אין יעדן אבר.

דאַכט זיך, ערשט האָט ער אונז דערציילט, אַז גאָט האָט געגעבן די יידן אַ תורה און אַז עס איז דאָ אין דער תורה פינף ספרים. אָבער מיר זיצן אַלע אַרום טיש און מיר ווייסן ניט, וואָס צו ענטפערן אויף זיין

פּראַגע. דאַן גיט דער רבי ר׳ הערש אַ זינג אויס מיט אַ דין קולעכל: פינעף ספרים איז דאָ אין דער תּורה!...

און מיר גיבן אַלע קינדער מיט אַמאָל אַ געשריי אויס: פינעף ספרים... אונזער אַלעמענס געשריי וויל אַזש אויפהויבן די סטעליע און אויסזעצן די פענצטער.

— און ווי הייסן די פינף ספרים? — גיט ר׳ הערש אַ פרעג.

מיר שווייגן. פון וואַנען זאָלן מיר וויסן ווי זיי הייסן?

דער רבי ר׳ הערש גיט אַ שטעל אַן זיין לינקע האַנט, אויף וועלכער עס איז ביי אים ניט איינגעבויגן קיין איין פינגער. און מיט דער רעכטער האַנט הויבט ער אַן ווייזן און זינגען: — בראשית איז איינס! שמות איז צוויי! ויקרא איז דריי! במדבר איז פיר! און — ער ציט אויס זיין קול אַזוי לאַנג, אַז ער קאָן קוים אַפּכאַפּן דעם אָטעם — און דברים איז פינף!

ביי יעדן נאָמען גיט ער אַ פאַרבויג אַ פינגער. און ער גיט צו אונז אַ געשריי:

שרייען מיר אַלע מיט אַמאָל: בראשית איז איינס!

און אַז מיר שרייען זיך אַלע גוט אַן, ביז עס ווערט אַזש טרוקן אין האַלז, און דער רבי ר׳ הערש גיט מיך אַ כאַפּ און הייסט מיר אַליין זאָגן ווי אַזוי עס הייסט דאָס ערשטע ספר, בלייב איך זיצן ווי פאַרשטיי־נערט און ווייס ניט וואָס צו זאָגן...

און דער רבי ר׳ הערש גייט מיט אונז נאָך אַמאָל איבער פון דאָס ניי פון אָנהויב אָן און מיר שרייען אים נאָך מיט אַמאָל.

און דערמיט ענדיקט זיך עס, און דער רבי הייסט אונז אַרויסגיין זיך שפּילן. און מיר גיבן אַ שיס אויס אַלע מיט אַמאָל אַרויס אין דרויסן, און דאָ שטייען שוין ווידער זיינע דריי זין גרייט איבער אַ קופּע מיט ליים און מיר לייגן זיי אויס אויפן גרויסן פּלאַץ אַנטקעגן דער זון צום טריקענען.

און ווען די פּירעקיקע שטיקער ליים טריקענען זיך אויס אויף איין זייט, קערן מיר זיי איבער אויף דער אַנדערער זייט און זיי באַקן זיך אויף דער זון.

דעם רבינס דריי זין הייסן: איציק דער עלטערער; דער צווייטער זון הייסט משה און דער יינגסטער הייסט בן־ציון. דער עלטערער, איציק, האָט שוין אַ ווייב, און דער רבי הערש וויל אים אויסבויען אַ שטוב פון אָט די ציגל, וואָס מיר לייגן צום טריקענען.

און אַזוי גיך ווי די ציגל טריקענען אויס, הייסט דער רבי ר׳ הערש, אַז מיר זאָלן זיי נעמען און אַוועקטראָגן צום פּלאַץ, וואו ער וויל בויען אַ שטוב פֿאַר זיין זון איציק. און מיר לויפֿן און יאָגן ווי די מוראַזשקעס און טראָגן די ציגל און לייגן זיי אויס איינס אויף איינס.

און פֿון טאָג צו טאָג וואַקסט די קופּע מיט ציגל און ווען דער רבי נעמט אונז אַריין אויף אַ פּאָר מינוט אינעווייניק אין חדר אַריין צום חומש, איז אונז אַ גרויסער פּאַרדראָס, וואָס ער רייסט ביי אונז איבער דעם חשק צו די ציגל...

און דערנאָך, עס־עט אין מיטן זומער, האָט דער רבי הערש אָנגע־הויבן בויען דאָס הויז פֿאַר זיין זון איציק. ער אַליין האָט גאָר ניט גע־טאָן, נאָר געשטאַנען מיטן ציגאַר־שפּיץ אין מויל. איציק, דער עלטערער זון, האָט געמויערט די ציגל. זיינע צוויי ברידער משה און בן־ציון האָבן געקנאָטן ליים, כּדי עס זאָל זיין מיט וואָס צו מויערן די ציגל. דאָס דאָזיקע ליים האָט שוין געדאַרפֿט זיין שיטער און מיר, די יינגלעך, האָבן דער־לאַנגט די ציגל צו איציקס הענט.

דער רבי האָט מיט אונז נאָך אַלץ געלערנט ויקרא. און ער פּלעגט זיך אָנידערשטעלן און אָפּזינגען אויף זיין יינגליש קולעכל און מיר האָבן אים נאָכגעשריען און אָפּגעזונגען, פּלעגן מיר ווי הונגעריקע וועלף זיך אַ לאָז טאָן אַרויס אין דרויסן צו די ציגל... איציק האָט געמויערט און עס איז פּאַוואָליע געוואַקסן איין וואַנט און דערנאָך אַרום און אַרום די איבעריקע ווענט. אָט זעט מען נאָך אַרויס איציקן ביז אַ העלפֿט און אָט זעט מען שוין נאָר איציקס ציגענע בערדל און אָט איז שוין די וואַנט העכער פֿון איציקן. און דער רבי ר׳ הערש האָט זיך אָנידערגע־שטעלט און געקאָמאַנדעוועט מיט זיינע זין און זיי האָבן אויסגעשטעלט פּעסלעך און זיי אָנגעגאָסן מיט וואַסער. און איבער די פּעסלעך האָבן זיי אויסגעלייגט ברעטער און איציק האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף די ברעטער און מיר האָבן אים ווידער אַרויסגעזען העכער איבער די ווענט.

זומער־לעב אין רישקאָן! וויפֿל וואָלט איך איצט געגעבן ווען איך קאָן אָט דעם זומער צוריק ברענגען!

* * *

גרויסע טעג, ליכטיקע! און איך טראָג ציגל מיט נאָך אַ יינגל שוין ניט מענדל בערקע וואַסערשטיינס, נאָר מעכל. און מעכל וואוינט מיט זיין טאַטע־מאַמע לינקס פֿון אונזער הויז אויך מיט אַקאַציע־ביימער און

מיט אַ הויף, איך מיט מעכלען גייען ביידע אין איינעם אין חדר אַריין און פון חדר אַהיים.

מעכל איז נעבעך אַ טרויעריקער און אַן אומגליקלעכער. זיין טאַטע איז אַ ביסל אַ משוגענער. ער טשעפּעט, חלילה, קיינעם ניט, נאָר ער שווייגט און גייט אַרום מיט פּאַפּירלעך אין זיינע הענט.

מעכל פירט מיך אַריין ווייזן זיין משוגענעם טאַטן. און איך גיי צו צו אים. און דער משוגענער שטייט אין אַ ווינקל פון מעכלס הויף און ווען ער זעט מיך, גיט ער מיר אַ פּאַפּירל. און מיר ווערט עפּעס אַזוי אומעטיק, פאַרוואָס מעכל האָט אַזאַ טאַטן. און איך הויב אָן נאָך מערער ליב צו האָבן מעכלען. און איך ווייס דאָך ניט וואָס עס איז אַזוינס אַ משוגענער. איך קאָן ניט פאַרשטיין פאַרוואָס קומט מעכלען אַזאַ שטראָף...

איין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

די פּאַטשט אין רישקאַן איז געווען בעסער ווי אין ליפּקאַן, אַזוי האָב איך געהערט טאַטע־מאַמע זאָגן. און ביי אונז פלעגן פאַרפאָרן, זייער אַ סך פּריצים און הויכע קאַזיאָנע מענטשן. עס איז יענעם זומער פאַר־פאָרן, פּלוצים, אַ רעוויזאָר, אַזש פון פּעטערבורג. ער איז געקומען אומ־געריכט. און עס איז אין רישקאַן געוואָרן אַן איבערקערעניש. דער דאָ־זיקער רעוויזאָר איז אַרומגעגאַנגען צווישן די קראָמען און געכאַפּט יידן, נעבעך, אַן „בלעטלעך"... און ער האָט זיך אַזוי געפירט אַט דער רע־וויזאָר... ער האָט גאָרניט געזאָגט, נאָר פאַרשריבן ביי זיך דעם נאָמען פון קרעמער. און דערנאָך אַז ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט איין גאַס, איז ער געקומען צוריק צו אונז אין דער פּאַטשט טרינקען טיי. מיט אים איז געגאַנגען אַ גאַנצע כאַפּטע: דער פּריסטאַוו, דער אוריאַדניק, דער אַקציזניק, דער גאָלאָוואַ, דער יידישער סטאַראָסטע און צוויי סאָטס־קיס.* און אַלע רישקאַנער באַלעבאַטים און קרעמער האָבן געפּידעט אַרום זייערע שטיבער און קראָמען; מען האָט געקערט די האָבאָרעס, געפּוצט די קראָמען און זיך געריכט אַז אַט, אַט, אַט, וועט דער רעוויזאָר מיט זיין כאַליאַסטרע קומען אויף רעוויזיע.

דער רעוויזאָר האָט זיך ניט געאיילט. ער פלעגט אַרויסגיין אַרום צען אין דער פרי און צוריקקומען אין דער פּאַטשט איינס אַ זייגער טרינקען טיי און זיך צולייגן פּאָפּן... און דערנאָך עסן אַ גוטן אָנבייסן... אַזוי אַלע טאָג... יידן האָבן געפרעגט: „ווען וועט ער שוין, אין דער ערד אַריין, אָוועקפאָרן? מען האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי מיין טאַטן, ביי מיין מאַמען און אַפילו ביי מיר אויך צי ווייס איך ניט, ווען ער וועט שוין ווערן אויסגערונען?

ביי אונז אין שטוב איז געווען אַ גאַנצער יאַריד מיט יידן, מיט ווייבער... מען איז געקומען בעטן מיין מאַמע, אַז זי זאָל זיך איינשטעלן און בשעת זי דערלאַנגט אים עסן, זאָל זי ביים רעוויזאָר בעטן, אַז ער

* דאָרף־באַאַמטע.

זאָל ניט מאַכן קיין אַקט; יידן האָבן געבעטן מיין טאַטן, אַז ער זאָל מיט זיי אַריינגיין צום רעוויזאָר און אים בעטן, אַז ער זאָל זיי איצט פאַרקויפן אַ „בלעטל"...

יידן האָבן פאַר מיין טאַטע־מאַמען אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ. מ'שטיינס געזאָגט, וואָס האָבן זיי דען מערער ווי אַ ביסל קאַלך, אָדער אַ ביסל קעראָסין מיט דיאַכט, אָדער אַ פּאָר גלעזלעך פון לאָמפּן, אַז טאָמער האָט דער רעוויזאָר געפונען אַ פּעקל טוטין... איז עס ניט מערער געווען ווי פאַרן אייגענעם געברויך...

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן אויפגעהערט און געהאָלפן מיט־קרעכצן, און דאַן איז דער טאַטע איין מאָל אַריינגעגאַנגען צום רעוויזאָר, און דאָס צווייטע מאָל איז די מאַמע אַריינגעגאַנגען. דער רעוויזאָר האָט ווייזט אויס געהאַלטן פון מיין טאַטע־מאַמע. ערשטנס, האָט מען אים געקעכלט מיט גאָר עכטע, יידישע מאכלים, מיט געבראָטנס, מיט קעזלעך, עכטע פסחדיקע, מיט שטראָדל און מיט קעזשאַדע און כאַלאַדעץ,* צווייטנס איז ביי אונז אין פּאַטשט געווען זייער ריין און זויבער, און דער דאָזיקער רעוויזאָר האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּוואונדערן וואָס פאַר אַ באַלעבאָסטע מיין מאַמע איז.

עס איז ניט געווען קיין איין פאַל, אַז מיין טאַטע־מאַמע זאָלן ניט קאָנען גוטמאַכן . . . און יידן מיט יידענעס האָבן מיין טאַטע־מאַמע אָנ־געוואונטשן אַל־דאָס־גוטס און זיינען טאַקע געראָטעוועט געוואָרן פון „אַקטן" און פון דאַרפן „זיצן"... און עס האָט גענומען אַזוי אַ גאַנצע וואָך ביז דער רעוויזאָר איז „אויסגערונען" געוואָרן פון רישקאָן. און עס איז געוואָרן צוריק פריילעך אין אַלע קראָמען און קרעמלעך.

און דערווייל איז אַריבער דער ערשטער זומער אין רישקאָן, און נאָך יום־טוב האָט מיך דער טאַטע שוין מערער ניט געוואָלט שיקן צו הערש מלמד. מען האָט מיך אָנגעדונגען אין חדר צו יאָסל לאָקש. פאַר וואָס מען האָט אים גערופן יאָסל לאָקש ווייס איך ניט; אפשר דערפאַר, וואָס זיינע פיאות האָבן אויסגעזען ווי צוויי בינטלעך לאָקשן. דער רבי יאָסל האָט געוואוינט אין דער שניידערשער גאַס, פונקט אַקעגנאיבער דער שניידערשער שול. און ביי אים אין חדר זיינען אין גאַנצן געווען אפשר צען יינגלעך, שוין מיך אַריינגערעכנט. און יאָסל לאָקש האָט מיט

* פאַרקילטע פיש־יויך, אָדער פוסנאָגי — פּעטשאַ.

מיר באַלד אָנגעהויבן חומש פון דער סדרה בראשית, גלייך מיט אַלע איבעריקע תּלמידים. איך, מיט נאָך אַ ייִנגל משולם, זיינען געווען די צוויי קלענסטע ייִנגלעך צווישן אַלע. די איבעריקע זיינען געווען סאַמע גרויסע באַרדיעס און אַזוינע וואָס וויפל מאָל מען זאָל מיט זיי ניט אָנהויבן צו לערנען חומש, וועלן זיי סיי ווי דאַרפן נאָך אַמאָל אָנהויבן...

דאָס ייִנגל משולם איז געווען דער בעסטער קאָפּ... איין מאָל געלערנט, האָט ער שוין געוואוסט אויף אויסנווייניק. איך האָב ניט געהאַט אַזאַ גוט „קעפּל", אָבער דערפאַר בין איך געווען אַ גרויסער „וועלער"...

האָט אונז דערפאַר דער רבי יאָסל אָוועקגעזעצט איינס לעבן אַנדערן און האָט געזאָגט, אַז מיר זיינען איין (כּיתּה) קיטע... צווישן די איבעריקע אַכט באַרדיעס, אָדער גרעסערע ייִנגלעך, זיינען געווען צוויי וועגן וועלכע איך וועל דערציילן. די איבעריקע האָבן ניט געשפּילט קיין ראָלע. איינער פון די צוויי האָט געהייסן שמואל און איז געווען אַן אייניקל פון דעם אַלטן, זייער באַליבטן רישקאָנער שוחט יעקעווו. שמואלס עלטערן האָבן געוואוינט אין אַ דאָרף ניט וויַיט פון רישקאָן. און דאָס ייִנגל שמואל איז געווען הויך און געזונט ווי אַ מאַלדאַוואַנישער שייגעץ. ער האָט געקאָנט רעדן וואַלאַכיש און פייפן און האָט זייער ניט ליב געהאַט צו גיין אין חדר אַריין. ער האָט אַלע מאָל בעסער פאַרבלאָנדזשעט אויף די פעלדער, איידער ער זאָל קומען אין חדר אַריין... האָט דער רבי יאָסל אים איין מאָל באַשטראָפט און אים צוגעפּענטעט מיט אַ פּענטע צום טיש און ער האָט אים געזאָלט האַלטן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער פּענטע. און פאַרנאַכט ווען דער רבי איז געגאַנגען דאַוונען מנחה־מעריב האָט ער דעם געפּענטעטן איבערגעלאָזט אויף מיר, אַז איך זאָל אויף אים אַכטונג געבן. שמואל האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים ברענגען אַ טרונק וואַסער. און איך האָב אים ניט געוואָלט ברענגען, נאָר צו אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך אַליין גיין נעמען אַ טרונק...

— כ'בין געפּענטעט...

— כ'על דיך אָפּלאָזן, אַז דו זאָלסט גיין נעמען אַ טרונק, נאָר קום צוריק...

— וואָרען...

שמואל איז שוין ניט געקומען צוריק, און דער רבי יאָסל איז געקומען פונעם דאַוונען און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה: — ווער האָט דיר געהייסן אים אָפּלאָזן? און איך ציטער און קאָן גאָר ניט זאָגן. איך זע, איך בין שולדיק.

דער רבי יאָסל פרעגט ביי די איבעריקע יינגלעך, וואָס צו טאָן מיט מיר. און אַלע שרייען, אַז מען זאָל מיך פּענטען צום טיש... נאָר איין משולם זיצט און שווייגט... פאַרט מיין (כּיתּה) קיטע...

דער רבי יאָסל פּענטעט מיך צו צום טיש מיט דער אײַזערנער קייט. און מיר איז געווען צווייערליי ווייטאָגן. ערשטנס צו זיין געפּענטעט אויף אַ קייט, צווייטנס צו־צוזען ווי אַזוי די גרעסערע יינגלעך רעשן זיך און פרייען זיך...

מיר האָט זיך איבערהויפּט אַריינגעגעסן אין האַרצן איין יינגל מיטן נאָמען יאָסל, מנחם רויזמאַנס. זיין טאַטע האָט געהאַלטן אַן איינפאַר־הויז פאַר פּריצים און איז געווען דווקא זייער באַפריינדעט מיט מיין טאַטן, כאָטש ער איז געווען אַן אַריסטאָקראַט מיט קורצע קליידער.

איז ווי קומט עס, וואָס מנחם רויזמאַנס אַ יינגל זאָל זיין מיינער אַ שונא? און נאָך וואָס פאַר אַ שונא!... אָט דער יאָסל רויזמאַן איז שוין דעמאָלט מסתּם אַלט געווען צוועלף יאָר און איך נאָך אַפילו ניט קיין זעקס...

און ער האָט עס מיטן שליסל מיך איינגעשלאָסן אין דער קייט און אַליין מיר אָנגעטאָן די קייט אויפן פוס, און בשעת מעשה האָט ער מיר ווי געטאָן ביז איןביין אַריין מיט דעם, וואָס ער האָט די קייט ענג אַרויפגעטאָן אויף מיין נאַקעטן פוס...

איך בין געזעסן ביים טיש יענעם אויפדערנאַכט לעבן משולמען, מיין קיטע, און דער רבי יאָסל לאָקש האָט מיט אונז געלערנט חומש און איך האָב געפילט דעם ווייטאָג פון דער פּענטע און ניט געקאָנט זיך איבערגעבן צום לערנען, כאָטש איך האָב זייער געוואָלט קאָנען לערנען.

משולם האָט מיך אין דער שטיל אונטערן טיש געגלעט מיט אַ האַנט און מיר איז דערפון געוואָרן אַ ביסל גרינגער...

איך האָב שוין דערלעבט די שעה ווען מען האָט אויפגעהערט דאָס ביינאַכטיקע לערנען. איך האָב געציטערט טאָמער וויל דער רבי מיך האַלטן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער פּענטע...

צום גליק האָט מיך דער רבי אויפגעפּענטעט, ווען מען האָט געדאַרפט גיין אַהיים. און איך בין געקומען אַהיים מיט מיין לאַמטערנדל. אין ריש־קאָן איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע בלאָטע פון די אָסיענדיקע רעגנס. די שניידערשע גאַס האָט זיך געגרענעצט מיט דער באַלעבאַטישער גאַס האָב איך געהאַט דורכצוגיין איין זייט פון מאַרק. און גראַדע איז די באַ־לעבאַטישע גאַס געווען זייער אַ בלאָטיקע. נאָר איך האָב זיך אַרויס־

געקאַראַבקעט און פונדעסטוועגן אַנגענומען פולע שטיוועלעך מיט בלאָ־טע.

די מאַמע האָט קוים מיך באַרייניקט און זי האָט שוין דערקאַנט אין מיר, אַז עפּעס איז מיט מיר דער מער. איך לייקן שטיין און ביין, אַז עס איז גאַרניט. אָט וועל איך גיין דערציילן, אַז מען האָט מיך געפּענטעט... מער האָב איך ניט געדאַרפט...

מיין פאַרדראָס, וואָס איך האָב געהאַט אויף יאָסל רויזמאַן איז צו־ביסלעך אויסגערונען, ווייל יאָסל איז געווען חוץ אַלעמען, אויך זייער אַ פריילעכער. ער האָט אָנגעפירט מיט דעם גאַנצן חדר, ווען דער רבי פלעגט אַוועקגיין פון טיש און אַרויסגיין פון שטוב.

דעם רבינס וואוינונג איז באַשטאַנען פון אַ שטוב מיט אַ גרויסער קיך, און ביים רבין האָט זיך חוץ זיין אייגן ווייב און קינדערלעך אויך אויפגעהאַלטן זיין ווייבס אַ שוועסטערל, אַ יתומה...

איז ווי נאָר די רביצין פלעגט אַוועקגיין פון שטוב איז שוין באַלד דער רבי יאָסל לאַקש געוואָרן „אויס".

— וואוהין גייט דער רבי? — פלעגט יאָסל רויזמאַן ווינקען מיט אַן אויגל. און ער פלעגט באַכשפירן און קומען צו אונז צוריק צום טיש און אונז דערציילן, אַז ער האָט געזען דעם רבין האַלטן דאָס יתומהלע אין די הענט...

וואָלט דאָס דאָזיקע יתומהלע געווען עפּעס אַ פּיצעלע קינד, וואָלט ביי אונז גאַרניט געווען קיין חידוש... איז אָבער דאָס יתומהלע, דיב־צעלע, האָט זי געהייסן, שוין געווען אַ היפּש מיידל.

און יאָסל רויזמאַן האָט אונז געוויזן, ווי אַזוי דער רבי יאָסל לאַקש האַלט דאָס יתומהלע אויף זיינע קני, און מיר האָבן זייער פיל געלאַכט.

יאָסל רויזמאַן האָט ביי מיר געפרעגט צי איך ווייס, וואָס עס איז אַ מיידל. ער האָט מיך געטאָן אַזאַ כאַפּ אַזוי הינטעראַרום מיט אָט דער שאלה, אַז איך בין געבליבן זיצן אַ פאַרשעמטער. און ער האָט געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך ניט שעמען... און ער האָט אונז געגעבן צו פאַר־שטיין, וואָס עס איז דער חילוק פון א יינגל ביז צו אַ מיידל.

און ניט נאָר דאָס האָט דער בחור געוואוסט, נאָר ער האָט נאָך אויך געוואוסט, וואָס עס איז אַ שד. ער האָט אַליין געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי עס האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שד מיט אַ קאַפּעליוש און מיט אַ שטעקעלע און מיט הויכע אָפּצאַסן און האָט גערויכערט אַ ציגאַר טוטין. נאָר אַזוי גיך ווי דער שד האָט אַוועקגעוואָרפן דעם ציגאַר טוטין און יאָסל איז צוגעלאָפן אויפצוהייבן דאָס שטיקל ציגאַר איז פון

דעם שד גאָר ניט געוואָרן און עס איז גאָר ניט געווען קיין ציגאַר טוטין... עס איז געווען פערדישע באַלינקע...

און ניט נאָר וועגן שדים האָט ער געוואוסט נאָר אויך וועגן גזלנים, וועלף און פיש אין וואַסער. יאָסל רויזמאַן האָט געקאָנט דערציילן אַ מעשה און מען זאָל זיצן און גאַפּן און הערן... און איך האָב טאַקע אים זייער ליב געהאַט צו הערן און הערן. און איך האָב אין גיכן אין גאַנצן פאַרגעסן די מעשה מיט דער פּענטע.

און איך האָב זיך געוואונטשן כאָטש צו קאָנען אַ צענטל פון זיין מעשיות־דערציילן. ביי אים האָט זיך עס גאָר קיין מאָל ניט אויסגעלאָזט. ביי זיין טאַטן איז דאָך געווען אַיין איינפאָר־הויז. און אַלע זיינע מעשיות האָבן זיך געווייינלעך אָנגעהויבן אַזוי: ביי אונז אין איינפאָר־הויז איז געקומען צו פאָרן אַ פריץ...

אַ מאָל איז עס געווען: „אַ פריץ מיט אַ פריצע"... און גאָר אַן אַנדערש מאָל איז עס געווען: „צו אונז אין איינפאָר־הויז איז אַ מאָל פאַרפאָרן אַ ליידיקער פאַיעטאָן... מיין טאַטע לויפט אַרויס מיטן משרת... ווער איז געקומען? קיינער ניט... אַ ליידיקער פאַיעטאָן... ערשט מען לויפט צו און מען גיט אַ קוק: אינעווייניק, אין פאַיעטאָן, ליגט אַ געקוי־לעטער פריץ...

וואו איז דער יאַמשטשיק?! — שרייט דער טאַטע.

— נישטאָ קיין יאַמשטשיק... — ענטפערט דער משרת.

— ווי אַזוי האָבן די פערד געקאָנט אַליין קומען צום איינפאָר־הויז?

— פרעגט ביי אונז יאָסל.

— טאַקע, ווי אַזוי?!

— אַ מעשה נורא...

און יאָסל הויבט אָן דערציילן אַ מעשה, ווי אַזוי דער פריץ איז גע־פאָרן דורכן יעדעניצער וואַלד און דאָרטן אין יעדעניצער וואַלד זיינען באַהאַלטן אַ כאַפּטע גזלנים און זיי זיינען באַפאַלן דעם פאַיעטאָן, און דעם קוטשער געבונדן, און דעם פריץ געקוילעט, און איינער פון די גזלנים האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ קוטשער און אָנגעטאָן דעם קוטשערס קליי־דער און צעגעבראַכט דעם פאַיעטאָן מיטן געקוילעטן פריץ גלייך צו זייער איינפאָר־הויז, און איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט איז דער גזלן פאַרשוואונדען...

צוויי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

נאָך פּורים, ווען עס איז צעלאָזט געוואָרן דער שניי און אין דרויסן איז געוואָרן וואַרעמער, האָט זיך שוין ביי אונז אָנגעהויבן רעשן מיט ערב פּסח. די מאַמע האָט איינגעקויפט אַ גאַנץ שטיק טריקאָ ביי גרשון הול־המועד אין קראָם, און מען האָט געשיקט רופן מלך שניידער. און ער איז באַלד געקומען צו לויפן מיט אַן אַרשין אויפן האַלז און מיט אַ שטיקל קרייד הינטער איינעם פון זיינע אויערן, מיט אַ צעשפּילעטן ראָק און מיטן העמד אַ ביסל אַרויסגערוקט פון די הויזן. און ער האָט ביי מיר אין די אויגן אויסגעוויזן ווי אַ מענטש, וועלכער האָט קיין צייט ניט; האָט ער זיך געאײַלט, אַז די טיר האָט נאָר געוואָלט פאַרקלעמען איינע פון זיינע פּאָלעס. אָבער פונדעסטוועגן, כאָטש ער האָט זיך אַזוי געאײַלט, איז זיך דאָס שטיקל קרייד געלעגן אַזוי רואיק ביי אים הינטערן אויער. מלך שניידער איז אַריין צו אונז אין שטוב אַן אַ „גאָט־העלף״, און אַזוי ווי אָנגעהויבן עפּעס צו זוכן ביי אונז אין שטוב, וואָס ער זאָל דאָ האָבן געהאַט פאַרלוירן...

דאָס שטיקל טריקאָ איז געלעגן אויפן טיש און מלך שניידער האָט זיך באַלד גענומען צו מיר, דעם ערשטן, נעמען אַ מאָס. ער האָט צע־וויקלט דאָס שטיק טריקאָ און האָט מיט דעם שטיקל קרייד געמאַכט אויף דער וואָרע צייכנס און פאַסיקלעך. און בשעת מעשה גערעדט, עפּעס אַזוינע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, וואָס האָבן מיט דער מלאָכה פון שניידעריי גאָר ניט געהאַט וואָס צו טאָן. ער גיט אַ שטייגער אַזאַ זאָג: „די בת־מלכּה פון יענער זייט סמבטיון...״

ווייס איך, אַז ער מיינט ניט מיך, אָבער וואָס מיינט ער דערמיט צו זאָגן? אָדער ער גיט פּלוצים אַזש אַ קריץ מיט די ציין און זאָגט: „דאָס פאַרשוואונדענע האַרץ אין די הרי־חושך...״

דאָס איז שוין פאַר מיר בשום אופן ניט פאַרשטענדלעך. „וואָר איז אין די הרי־חושך?״ פרעג איך זיך אַליין שטילערהייט.

איך באַמערק ווי מיין מאַמע ווינקט צו מלך שניידער און וויזט מיט איין אויג אויפן טאַטן. און באַלד גיט מלך שניידער אַ זאָג בייז: „נו, און די אַלמנה מיטן צוויבער קאַסטן אויף זיבן שלעסער?...״

— וואָס טשעלעבעטשעט איר? — שרייט דער טאַטע אויף מלך שניידער.

— מ'קאָן משוגע ווערן, ר' חיים, פֿון שניידעריי... אַ גאַנצן ווינטער איז ניט געווען אַ שטאָך אַרבעט. נאָר איצט, ערב פסח, האָט עס געטאָן אַ שפּאַר מיט מלאָכה... אַרבעט, מלך, מיט די זייטן... טשעלעבעטשעט מען... כ'ווייס דען וואָס איך רעד?

אָבער עס איז געווען אַ גריסער ליגן... מלך שניידער האָט יאָ געוואוסט וואָס ער האָט געזאָגט, און מיין מאַמע איז געווען די איינציקע, וואָס האָט אים פאַרשטאַנען, וואָרן, אַזוי גיך ווי מלך איז פאַרטיק געוואָרן מיט נעמען די מאָס אַלע ברידערלעך און איז אַוועקגעגאַנגען, האָט די מאַמע מיך אַוועקגענומען אין אַ זייט און מיך געשיקט אין אַ געהיימער שליחות צו מלך שניידער, אַז איך זאָל גיין און זיך הייסן געבן דעם ראָמאַן מיטן נאָמען „די בת־מלכּה פון יענער זייט סמבטיון״...

— געדענק־זשע, „די בת־מלכּה פֿון יענער זייט סמבטיון״ — וואָרנט מיך די מאַמע, — און ברענג אַזוי, אַז דער טאַטע זאָל ניט זען...

איך בין אַוועק מיט דער שליחות צו מלך שניידער און זיך גע־חזרט דעם גאַנצן וועג: די בת־מלכּה פֿון יענער זייט סמבטיון... די בת־מלכּה...

און ווען איך בין אַריינגעגאַנגען צו מלך שניידער אין שטוב און בין מסתּם אַריינגעפאַלן גלייך אין דער מאַסטערסקאַיאַ וואו שניידער־יונגען זיינען געזעסן אויף טישן מיט די פיס אונטער זיך, בין איך אַזוי צערעשט געוואָרן, אַז איך האָב פאַרגעסן דעם נאָמען פון דעם ראָמאַן, וואָס מיין מאַמע האָט געוואָלט.

— איך וויל אַ ראָמאַן פאַר דער מאַמען, — האָב איך געזאָגט.

— וואָס פאַר אַ ראָמאַן? איך האָב דען איינעם? איך האָב דאָך הונדערט ראָמאַנען, — האָט מלך געזאָגט. און אַז די שניידער־יונגען האָבן דערהערט, האָבן זיי געלאַכט פון מיר. און איך האָב זיך פאַרשעמט.

נאָר מלך שניידער האָט מיך געראַטעוועט מיט דעם וואָס ער האָט פאַר מיר גענומען אויסרופן אַ סך נעמען און איך האָב זיך דערמאַנט.

די ראָמאַנען האָט ער געהאַלטן אין אַ גרויסן קופערט.

— זאָג דיין מאַמען, אַז עס איז דאָ אין דעם ראָמאַן אַכצן טיילן — האָט מלך שניידער צו מיר געזאָגט — און עס זאָל שוין מערער ניט פּאַסירן דאָס וואָס דיין טאַטע האָט פאַרברענט מיינעם אַ ראָמאַן...

איך האָב גוט געוואוסט, אַז מיין טאַטע האָט געכאַפּט די מאַמע לייענען אַ יידיש־טייטשישן בוך און ער האָט אים אַרבערגנט אין אויוון, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל בעסער לייענען דעם צאינה־וראינה.

איך האָב דאָס בוך באַהאַלטן אונטער דער פאַלע פון מיין ראָק און האָב ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מיין טאַטע איז אַזוי אין כעס אויף אָט די דאָזיקע ביכער. איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז אַזוי גיך ווי איך וועל ווערן אַ גרויסער, וועל איך אויך גענומען אַזוינע ביכער ביי מלך שניידער און אין זיי אַריינקוקן...

איך האָב זיך געמוזט אַריינגנבענען אין שטוב אַריין און איבערגעבן דער מאַמען דאָס געהיימע בוך און איך האָב געזען, אַז זי באַהאַלט עס אין סאָפע אין איר גרויסן בוך מיט די שווערע טאָוולען, וואו זי האָט געהאַלטן סאַמע סודות: אירע מיידלשע צעפּ, אַ מעדאַליאָנטשיק און פאַר־שריבענע, פאַרגעלטע פּאַפּירן...

ווען די מאַמע האָט געהאַט צייט צו לייענען אָט דעם בוך, געדענק איך ניט. זי איז קיין מאָל ניט געזעסן ליידיק. אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז עס איז דאָ אין ראָמאַן אַכצן טיילן, האָט מיין מאַמע אַזש אַ זיפץ געטאָן און זי האָט זיך אָנגערופן: „ווייִ, וויי, עס וועט זיין גענוג ביזן גראָען צאָפּ אַריין...״

איך האָב יענעם אויפדערנאַכט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן שלאָף און געזען, אַז עס איז ליכטיק אין קיך. און איך האָב געהערט ווי עס מישן זיך פּאַפּירענע בלעטער און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער ווי די מאַמע זאָגט אויף אַ שטיל קול, אויסגעמישט מיט טרערן. און איך בין לאַנג, לאַנג געלעגן און זיך צוגעהערט ביז איך בין צוריק איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן איז די מאַמע אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און זי מיט פאַראַסקען האָבן זיך גענומען טינקעווען די ווענט. און דער טאַטע האָט אַראָפּגענומען די פּאַדוואָינע פענצטער און מען האָט געעפנט די טירן און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער ערב פּסח. און מען האָט גע־שיקט רופן יאַנקל שוסטער, אַז ער זאָל אונז מאַכן נייע שטיוועלעך אויף פּסח. אָט דער יאַנקל שוסטער איז געווען אין גאַנצן ווי פון האָר מיט סמאָלע און דערצו אַלס צוגאָב האָט נאָך פון אים געשמעקט מיט שמעק־טאַבאַקע. נאָר מיין טאַטע האָט פאַר אים גרויס דרך־ארץ גע־האַט דערפאַר, וואָס ער שטייט אויף אַלע פאַרטאָג און זאָגט תהלים.

— ס׳קאַצל קומט, ר׳ יאַנקל! — האָט אים דער טאַטע באַגעגנט. אָבער מיין מאַמע האָט עפּעס ניט אַזוי געהאַלטן פון אים.

— מאַכט נאָר איצט בעסערע שטיוועלעך ווי פאַראַיאָרן... — האָט די מאַמע אים פאַרגעוואָרפן.

— פאַראַיאָרן איז שוין פאַרפאַרן — האָט יאַנקל זיך געשטאָפּט זיינע נאָזלעכער מיט טאַבאַקע. ער האָט אונז גענומען אַ מאָס מיט אַ שטריקל און געמאַכט קניפּלעך אין שטריקל.

— ווילסטו מיט סקריפּ, יינגעלע? — האָט ער ביי מיר געפרעגט. און ער האָט געטראָפן. איך האָב געוואָלט שטיוועלעך מיט אַ סקריפּ.

— יאָ! — האָב איך געזאָגט.

אָבער דער טאַטע האָט אָנגעשריען אויף אים, אַז מ'דאַרף ניט קיין סקריפּ.

— וועלן כאָטש די שטיוועלעך פאַרטיק ווערן אַ וואָך צו פּסח? — וויל די מאַמע וויסן.

— כ'וועל זאָגן אַ ביסל ווינציקער תהילים... — נעמט זיך יאַנקל ווידער צו דער טאַבאַקערקע. די דאָזיקע טאַבאַקערקע איז געווען גע־מאַכט פון אַ האָרן פון אַן אָקס מיט אַ דעקל אויך פון ביין.

אַז דער טאַטע האָט דערהערט, אַז יאַנקל קלייבט זיך צו זאָגן אַ ביסל ווינציקער תהילים, האָט ער ווידער אויף אים אָנגעשריען: זאָגט תהילים, זאָגט תהילים! וועלן די שטיוועלעך פאַרטיק ווערן אַ ביסל שפּעטער".

— אַי, אַי, ר' חיים, איר זענט אַ טייערער ייד, — האָט יאַנקל שוסטער געלויבט מיין טאַטן דערפאַר, אַפּנים, וואָס ער הייסט אים זאָגן תהילים.

און די מאַמע מיט פאַראַסקען האָבן אין איין טאָג אויסגעטינקעוועט אַלע ווענט. די געוועזענע ווייסע ווענט האָבן איצט באַקומען אויף זיך אַלערליי פיגורן; פּאַסן פון ליים, ווי אויסגעלייגטע וועגן; אָדער אַזוינע לאַנדשאַפטן מיט ביימעלעך ביי די זייטן און מיט טעלעגראַף־סלופּעס...

עס איז געווען גוט צו ליגן קאַיאָר און קוקן אויף די ווענט, ביז וואַנען די מאַמע האָט זיך גענומען שמירן מיט קאַלך און פאַרווייסט אַט די אַלע פיגורן.

און מען האָט געשיקט רופן שלמה קאַשקעטניק און ווען ער האָט נאָר געעפנט די טיר, האָט ער באַלד גענומען קנאַקן מיט זיין צינגל, ווי מיט אַ גלעקל. ער האָט געבראַכט מיט זיך אַ פידלע מיט דריי סאָרטן היטעלעך: נומער איינס, פּשוטע רונדע היטעלעך מיט קליינע דאַשיק־לעך און גרויסע קנעפּ ביים שפּיץ; נומער צוויי, קליינע קאַשקעטלעך מיט קליינע דענקעלעך, ווי ביי אַ סאָלדאַט; נומער דריי, אַ קאַשקעט מיט אַ

גרויסן דענעק און מיט אַ גרויסן דאַשעק, ווי דער טאַטע האָט געטראָגן. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מעסטעניש. און איך האָב זײער געוואָלט אַ קאַשקעט מיט אַ גרויסן דענעק. אָבער ווען איך האָב אים אָנגעמאָסטן און די מאַמע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, האָט זי פאַרקרימט איר פּנים און באַלד פון מיר אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל... איך האָב שוין דערפאַר, באַקומען דאָס געווײנלעכע קײלעכיקע היטעלע...

און די מאַמע מיט פאַראַסקען האָבן געווײַסט די שטוב מיט קאַלך, און אונז האָט מען אַרויסגעטריבן אין דרויסן.

און איך האָב זיך ניט באַלײדיקט פאַרוואָס מען טרײַבט מיך פון שטוב, כאָטש איך האָב גראָד יאָ געוואָלט זײַן אין שטוב און זיך צוקוקן ווי מען ווײַסט די ווענט. אָבער אין דרויסן האָב איך זיך מסתּם אויך ניט געלאַנגווײַליקט.

דער שײנער פאַר־פּסחדיקער טאָג איז געווען צו קלײן פאַר מיר. און אײדער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, איז שוין געווען אָוונט. דעם גאַנצן טאָג האָט געקלונגען און געשאַלט פון אומעטום און פון אַלע זײַטן. עס האָבן געהירזשעט די פערד, וועלכע די יאַמשטשיקעס האָבן איצט געקעמט און געבאַרשטן אין דרויסן אונטערן פרײַען הימל; עס האָבן געטשוויטשערט די פײגעלעך פליענדיק פון אײן דאַך צום אַנדערן; די קו אונזערע, די ראָבע רעביצין, ווי מײַן מאַמע האָט זי גערופן, האָט געמרעקעט און געבריקעט; דער האָן, וואָס האָט געשפּאַנט מיט זײַנע שפּאָרן פון פאַרנט פון זײַן טשאַטע מיט היגער, האָט זיך אַלע מאָל געטאָן אַ פּאַטש מיט זײַנע פליגל און געטאָן אַ פרײלעכן קרײ; די בלאָטע בײַ אונז אין הויף איז פאַרטריקנט געוואָרן ליכטיק־גראָ און דאָ און דאָרט בײַ די זײַטן פונעם פּלויט האָבן אָנגעהויבן שפּראָצן גרינע גרעזעלעך; און עס האָט זיך געהערט דאָס פרײלעכע געשרײ און געפּילדער פון קינדער פון גאַנץ רישקאָן און איך האָב גאָר קײן צײַט ניט געהאַט זיך צוצוקוקן ווי אַזוי די זון פאַרגײט... עס איז מיר אַ שאָד, וואָס עס ווערט אַזוי גיך נאַכט...

און צו ביסלעך האָט די מאַמע מיט פאַראַסקען אויסגעווײַסט אײן צימער נאָכן צווײטן. און אַז עס איז פאַרטיק געוואָרן אַ צימער אויף פּסח, האָט מען אונז שוין אַהין ניט אַרײַנגעלאָזט. אין אָוונט, אַז מיר האָבן געדאַרפט זיך לײגן שלאָפן, האָט מען אונז אויסגעטאָן אין קיך און אונז גוט אַרומגעטרײסלט, טאָמער, חלילה, איז דאָ אויף אונז אַ ברעקעלע חמץ.

און אַזוי איז אָנגעקומען די לעצטע וואָך פון ערב פּסח. די גאַנצע שטוב איז שוין אָפּגעשלאָסן. מלך שניידער האָט שוין געבראַכט די גאַרניטורלעך און יאַנקל שוסטער האָט געבראַכט די שטיוועלעך און שלמה קאַשקעטניק האָט שוין אָפּגעבראַכט די היטעלעך. מיר, די קינדער, קאָנען אַפילו ניט טאָן קיין בליק אויף די אַלע גוטע זאַכן. נאָר מען האָט געשיקט רופן שעפּסעלע צירולניק מיטן געשטופּלטן פּנים. און ער האָט מיט אַ מאַשינדל אונז אָפּגעשוירן די האָר פון אונזערע קעפּ. געטאָן האָט ער די דאָזיקע אַרבעט אין מיטן הויף און דער האָן מיט די הינער האָבן זיך אַרומגעשטעלט און געקוקט מיט פאַרגלעזטע אייגלעך אויף אונז. און אַז עס איז געוואָרן דריי טעג פאַר פּסח האָט זיך דער טאַטע גענומען גליען דעם אויוון. אַזאַ ייד ווי מיין טאַטע ווערט פּלוצים אַ גאַנצער מאַכער אין קיך... איז שוין גאַרניט געווען ווי אַריינצוגיין. און ער האָט אַזוי אָנגעגליט דעם אויוון, אַז עס איז אין קיך געווען הייס ווי אין אַ קאַלך־אויוון...

מיר האָבן שוין געגעסן אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן, ווי, להבדיל, די קו... דער קיך־טיש איז געשטאַנען אונטערן פרייען הימל און פייגעלעך זיינען געפלויגן איבער אונזערע קעפּ, בשעת מיר האָבן געגעסן.

און מען שיקט מיך מיט פאַראַסקען טובלען דאָס געפעס צום טייך.

— דער רישקאַנער טייך איז כמורנע, בלאָטיק און פול מיט כל המינים שטיקער האָלץ און וואָס ניט...

— פוי, דער טייך איז אַזוי ווי אַ פּאָמאַיניצע, — זאָגט פאַראַסקע צו מיר בייז, וואָס זי וויל פון מיר, ווייס איך ניט. בין איך שולדיק וואָס מען שיקט מיך זיין איר שומר?...

פאַראַסקע טובלט דאָס געפעס. די ווייסע טעלער ווערן זייער שמוציק פונעם קאַלעמוטנע וואַסער. אָבער איך היט ניט פאַראַסקען.

איך גיי בעסער צו צו די ווערבע־ביימלעך, וואָס ביים ברעג טייך. די ווערבע־צווייגלעך זיינען איצט פול מיט גרינינקע ציגעלעך און זיי זיינען מלא־חן. די זון איז איבער די ביימלעך צעגאָסן און זיי שטייען ליכטיקע און מיט די גרינע ציגלעך אַזוי ווי מיט צעעפנטע פּיסקעלעך טרינקען זיי זונשיין. איך עפן מיין מויל און שטיי פאַרגאַפט אויף דעם דאָזיקן גרויסן וואונדער...

דריי־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דער זומער איז אַוועק און עס איז אָנגעקומען דער ווינטער מיט די אמתע שנייען און זאַווערוכעס. די רישקאַנער בלאָטעס זיינען צוגעדעקט געוואָרן און אַלץ איז געווען ווייס, און דערנאָך איז אָנגעקומען דער יום־טוב חנוכּה. דער יום־טוב איז ביי אונז אין שטוב געפּראַוועט געוואָרן מיט דעם, וואָס דער טאַטע האָט אונז געגעבן חנוכּה־געלט און מיט דריידלעך־שפּילן, מיט געסט אַלע אויפֿדערנאַכט, און די געסט האָבן ווידער געגעבן חנוכּה־געלט...

איצט, אַזוי ווי איך בין שוין געווען אַ חומש־ייִנגל, האָב איך שוין קיין דריידל ניט באַקומען. דערפֿאַר בין איך אָבער ניט געגאַנגען די גאַנצע וואָך חנוכּה אין חדר ביינאַכט. און בייטאָג האָט אונז דער רבי יאָסל לאָקש געלאָזט שפּילן אין קוויטלעך...

די דאָזיקע קוויטלעך זיינען געווען פּאַפּירענע טאָוועלעך. און מיין קיטע, משולם, האָט געמאַכט אָט די דאָזיקע קוויטלעך. און ער האָט זיי ניט געמאַכט פּראָסט, אַזוי, נאָר ער האָט איינגעהאַנדלט אַלערליי פֿלעשעלעך מיט פֿאַרב און האָט זיך בּרייט צעשפּרייט איבערן טיש און געמאָלן אַזוי: אַן „א" איז ביי אים געווען אַן אָקס, און אַז משולם האָט געמאַכט אַן אָקס, איז עס געווען אַן אמתער אָקס, וואָס איז שיִער ניט אַראָפּגע־שפּרונגען פֿונעם שטיקל פּאַפּיר. די „ב" איז ביי אים געווען אַ בער און די „ג" אַ גאַנז.

די קוויטלעך זיינען באַשטאַנען פֿונעם גאַנצן אַלף־בית, און משולם האָט געדאַרפֿט אויסמאָלן זייער אַ סך חיות. און דאָס האָט ער געדאַרפֿט מאַכן באַלד אויף גיך, ווייל חנוכּה איז גרויס אין גאַנצן איין וואָך און מיר חברה זיינען געזעסן און געוואַרט אויף דעם פּעקל קוויטלעך...

משולם איז געווען אַ מאַדים און איינאונאיינציקער אין זיין מין ניט נאָר ביי אונז אין חדר, נאָר אין גאַנץ רישקאָן. חוץ וואָס ער האָט גע־מאַכט אַזוינע קוויטלעך פֿאַר אונזער חדר, פֿלעגט ער אין אָוונט מאַכן ביי זיך אין דער היים נאָך „קוויטלעך", וואָס מען פֿלעגט קומען צו אים באַשטעלן.

מיר יינגלעך האָבן משולמען געמוזט העלפן. און קיינער איז ניט געווען אַזאַ גוטער אַרויסהעלפער ביי משולמען, ווי איך. משולם פלעגט געבן אַ מאָך, למשל, דעם לייב און דערנאָך האָט מען געדאַרפט אויס־פּילן מיט אַלערליי קאָלירן, וואו מען האָט געמוזט, וועדליג משולם האָט אָנגעוויזן. און איך האָב מיט אַ פעדער פון אַ גאַנז וואָס משולם האָט פאַרשניצט, אַריינגעפאַרבט אַ פעל פונעם לייב, אָדער די פיס.

האָב איך געטראַכט, צוליב וואָס דאַרף איך זיין אַן אַריינפאַרבער ביי משולמען? איך האָב דאָך אים אַזוי שטאַרק מקנא געווען ווי אַזוי ער גיט מיט איין דריידל מיט דער פען אַ שטעל אַוועק אַ „לעבעדיקן" לייב...

האָב איך געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען אפשר אַ פּלאַן, אַז איך זאָל אַליין אָנהויבן מאַכן מיינע אייגענע קוויטלעך... עס האָט ניט גע־שאַדט וואָס איידער איך האָב זיך צו אָט דער אידייע דערטראַכט, איז שוין דערווייל די וואָך פון חנוכה אַוועק.

איך האָב געדאַרפט האָבן צוויי זאַכן: געלט און פאַרב.

געלט האָב איך געהאָט פון מיין חנוכה־געלט. עס איז געווען סאַמע ניי געלט, ערשט נאָר אַרויס פונעם פּעטשאַט, און עס האָט געבלישטשעט ווי גאָלד... בין איך אַוועק צו שרה דער פאַרבערין וואָס האָט געפאַרבט וואָל פאַר די מאַלדאַוואַנעס. אָט די שרה איז געווען אַ צנועה און אַזאַ גוטע ווי די מוטער שרה פון חומש. זי האָט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל ניט קויפן קיין פאַרב; אַז מיין טאַטע וועט זיין ברוגז... און זי האָט ניט געוואָלט נעמען ביי מיר קיין געלט, טאָמער האָב איך עס געלאַטכענט...

— ס'איז מיין חנוכה־געלט!... גיט אַ קוק, ס'איז נאָך ניי!... — האָב איך צו איר געטענהט. און זי האָט קוים מיט צרות ביי מיר גענומען געלט און פאַר מיר אָנגעגאָסן אין באַזונדערע פלעשעלעך: רויטע, גרינע, געלע, בלויע און ברוינע פאַרבן און ווי אַ גוטע מאַמע, די פלעשעלעך פאַרשטעקט מיט פאַרשטעקלעך פון פּאַפּיר. און זי האָט מיר געגעבן אַלס צוגאָב עטלעכע פעדערן... אַז מען שמועסט אַ צדקת...

איך בין מיט אָט דעם אוצר אַוועק און איצט האָב איך געדאַרפט האָבן פּאַפּיר, וואָס איך האָב געקאָנט זייער לייכט באַקומען ביי אונז אין קאַנצעלאַריע. אונזער פּאַפּיר איז געווען מיט צוויי מעלות: אי עס איז געווען שטייף און גוט פאַר קוויטלעך און אי עס איז געווען ווייס און קלאָר...

איצט האָב איך געדאַרפט צייט און אָרט: צייט, ווען צו פאַרבן די קוויטלעך און אָרט — וואו צו פאַרבן... אין חדר האָט מען שוין איצט

ניט געטאָרט פאַרבן קיין קוויטלעך. עס איז שוין געווען נאָך חנוכה. און קיין צייט האָב איך אויך ניט געהאַט, ווייל איך פלעג גיין אין חדר אַ גאַנצן טאָג ביז ניין אַ זייגער אין אָוונט.

איך פלעג דאַרפן קומען אַהיים יעדן טאָג עסן אָנבייסן אַרום צוועלף אַ זייגער. און איך האָב זיך איינגערעדט, ניט געקאָנט פאַרזאַמען מערער ווי ביז איבער דעם אָנבייסן, און באַלד האָב איך געמוזט גיין צוריק אין חדר אַריין.

און איך האָב ווילד אַזוי מאָלן אַלערליי חיות און קוויטלעך! איך חלש פשוט, איך פיבער אַזש מיט היץ און עס דראַזשעט מיך מיט קעלט. אין דרויסן איז אַ ווייסע וועלט און איך האָב ביי זיך אין קעשענע אַזאַ אוצר וואָס אַז איך זאָל געבן מיט אַ פעדער אַ שמיר פון, אַ שטייגער, דעם רויטן פלעשעלע, אָדער פונעם גרינעם פלעשעלע... נאָר גיי שטעל זיך אַוועק כאַטש אין מיטן גאַס און נעם אַרויס דעם גאַנצן אוצר! און איך האָב עס טאָקע געטאָן זייער אַ סך מאָל, ווען איך בין געגאַנגען בייטאָג פון חדר אָדער אין חדר אַריין. איך שטעל זיך אָפּ און נעם אַרויס דאָס גרינע פלעשעלע און צעקלויבע די פאַרב און עס גייט מיר אַזש אויס דאָס חיות...

און עס איז געווען אַ געפאַר אויך: טאָמער דערטאַפּט מען ביי מיר אין דער היים אין מיינע קעשענעס אָט דעם אוצר, מערער האָט מיר ניט געפעלט!

און איך האָב זיך זייער געדאַרפט היטן, אַז ניט נאָר זאָל מען אין דער היים ניט דערטאַפּן מיין אוצר, נאָר אַז אַפילו אַ פרעמד אויג זאָל ניט דערשנאַפּן וואָס איך פאַרטאָג.

איך האָב שוין ווי עס איז ניט זיך אויסגעהיט. אָבער ווי אַזוי הויבט מען שוין אָן עפּעס צו טאָן? איך האָב שוין די פּאַפּירלעך אָנגע־שוירן פונקט ווי אַזוי איך האָב זיי געדאַרפט. און זיי ליגן שוין ביי מיר אין בוזים־קעשענע.

בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן. אַזוי ווי מיין טאַטע דאַוונט אין דער שטיפּאַנעשטער קלויז און דער שמש משה קען מיך שוין און ווייסט ווער איך בין, אפשר וואָלט איך זיך אַריינגעכאַפּט אין אָט דער קלויז, בשעת איך גיי אַהיים עסן אָנבייסן.

איז אָבער צו מיין גרויסן באַדויערן דאָרטן נאָך געווען יידן אָנגע־טאָן אין טליתים, ווען איך בין דורכגעגאַנגען אַהיים עסן אָנבייסן.

איז דאָך ווידער שלעכט. האָב איך פּרובירט גיין צוריקצואוועגס אויפן וועג אין חדר דורך דער קלויז און דאָרטן זיינען שוין ניט געווען

מערער קיין יידן. איך עפן די טיר און כאַפּ זיך אַריין אין קלויז אַריין. עס איז דאָרט וואַרעם און שטיל. ביי דער הרובע שטייט אַ לאַנגער טיש מיט אַ באַנק. איך זעץ זיך אַוועק ברייטלעך און נעם אַרויס מיין גאַנצן אוצר: די פלעשעלעך פאַרב און דאָס פּאַפּיר מיט די פעדערן. און איצט איז מיר ווידער שלעכט. די פעדערן זיינען ניט פאַרשניצט. אָבער איך גיב זיך אַן עצה. איך רייס זיי מיט מיינע נעגל און ציין, ביז עס ווערט אויף זיי שפּיצן. און איך נעם זיך צו מיין מלאָכה.

אָנשטאָט איך זאָל אָנהויבן פון דער „א" און מאַכן אַן אָקס, הויב איך גאָר אָן פון דער „פ" און מאַך אַ פערד, ווייל אַן אָקס האָב איך זיך ניט געפילט אַזוי קאָמפּעטענט צו מאַכן. אָבער אַ פערד אויסצומאָלן האָב איך געמיינט, אַז עס וועט מיר זיין זייער גרינג ווייל ווער קאָן נאָך אַזוי גוט קענען אַ פערד, ווי איך, וואָס איך בין אויסגעוואַקסן מיט זיי אין איינעם? איצט איז ביי מיר געווען אַ שאלה וואָס פאַר אַ קאָליר פערד איך זאָל מאָלן? איך האָב זייער ליב געהאַט אונזערע צוויי בולאַנע פערד, וואָס זייער קאָליר איז געווען ווי ציקאָריע מיט מילך.

איז ווי אַזוי מאַכט מען דאָס, אַז איך זאָל האָבן דעם קאָליר פון ציקאָריע מיט מילך? איך האָב רויטע, גרינע, געלע, בלויע, אָבער ניט קיין ציקאָריע־מיט־מילך פאַרב.

טראַכט איך, וואָס דריי איך זיך דעם קאָפּ וועגן אַ קאָליר? לאָמיך פריער אויפשרייבן אַ פערד... און דערנאָך וועל איך שוין זען וואָס איך האָב צו טאָן. איך פּרוביר אויפשרייבן אַ פערד און איך קאָן ניט. עס קומט ביי מיר אַרויס עפּעס אַזוינס וואָס איז מער ענלעך צו אַ ציג איידער צו אַ פערד.

— משולם, טראַכט איך, קאָן טאַקע...

און אַזוי ווי איך זיץ אַזוי און טראַכט, הער איך טריט אויף די טרעפּ פון דער קלויז... עס זאָלן לעבן אייביק אָט די טרעפּ! זיי האָבן מיך געראַטעוועט! די דאָזיקע טרעפּ האָבן איצט פונעם שניי און פראָסט, נעבעך, אַזוי געקרעכצט... און אַז איך האָב דערהערט, אַז די טרעפּ קרעכצן, האָב איך שוין געוואוסט, אַז עמעצער גייט און איך האָב אין דער גיך באַהאַלטן מיין גאַנצן אוצר אין מיינע קעשענעס. און דעמאָלט איז משה שמש אַריין.

משה שמש, אַז ער איז געוואָרן אין כעס, האָט ער געהאַט אַ טבע צו פאַרגלאָצן מיט זיינע אויגן ביז אונטערן שטערן.

וואָס טוסטו דאָ?!... דו אַכבערויש!...

ער דערקענט מיך גאָרניט. און ער לויפט און כאַפּט די קאַטשערע פון דער הרובע... אָבער איך בין דערוויל שוין „אויסגעוועזן"...

איז דאָך דאַכט זיך שוין גוט געוועזן, וואָס משה שמש האָט מיך ניט געכאַפּט ביי דער אַרבעט... און איך בין געקומען שפּעט אין חדר אַריין, ניט ווי געוויינלעך אַלע טאָג און דער רבי יאָסל לאַקש האָט מיך גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער: וואו ביזטו געוועזן?

איך האָב אויסגעטראַכט עפּעס אַ תירוץ, אַז מיר איז נאָכגעלאָפן אַ ווילדע קו מיט די הערנער און איך האָב געמוזט אַנטלויפן ווייט, ווייט...

און כאָטש יאָסל לאַקש האָט שוין געקאָנט אָט די אַלע תירוצים, האָט ער מיר אָבער געשאָנקען דאָס דאָזיקע מאָל.

און איך האָב גאָרניט געוואוסט וואָס עס לויערט איבער מיר...

עס איז געקומען די צייט פון גיין אַהיים, ניין אַזייגער, און איך בין גאָר, גאָר פריילעכער געגאַנגען אַהיים. איך האָב נאָך מיין האָפּע־נונג ניט אויפגעגעבן, כאָטש איך האָב ניט געקאָנט אויפשרייבן קיין פערד ווי משולם האָט עס געטאָן. איך האָב עס אַפילו פאַרטרויט מיין חבר משולמען גייענדיק אַהיים פון חדר... און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיך אויסלערנען די „מעצאָצע" — אַזוי האָט ער זיך אויס־געדריקט וועגן דער אַרבעט פון מאָלן.

— ווען? — האָב איך געוואָלט וויסן, ווען ער וועט מיך אויס־לערנען.

זומער־לעב... — האָט משולם געזאָגט, — דאַן גייט מען ניט ביי־נאַכט אין חדר און מיר וועלן אַוועקגיין אויף דער טאָליקע און איך וועל דיך אויסלערנען אין איין שמיי־דריי...

עס איז ווידער שלעכט: גיי זעץ זיך וואַרטן אויף זומער־לעב, אַז איך טראָג זיך אַרום מיט פלעשעלעך פאַרב און דאַרף זיך היטן, אַז מען זאָל מיך ניט דערטאַפּן.

נאָר איך האָב דען אַן אַנדער ברירה? איך צעזעגן זיך מיט משולמען און קום אַהיים און ווייס גאָרניט פון מיין צרה.

איך גיב אַ פאַל אַריין אין שטוב אַריין מיט קוראַזש. אין שטוב איז ליכטיק און וואַרעם. די לאָמפּן ברענען און דער טיש איז געגרייט און עס גיט מיר אַ זעץ אין די נאָזלעכער די גוטע רעטשענע קאַשע און אַזוי אַ גיט די מאַמע פלוצים אַ יעכץ און אַ פאַרברעך מיט די הענט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געקליבן פאַלן אין חלשות.

— זע נאַר! וואו האָסטו אַזוי אויסגעפלעקט דאָס טוליפּל?

ביי מיר פאַלט איין דאָס האַרץ. איך ווייס, אַז די מאַמע מיינט מיך, אָבער איך ווער אַזוי געליימט, אַז איך קאָן זיך ניט רירן פון אָרט.

און דער טאַטע וואַקסט אויס באַלד לעבן מיר. און פאַראַסקע און אַלע קינדער...

— ווײַ איז מיר ניט, וואו האָסטו זיך אַזוי פאַרפלעקט?

דער טאַטע ציט שוין פון מיר דאָס טוליפּל און ביי מיר פלאַמען די באַקן און מיר איז גאָר קאַלט...

הכּלל דער גאַנצער סוד איז אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער. דער טאַטע שלעפּט אַרויס פון מיין קעשענע אַלע פלעשעלעך פאַרב און דאָס רויטע פלעשעלע איז נעבעך ליידיק און מיין גאַנצע פאַלע איז מיט אַ גרויסן רויטן פליאַם...

און דעמאָלט האָב איך געכאַפּט די ערשטע, גוטע פעטש פון מיין טאַטן און איך האָב שוין ווידער קיין וועטשערע ניט געגעסן און אויס מיט מיין מאַנאַקליע צו מאָלן חיות...

פיר־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אין רישקאַן האָט אַלע טאָג געשנייט. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז באַלד וועלן אַלע שטיבער ווערן פאַרדעקט מיט שניי.

מיין מאַמע האָט געהאַלטן אַן עצה מיט פאַראַסקען וואָס צו טאָן מיט מיין פאַלטאָ, וועלכן איך האָב פאַרפלעקט מיט רויטער פאַרב. און נאָך אַ קורצן קאָנסיליום איז באַשלאָסן געוואָרן דעם פאַלטאָ וואַשן מיט קעראָסין. און דער קעראָסין האָט נאָך ערגער געמאַכט, ווייל ער האָט צעפלאָסן די רויטע פאַרב איבער דעם גאַנצן פאַלטאָ און דער פאַלטאָ האָט ערשט איצט אויסגעזען חוזק...

און מיך שיקן מיט אַזאַ מלבוש אין חדר אַריין, האָט די מאַמע ניט געוואָלט. איז מען געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן: אַזוי ווי דער טאַטע האָט אַ מאַנטל פון שאַפענע פעל, וועלכן ער נוצט נאָר, ווען ער דאַרף פאָרן אין אַ ווייטן וועג און אַזוי ווי ער ריכט זיך סיי־ווי־סיי ניט צו פאָרן אין די ווייטע וועגן, זאָל מען מיר איבערניצעווען פון אָט דעם מאַנטל אַ טוליפּל...

דעם טאַטנס מאַנטל איז געווען געמאַכט מיט די האָר פון דרויסן און מיטן געוואַנט אינעווייניק, זאָל מען עס פון מיינעטוועגן איבערני־צעווען מיטן געוואַנט פון דרויסן און מיט די האָר פון אינעווייניק.

געטראַכט און געטאָן. און מען האָט געשיקט רופן קעסיעל שניי־דער, אַ ייד אַ מיוחס, מיט אַ לאַנגער שמאָלער באָרד, וואָס איז געווען ביי אים ביזן גאַרטל און ער האָט אַ שטעקן מיט גוזיקעס און מיט אַ ביינערדיק הענטל, און זיין נעזל איז געווען אַ פאַרשאַרטס און אַ קורצס און דערצו נאָך מיט בלויע ברילן — הכלל אַ יחסן. אין קליינינקייט: ער האָט גענייט פאַר די פּריצים פון שטעטל...

ער איז געקומען צוגיין און פון געוואוינהייט, ווען ער האָט גע־עפנט די טיר, געוואָלט אַראָפּנעמען דאָס היטל, נאָר אַז ער האָט דער־זען מיין טאַטן מיט דער באָרד און פּיאות, האָט ער זיך געמאַכט ווי ער האָט ניט געוואָלט אַראָפּנעמען דאָס היטל, נאָר ער האָט געמיינט זיך טאָן אַ קראַץ אין לינקן אויער...

מיין טאַטע האָט געטאָן אַ לייג אַוועק די שובע* אויפן טיש און די מאַמע האָט קעסיעלן געזאָגט וואָס זי וויל.

די שובע האָט פאַרמאָגט לאַנגע, שוואַרצע האָר מיט אַזוינע קניפּ־לעך: יעדער צענדלינג האָר האָט זיך געהאַט זיין קניפּל. די דאָזיקע פעל, האָט מיין טאַטע געזאָגט, זיינען פון קרימער באַראַנעס. קעסיעל שניידער האָט פאַרהויבן זיינע בלויע ברילן און מיט זיינע רויטע אויגן אַ קוק געטאָן אויף די באַראַנענע פעל און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

אין קורצן, קעסיעל האָט מיך אָנידערגעשטעלט און געהייסן שטיין גלייך. און ער האָט מיר גענומען אַ מאָס מיט זיין לייווענטענעם אַר־שין. און איך האָב זיך זייער געפרייט וואָס פונעם אומגליק מיט מיין פאַלטאָ איז גאָר געקומען אויף מיר אַזאַ גליק — איך וועל האָבן אַ טוליפּל פון באַראַנענע פעל מיט שאַרצע האָר און מיט קניפּלעך!...

איך האָב אַזש פאַר פרייד ניט געקאַנט איינשטיין און קעסיעל האָט געזאָגט, אַז ער קאָן ניט נעמען די ריכטיקע מאָס ווען איך וועל ניט שטיין גלייך.

— ווי לאַנג זאָל עס זיין? — פרעגט ער ביי טאַטע־מאַמע, וועלכע שטייען דאָ דערביי און האָבן אויך הנאה.

— מאַכט עס לאַנג גענוג, ווייל ע ר וואַקסט דאָך...

— און כ׳וויל קעשענעס!... — פאַרגעס איך, אַז איך בין אַ פאַר־שולדיקטער און אַז איך דאַרף שווייגן.

— ק ע ש ע נ ע ס!... — גיט דער טאַטע זיך אַ קרים — מאַכט ניט קיין קעשענעס!...

— פאַרוואָס?! וואונדערט זיך קעסיעל.

— אָן קעשענעס! — גיט דער טאַטע אַרויס זיין פּסק.

— איז ניט!... — גיט זיך קעסיעל אונטער.

אָבער צו מיין גרויסער פרייד איז גאָר ניט געווען קיין גרענעץ, ווען קעסיעל שניידער האָט אָפּגעבראַכט דאָס טוליפּל און עס איז אין טוליפּל געווען צוויי טיפע קעשענעס.

איך האָב פאַרשטענדלעך דאָס ערשטע באַלד אַריינגערוקט מיינע הענט אין די דאָזיקע קעשענעס און זיי באַלד צוריק אַרויסגעכאַפּט, טאָ־מער דערזעט מיין טאַטע, אַז מען האָט געמאַכט קעשענעס און ער וועט זיי נאָך הייסן צוריק פאַרנייען.

דאָס טוליפּל איז געווען אַ ביסעלע צו־לאַנג אויף מיר; עס האָט זיך כמעט נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד. נאָר דער טאַטע האָט גע־

* אַ פעלץ.

טענהט, אַז איך וועל איבעראַיאַר אונטערוואַקסן, וועט עס זיין אויף מיר פונקט גוט.

דערפאַר האָט איך געהאַט אַ קאַלנער פון באַראַנענע פעל מיט לאַנגע, שוואַרצע האָר און מיט קניפּלעך, וואָס כאָטש די דאָזיקע האָר האָבן מיך געקיצלט אין האַלדז, איז אָבער, אַז איך האָב דעם דאָזיקן קאַלנער אויפגעשטעלט, האָט שוין געמעגט בלאָזן די גרעסטע זאַווע־רוכע, האָב איך זי געהערט ווי דעם וואַטעמאַכער.

אמת, דאָס טוליפּל איז געווען אַ ביסל צו לאַנג און אַזוי ווי די שנייען זיינען געווען זייער טיף, האָט מיר שוין ניט געפעלט קיין צרות. אָפט פלעג איך אַריין אין די טיפסטע ערטער אין שניי, און די לאַנגע פאָלעס פון מיין טוליפּל האָבן מיך ניט געלאָזט אַזוי גרינג זיך אַרויס־קאַראַבקען פון שניי.

דאָס טוליפּל איז אויך געווען אַ ביסל צו שווער אויף מיר און עס האָט מיך פשוט געשלעפּט צו דער ערד, און איך בין געגאַנגען איינ־געבויגן אין דרייען אונטער דער שווערער משא... אָבער דערפאַר בין איך געווען דאָס איינציקע יינגל אין חדר און אפשר אין גאַנץ רישקאַן מיט אַזאַ טוליפּל. און מיין ברודער משה איז געווען אויף מיר מלא צאַרן. ער איז שוין אויך געגאַנגען אין חדר און פאַרוואָס האָט מען אים אויך ניט געמאַכט אַזאַ טוליפּל?

דער רבי יאָסל לאַקש האָט מיט מיר און משולמען אָנגעהויבן לער־נען רש״י באַזונדער פון אַלע איבעריקע גרעסערע יינגלעך. און די דאָ־זיקע יינגלעך האָט די דאָזיקע מעשה גאָרניט געאַרט. פאַרקערט, זיי האָבן זיך מחיה געווען, וואָס מען טשעפּעט זיי ניט.

און מיין רבי יאָסל לאַקש האָט זיך אָנגעהויבן „קלויצען" (קריגן) מיט זיין ווייב. און דאָס ווייב זיינס שיינע־כאַנדל האָט זיך אָנגעהויבן קריגן מיט איר שוועסטער דינצעלע.

עס פלעגט אַזוי זיין. מיר לערנען רש״י. איך מיט מיין קיטע משולם זיצן ביי איין ברעג טיש און דער רבי יאָסל שטייט איבער אונדז מיט זיין באַרימטן שטעקעלע אויף זיין אַקסל. דאָס דאָזיקע שטעקעלע איז געווען אַזוי גלאַט און האַרט, ווי עס וואָלט ניט געווען פון האָלץ נאָר פון אייזן. און אַז מען האָט פון דעם שטעקעלע געכאַפּט אַ שטויס אין האַרצן אַריין, האָט מען פאַרגעסן ווי די מאַמע הייסט...

איז ער אַזוי געשטאַנען איבער אונדז, הינטער אונזערע פּלייצעס, מיט דעם שטעקעלע אויף זיין אַקסל, ווי אַ סאָלדאַט מיט דער ביקס און מיט אונדז געלערנט רש״י.

די איבעריקע יינגלעך זיינען געזעסןביים צווייטן ברעג טיש און געזאָלט איינחזרן דאָס חומש. נאָר זיי האָבן אין דער אמתן גאָר געשפּילט אין קנעפּ אונטערן טיש.

די דאָזיקע שפּיל איז געגאַנגען פון איין האַנט צו דער אַנדערער און געהייסן האָט זי, די שפּיל, „אום" צי „גראַד".

פּלוצים הערן מיר אַ יעכץ:

זאָלסט זיך שוין פאַרנעמען!...

צום ערשטן מאָל קוקן מיר זיך אַפילו ניט אום. נאָר אַז מיר דערהערן שוין אַ צווייט מאָל: — אַרויס פון דאַנען, דו!... — קערן מיר שוין אויס אונזערע קעפּ.

גיט דער רבי אַ שטויס מיטן שטעקעלע אין פּלייצע. שווייגן מיר שוין און נעמען זיך שאָקלען מיט אימפּעט.

אָבער אין מיטן דערינען גיט עפּעס אַ טעמפּן פאַל צו דער ערד, און עס גיט אַזש אַ ציטער דאָס גאַנצע שטיבעלע. דער רבי גיט אַ שפּרונג אָפּ; ער האָט זיך, נעבעך, דערשראָקן.

איך גיב אַ דריי מיין קאָפּ און דערזע, אַז דינצעלע ליגט נעבעך אויף דער ערד; איר קאָפּ מיט האָר איז צעפּאַטלט; די אויגן ביי איר געשוואָלן. אין טיר, פון דער קיך אין שטוב אַריין, שטייט שיינע־כאַנדל; ביי איר איז דער טשופּעק אַרויסגערוקט פונעם טיכל און איר פּנים איז בלוי.

דער רבי ר' יאָסל לויפט, נאַטירלעך, באַלד און הויבט אויף דינצעלען.

אַרויס! — גיט די רביצין אַ יעכץ ניט מיט קיין מענטשלעך קול. עס ווערט מיר קאַלעמוטנע אויף מיין האַרץ.

— משוגענע, וואָס טוסטו, אַ יתומה טרייבסטו פון שטוב?! לויפט דער רבי צו צו זיין ווייב.

— קאָנסט אויך גיין מיט איר!...

הערסט אַ מעשה, זי טרייבט דעם רבין אויך. אַ שיינע מעשה...

איך מיט משולמען קוקן זיך איבער. ביי אים, זע איך, זיינען אַזש בלוי געוואָרן זיינע ליפּן.

וואָס קאָנען מיר דאָ העלפן? אַרויסטרייבן דעם רבין, מילא, מיר וועלן זיך שוין ווי־סע־איז באַגיין אָן אַ רבין... אָבער די איבעריקע חברה האָבן וויזט אויס זייער שטאַרקע יסורים... מען האָט זיי איבערגעריסן אין מיטן פון דער שפּיל...

דער רבי ר׳ יאָסל שטופּט אַריין זיין ווייב צוריק אין קיך אַריין און מיר הערן ווי זיי טענהן זיך אויס, דאָרטן אין קיך.

— איך וויל זי דאָ ניט האָבן מערער! — שרייט די רביצין.

— שריי ניט אַזוי. ווילסט ניט איז ניט. ס׳וועט קומען נאָך פּסח, וועסטו זי אָוועקשיקן. אָבער ניט איצט אין אַזוינע פרעסט... — טענהט דער רבי.

— זי קוילעט מיך!... שרייט די רביצין.

— ווער? וואָס? ווען?... — פרעגט דער רבי.

— סע ווייסט נעבעך ניט ווער?

— משוגענע!... — לאָזט דער רבי אויס און גיט צוריק אַ לויף אַריין צו אונז.

דינצעלע האָט זיך שוין ביז דעמאָלט געהאַט אויפגעהויבן פון דער ערד און זי שטייט ביי דער וואַנט און רייבט זיךביידע אויגן מיט די הענט.

דינצע! — גיט דער רבי אַ געשריי, — גיי אַריין און בעט זי איבער...

אָבער דאָס מיידל צוקט מיט די אַקסל, אַז זי וויל ניט גיין זי איבערבעטן .

— איךביידען אַ שוואַרץ יאָר! — גיט דער רבי אַ זאָג און נעמט ווידער מיט אונז לערנען רש״י.

די דאָזיקע סצענעס האָבן זיך זייער אָפט איבערגעחזרט און איך געדענק, ווי זיי האָבן זייער שלעכט אויף מיר געווירקט. איך האָב אַ סך מאָל זיך געקליבן דערציילן אין דער היים. אָבער ווי קליין איך בין געווען, האָב איך געוואוסט, אַז מען טאָר ניט מסרן אויף יענעם. ביי אונז אין חדר האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז מען טאָר עס ניט טאָן. און איך האָב דערפאַר ניט דערציילט אין דער היים.

עס האָט זיך אָבער געלייגט אויף מיין מוח ווי אַ זשאַווער און איך האָב אין דער טיף געליטן אי פאַר דינצען, אי פאַר דער רביצין און אויך פאַר דעם רבין יאָסל לאַקש, וואָס צייטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז אויך גערעכט... ספּעציעל דעמאָלט, ווען ער איז געווען גוט צו מיר און מיך ניט געשטורכעט מיט זיין שטעקעלע...

דינצעלע איז באַלד נאָך פּסח אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדער שטאָט און ביים רבין אין שטוב איז געוואָרן שטיל.

און ר׳ יאָסל לאַקש האָט מיט דער הילף פון מיין טאַטן געקראָגן נייע תּלמידים און מיר האָבן באַלד נאָך פּסח אָנגעהויבן לערנען גמרא.

פֿינף־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

אונזער דריטער ווינטער אין רישקאַן איז געווען זייער אַ שלעכטער, ווייל עס אונזער שטאָט באַפאַלן די כאָליערע, אָדער ווי מען האָט געזאָגט: „די כאָליערע גייט אַרום אין שטאָט“... עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער הימל איז זייער פֿינצטער און ליגט באַלד ביי דער ערד, און דער רויך פון די קוימענס האָט געדישעט מיט זיינע ריחות ביז צום דערשטיקט ווערן. ביי אונז אין רישקאַן איז אַפילו דער רויך פֿון די קוימענס געווען צעטיילט אין עטלעכע מינים און קלאַסן.

ביי גאַר רייכע יידן האָט מען געהייצט מיט האָלץ, און פֿון יענע רייכע קוימענס איז געגאַנגען אַ בלויער, דורכזיכטיקער רויך. ביי געווינלעכע באַלעבאַטים, וואָס זיינען געווען ניט רייך און ניט אָרעם, האָט מען געהייצט מיט שטרוי, און פֿון זייערע קוימענס איז שוין געגאַנגען אַ געדיכטער, שוואַרצער רויך מיט קרייזעלעך. ביי אָרעמערע באַלעבאַטים האָט מען געהייצט מיט בוריאַן,* און דער רויך פֿון זייערע קוימענס איז געווען גרוי און געל און ביטער ווי גאַל... ביי אָרעמע לייט האָט מען געהייצט מיט טאָזיק. עס רעדט זיך געהייצט... טאָזיק האָט געהאַט אַ טבע, אַז ער וויל ניט ברענגען... און איר ווילט דאָך וויסן וואָס איז טאָזיק? עס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי קי־מיסט, אָרעמעלייט קלייבן אַ גאַנצן זומער און טריקענען עס אויף ווינטער צום הייצן... אָבער אַז עס קומט צום הייצן, וויל דער טאָזיק ניט ברענען אַזוי גיך, נאָר עס רויכערט זיך. פון אַזאַ קוימען, וואו מען הייצט מיט טאָזיק, גייט דווקא גאָר־ניט קיין רויך, נאָר אַזאַ מין ריח, וואָס מען קאָן פון אים פֿאַרדישעט ווערן...

ביי אונז אין שטוב איז געווען האַלב אויף האַלב, מען האָט געהייצט אי מיט האָלץ און אי מיט שטרוי. און צוליב דער כאָליערע האָט די מאַמע אַרומגעווירעט די שטוב מיט אַ פּאַס פון שוואַרצן קויל, כאָטש מיין טאַטע האָט געלאַכט דערפון. מיר זיינען ניט געגאַנגען אין חדר, און די מאַמע האָט אונז אַנגעטאָן אויף די העלזער בייטעלעך מיט שטיקלעך קוילן.

---

* געטריקנטע טשערעט.

לעבן אונז, אין דער שטוב, וואו מעכל האָט געוואוינט, איז געווען דער קאָמיטעט, וואָס האָט געראַטעוועט יידן פון כאָליערע. מעכלס מאַמע איז אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט. האָט דער קאָמיטעט איבערגענומען די שטוב.

אין קאָמיטעט זײַנען געווען די געזונטסטע יידן פון רישקאַן, וואָס האָבן הפּנים ניט מורא געהאַט פאַר דער כאָליערע. זיי זײַנען געזעסן אין קאָמיטעט בײַטאָג און בײַנאַכט. און אויב עס איז עמעצן באַפאַלן די כאָליערע האָט מען באַלד געדאַרפט לאָזן וויסן אַהער אין שטוב פון קאָמיטעט, און אײנער פון די קאָמיטעטשיקעס פלעגט שוין אַהין אַוועקלויפן ראַטעווען...

איך בין דאָך ניט געגאַנגען אין חדר, האָב איך זיך זייער אָפט אַרײַנגעכאַפּט אין קאָמיטעט אַרײַן. און ווען איך בין דאָרטן אַרײַנגעקומען, האָט מען מיך באַשפּריצט מיט קאַרבאָל. עס האָט שוין פון מיר אַזוי געשמעקט מיט קאַרבאָל, אַז איך האָב שוין גאָרניט געפילט קיין אַנדער טעם, נאָר קאַרבאָל.

די קאָמיטעטשיקעס זײַנען געווען: יהודה־לייב ראַקאַריער, אַ יונג הויך ביז צו דער סטעליע, און אַזוי ברייט, אַז ער האָט ניט געקאָנט דורכגיין די טיר גלייך ווי אַלע מענטשן, נאָר ער האָט זיך געמוזט רוקן מיט אַ זייט. ער האָט געהאַט צוויי ריזיקע הענט מיט גרויסע פינגער, וואָס האָבן געקענט ברעכן אײַזן. יהודה־לייב איז געווען דער גיבור פון רישקאַן. אַז עס האָט געטראָפן, אַז אַ פאַראָוויק [1] איז פאַרגרעזנעט [2] געוואָרן מיט זײַנע ריזיקע רעדער אין דער רישקאַנער בלאָטע און די צוואַנציק פאַר אָקסן, וואָס האָבן דעם פאַראָוויק געשלעפּט, האָבן דעם פאַרגרעזנעטן פאַראָוויק ניט געקאָנט רירן פון אָרט, איז געקומען צוגיין יהודה־לייב און צוגעלייגט זײַנע הענט צו אַ ראָד פון פאַראָוויק און אים אַרויסגעהויבן פון דער בלאָטע. אָדער ווען עס איז געוואָרן אַ געשלעג אין מאַרק, איז יהודה־לייב אויסגעוואַקסן בײַם געשלעג, און ער האָט נאָר געטאָן אַ כאַפּ אײנעם פון די שלעגער בײַ די פּיס און מיט אים גענומען דרייען אין דער לופטן... אַזוי זיך איז יהודה־לייב געווען זייער אַ גוטהאַרציקער יונג. ער איז נאָך געווען אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן־נײַנצן, און האָט אַלע מאָל נאָר געשמייכלט, ווי עס וואָלט אים הנאה געטאָן, וואָס אין אים שטעקט אַזוי פיל גבורה...

אַ צווייטער פון דעם קאָמיטעט איז געווען איסער פאַסיעס, אויך

[1] אַ דאַמף־מאַשין.

[2] פאַרזונקען.

ניט פון די יונגען, וואָס מען קויפט צוויי פאָר אַ דרייער. אַ בחור מיט רויטע האָר, אַן אַריסטאָקראַט, מיט אַ שטעקעלע תמיד אין זיינע הענט, מיט אַ געפרעסט העמד מיט מאַנזשעטן און מיט אַ קאַלנער מיט צוויי אַראָפּגעבויגענע שפּיצן און מיט שיינע פאַרדרייטע וואָנצעס. ער האָט פאַר־מאָגט בלויע אויגן און געזונטע, ווייסע ציין, גערעדט שטיל און באַגלייט יעדעס וואָרט מיט אַ שמייכעלע — נאָר ווי איז געווען יענעם, אויף וועמען איסער פּאַסיעס איז געוואָרן אין כּעס... אמת עס איז אים געווען שווער אַריינצוברענגען אין כּעס, נאָר טאָמער איז ער אָבער יאָ ביין געוואָרן, האָבן זיינע הענט געברענט ווי הייסער שטאָל...

דער דריטער פון די קאָמיטעטשיקעס איז געווען יודל חיים־בערס, אַ יונג בחורל, דווקא אַ דאַרער, אַ דראַטיקער, אָבער אַזוינער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף פעלדער פון זיין קינדהייט אַן, מיט אַ פּנים אָפּגע־ברענט פון זון און פראָסט, און מיט הענט פאַרהאַרטעוועטע פונעם אַקער־אייזן, פונעם האַלטן האָמער און האַק. אָט דער יודל חיים־בערס איז אויך געווען אַזוי גוט ווי אַ לעמעלע, ביז... ביז מען האָט געדאַרפט, האָט ער געקאָנט ביישטיין איינער קעגן צען.

דער פערטער איז געווען יאָסל סאָלדאַט, אָדער ווי מען האָט אים גערופן: יאָסל מאַלאַדיעץ... אַ ייד שוין מיט ווייב און קינדער און מיט אַ קראָם פון שטיוול — אָבער ווען די פּליכט האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר, האָט ער איבערגעלאָזט ווייב און קינדער און די קראָם און איז אַריין אין קאָמיטעט. ער איז אויך געווען אַ היצקער און אַ דראַטיקער און האָט געקאָנט נוצן זיינע הענט וואו און ווען מען האָט געדאַרפט. ער איז געווען אַ פריילעכער יאַט און ער האָט אָנגעהאַלטן דעם מוט פון דעם גאַנצן קאָמיטעט מיט זיינע מעשיות פון די סאָלדאַטן...

אָבער דער הויפּט־ליפעראַנט פון געלעכטער איז געווען אַברהם דער בלינדער. בלינד איז ער געווען נאָר אויף איין אויג, און וואו ערגעץ אַ צרה אָדער אַ שמחה, איז באַלד אָט דער אַברהם געווען גרייט צו לויפן אין פייער. נאָר דער אומגליק איז געווען מיט אים, וואָס ער איז געווען אַ שטיקל ניט־קיין־דערבאַקענער, עס האָט אים, הייסט עס, געפעלט אַ שרייפל אין קאָפּ... פאַרשטענדלעך אַז ס'האָט שוין ניט געפעלט דעם קאָ־מיטעט קיין געלעכטער, פון דעם ווי אָט דער אַברהם האָט זיך אויפ־געפירט און ווי אַזוי ער האָט גערעדט. ער איז געווען אַלע מאָל אַ ביסל הייזעריקלעך, און פאַרן טויט האָט ער מורא געהאַט ווי פאַרן פייער... אַליין אים שיקן ערגעץ ראַטעווען אַ מענטשן פון כאַליערע האָט מען ניט געקאָנט. ערשטנס, האָט ער אַליין מורא געהאַט צו גיין, טאָמער כאַפּט אים

די „כאָליערע” ביים גאָרגל; צווייטנס, האָט מען זיך אויף אים סיי־ווי ניט געקאָנט פאַרלאָזן... איז ער אַלע מאָל נאָכגעלאָפן מיט איינעם פונעם קאָמיטעט. און אַז מען פלעגט קומען צוריק, האָט זיך אַברהם דער בלינ־דער באַרימט: „עך האָב געגעבן דער כאָליערע, אַז די כאָליערע האָט זי געכאַפּט!”...

אַברהם דער בלינדער איז זייער שטאַרק צונוץ געקומען, ווייל ער האָט אויסגעקערט און אויסגעוואַשן די פּאָדלאָגעס אין קאָמיטעט און גע־הייצט די חרובעס...

עס איז אויך געווען אין קאָמיטעט איינער מיטן נאָמען כאַצקל, אַ קליינינקער גיבור, אַ סטאָליאַרס אַ זון. ער, כאַצקל, איז געווען יהודה־לייבס אַ חבר און האָט אויסגעזוויזן אַקעגן אים ווי אַ קאַרליקל. כאַצקל איז געווען קליין און דאַר, און נאָר דאָס מויל און די אויגן האָבן ביי אים געברענט... און וואָס ער האָט געזאָגט, האָט יהודה־לייב געפאָלגט... איך האָב זיך געוואונדערט, וואָס אַזאַ קליינינקער פירט דעם ריז יהודה־לייבן ביי דער נאָז. דער קליינינקער כאַצקל איז געווען דער גאַנצער מאַכער אין קאָמיטעט.

אין קאָמיטעט איז אויך געווען איין צימער מיט בעטן, ווי אין אַ שפּיטאָל, ווייל עס האָט אָפט געטראָפן, אַז אַ ייד איז געגאַנגען אין גאַס און פּלוצים דערפילט אַ ווייטאָג אין די קריזשעס... און דאָס איז דאָך געווען אַ סימן, אַז די כאָליערע איז אים באַפאַלן, און דער ייד האָט שוין ניט געקאָנט לויפן אַהיים צו זיך כאַטש נעם און צי זיך אויס אין מיטן גאַס... אַזאַ יידן האָט מען באַלד געבראַכט צו פירן אין קאָמיטעט אַריין, און מען האָט אים, ערשטנס, באַשפּריצט מיט קאַרבאָל, און צווייטנס, האָט מען אים אויסגעטאָן אָדם־נאַקעט און אַריינגעלייגט אין איינער פון די בעטן. און דעמאָלט איז כאַצקל צוגעגאַנגען און אויף אים געטאָן אַ בליק. כאַצקל האָט שוין באַלד דערקאָנט, צי דער ייד האָט טאַקע די כאָליערע, צי ניט. איז אויב יאָ, האָט מען דעם יידן באַלד גענומען אויסרייבן די זייטן מיט ספּירט...

אויב אָבער כאַצקל האָט געזען, אַז עס איז גלאַט אַזוי אַ ייד, וואָס האָט זיך ליב צו „קנייטשן”, האָט ער געטאָן אַ פּינטל מיט זיינע ברע־נענדיקע אויגן צו זיין חבר יהודה־לייבן, ווי איינער רעדט: גיי, מאַך אים צורעכט... יהודה־לייב רוקט אַרויף זיינע אַרבל ביז אַריבער די עלנבויגנס. עס גיבן זיך אַ דעק אויף צוויי הענט ווי צוויי דעמבענע צווייגן, באַדעקט מיט שוואַרצע האָר, ווי מיט קאָרע, און ער הויבט זיך

אויף פון בענקל מיט אַזאַ כוח, אַז דאָס בענקל גיט אַזש נעבעך אַ קרעכץ, און ער שפּאַנט פּאַמעלעך צום בעט, וואו דער ייד ליגט מיטן פּנים אַראָפּ. און אַז דער דאַזיקער ייד האָט דערשמעקט, אַז יהודה־לייב גייט צו צו אים, האָט ער דאָך שוין געוואוסט, וואָס עס וועט זיין דער סוף... האָט ער זיך באַצייטנס אויפגעהויבן און געשריען, אַז ער איז שוין גע־זונט געוואָרן...

אין רישקאַן זיינען אָבער מענטשן געפאַלן ווי שטרוי. עס איז ניט געווען דער טאָג, אַז עס זאָלן ניט שטאַרבן איינער אָדער צוויי. און די כאָליערע האָט דווקא ניט געקליבן די אָרימעלייט אַליין, זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אויך אין גבירישע שטיבער.

עס האָט ניט געהאָלפן קיין זאָגן תהילים, קיין פאַסטן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, און מען האָט געטראַכט וואָס צו טאָן, און מען איז געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז עס זיינען דאָ צוויי מענטשן אין רישקאַן, וועלכע קאָנען אפשר ראַטעווען...

ווער זיינען געווען אָט די צוויי מענטשן? נאָסעלע דער טרעגער, אַ מענטש אַן אייזערנער, אַן אָרעמאַן, וואָס וואַלגערט זיך אין הקדש און וואָס רעדט זייער ווינציק, חוץ עפּעס אַזאַ קלאַנג, וואָס איז מער ענלעך אויף אַ מרוק פון אַן אָקס. ער האַלט זיך אויף דערפון וואָס ער טראָגט אַמאָל אַ זאַק מעל, אָדער עפּעס אַנדערש אויף זיינע פּלייצעס. ער איז אָנגעטאָן אין שמאַטעס פון קאָפּ ביז צו די פיס, און איז אַזש ווייס פון מעל, וואָס ער טראָגט אויף די פּלייצעס.

ווען ער פלעגט ברענגען אַ זאַק מעל צו אונז אין שטוב און מיין מאַמע האָט צו אים געזאָגט:

— נאָסעלע, ס׳טרינקען אַ גלאָז טיי?

פלעגט ער ענטפערן:

— מוע...

— נאָסעלע, וויפיל קומט דיר?

— מוע...

דאָס איז ער. און איצט דער צווייטער מענטש.

מאַמציע. אַ ברויט־קנעטערין, אַ וואַשערין פון פּאַדלאָגעס. אַן איינ־זאַמע, אַלטע מויד, וואָס האָט אַפילו ניט געקאָנט זאָגן קיין איין וואָרט, ווייל זי איז געווען אַ שטומע. זי האָט זיך ערגעץ געוואַלגערט אין קאַ־מערס און אין קעלערס, און איז אויך געווען אָנגעטאָן אין שמאַטעס פון קאָפּ ביז צו די פיס.

איז די רישקאַנער ייִדן אײַנגעפֿאַלן אַ מחשבה, אַז מען זאָל אָט דאָס פּאָרל חתונה־מאַכן און שטעלן אַ חופּה אויפֿן בית־עולם, וועט די כאָ־ליערע אויפֿהערן... און מען איז אַוועק צו נאָסעלען און מיט אים גע־רעדט. און אויך צו מאַמציען. נאָסעלע האָט כאָטש געטאָן אַ מרוקע, אָבער מאַמציע האָט גאָרניט געקאָנט זאָגן...

און עס איז געוואָרן אַ טומל אין שטאָט און אַ רעש. יעדער איינער האָט זיך געפֿילט, אַז ער איז מחותּן. מען האָט אָנגעזאַמלט קליידער אי פֿאַרן חתן און אויך פֿאַר דער כּלה. און מען האָט אָנגעזאַמלט געבעקס און געקעכץ, און אַפֿילו משקה אויך.

און מען איז אַוועק צו באַדעליקע ציגײַנער, אַז ער זאָל שפּילן מיט זײַן קאַפּעליע. און באַדעליקע ציגײַנער האָט צונויפֿגענומען זײַן קאַפּעליע און איז געקומען שפּילן אויף דער חתונה.

אין דער באַלעבאַטישער קלויז איז ליכטיק און טישן זײַנען אויס־געשטעלט און באַדעקט מיט ווײַסע טישטעכער. אין דרויסן איז אויסגע־טראָטן דער שניי. עס ברענט אַ שטאַרקער פֿראָסט, און די זון איז נאָר וואָס פֿאַרגאַנגען. עס שטייט שוין אויפֿן הימל אָנגעגרייט די לבֿנה, אַ גרויסע ווי אַ מעשענע טאַץ.

די גאַנצע שטאָט איז אַרויס אין די בעסטע קליידער: אין זײַדנס, סאַמעט און פֿוטערנע מאַנטלען, און אַפֿילו די אָרעמעלײַט האָבן אויך אָנגעטאָן דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט, זאָל זײַן אַפֿילו אויב מען האָט נאָר אָנגעשמירט די שטיוול מיט דיאָכט...

די פֿאָטשטאָווע גאַס, וואָס פֿירט צום בית־עולם, איז גלאַנציק און שעמערירט מיט דעם אָפּשײַן פֿון דער לבֿנה.

באַדעליקע מיט זײַן קאַפּעליע גייען אין דער שפּיץ, און באַדעליקעס פֿידעלע פֿאַרגייט זיך און טרעלעוועט ווי אַ סאָלאָוועי. און די טרובע גיט אַ שאַל אין דער הויך, און עס ענטפֿערט פֿון אַ קעגן דער באַרג, דער גרויער מיט שניי באַדעקטער. די לבֿנה גייט געשווינד פֿאַר די קלעזמער, און נאָך די קלעזמער, גייען די ווײַבער; מײַן מאַמע אויך צווישן זיי. די רביצין און נאָך איינע פֿירן די כּלה.

איז דאָס מאַמציע? יאָ, עס איז מאַמציע. עס איז איבער איר פּנים אַריבערגעוואָרפֿן אַ שלייער. זי איז אָנגעטאָן אין אַ קלייד מיט אַ לאַנגן שלעפּ. אָבער אין איר גענגעלע קאָן מען דערקענען, אַז עס איז מאַמציע...

נאָך די ווײַבער גייען פֿון הינטן די מאַנסבילן. דער רבֿ און דער שוחט פֿירן נאָסעלען דעם חתן.

דער חתן איז אָנגעטאָן אין אַ קאַשקעט, אַ באַלעבאַטישן, לייטישן ווינטער־מאַנטל און אין ריינע שטיוול.

און עס גייען נאָך יידן פון דער גאַנצער שטאָט, און מיין טאַטע אויך צווישן זיי...

און איך לויף און פּלאָנטער זיך — אָט בין איך דאָ צווישן די מאַנסבילן און אָט בין איך צווישן די ווייבער און אָט גאָר צווישן די קלעזמער.

זעקס־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

איך בין נאָך ביז דעמאָלט קיין מאָל ניט געווען אויף קיין חתונה, ווער שמועסט שוין פון אַ חתונה מיט אַ חופה אויפן בית־עולם, וועגן דעם האָב איך אַפילו ניט געהערט. און דאָ פירט מען נאָסעלע טרעגער מיט מאַמציע דער שטומער צו דער חופה גלייך אויפן בית־עולם... אַז איך וועל פון דער הויט ניט אַרויסשפּרינגען, וועט זיין אַ נס...

אין דרויסן איז ליכטיק און ווייס, ווי בייטאָג. די לבנה און דער ווייסער שניי האָבן זיך באַהעפט און געבליאַסקעט מיט אַ בלוי־ווייסן שיין. עס איז געשטאַנען אַ שטילער פראָסט. ווען מען וואָלט מיר געהייסן אַליין גיין אויפן בית־עולם איצט אָ, וואָלט איך געחלשט פון שרעק. אָבער אַז אַלע גייען מיט אַזוינע טאַנצנדיקע טריט און די מוזיק שפּילט צו און עס איז אַזאַ ווייס־בלויע נאַכט — האָב איך ניט קיין מורא!

אָבער פּלוצים איז עפּעס געשען.

דער חתן נאָסעלע טרעגער, האָט דערזען, אַז אָט איז מען שוין אַרויס פון שטאָט און מען לאָזט זיך צום בית־עולם, האָט ער זיך געטאָן אַ ריס פון די אונטערפירער און האָט גענומען לויפן צוריק מיט אַזאַ געשריי, ווי פון אַ ווילדן אָקס...

איז געוואָרן אַ געלויף נאָך אים, כּדי אים צו כאַפּן. אָבער נאָסעלע איז געווען אַזוי ספּריטנע אויף זיינע פיס, אַז קיינער האָט אים ניט גע־קאָנט דעריאָגן.

די מוזיקאַנטן האָבן זיך נעבעך ערשט גוט צעאַרבעט אין זייער שפּילן. און דאָ אין מיטן דערינען שטעלט מען זיי אָפּ.

— דער חתן איז אַנטלאָפן!

— קאַריק אין שטאָט אַריין!

— דרייט אויס דעם דישל!

אַ ברירה האָט מען געהאַט, מען האָט געמוזט זיך אויסקערעווען און מאַכן אַ קיילעכדיקן קרייז איבער דעם ניט צעטראָטענעם שניי, און מען גייט צוריק אין שטאָט אַריין. באַדעליקע שפּילט מיט זיין קאַפּעליע און מען קומט אָן צו דער באַלעבאַטישער שול, וועלכע איז באַלויכטן ווי אַ לאַמטערן, און דאָ בלייבט מען שטיין.

און וואָס מיינט איר? נאָסעלע טרעגער זיצט אין שול ביי אַ טיש... זיינען באַלעבאַטים אַרייַן און אים געטאָן אַ פּאַק און אַרויסגע־בראַכט.

ער האָט זיך אַזוי גרינג ניט געלאָזט פּאַקן. אָבער מען האָט אים ביַיגעקומען, און ווען מען האָט אים אַרויסגעבראַכט, איז שוין די חופה געשטאַנען אויף די פיר דרענגלעך.

איך האָב זיך צוגעהערט צו דעם וואָס די וויַיבער האָבן גערעדט.

— אַ־ניט וועט עס דען עפּעס העלפן? די חופה האָט מען געמוזט שטעלן אויפן הייליקן אָרט...

— מען וואָלט אים געדאַרפט בינדן...

— און אויב ער איז אַ יתום?...

— דאָס קאָן מען דאָך ביי אים פרעגן...

— אַזוינס האָט זיכער נישט קיין טאַטע־מאַמע...

— ס׳טויג נישט!... טאָן שלעכטס אַ יתום איז אַ גרויסע זינד...

— טאַקע, שלעכטס טוט מען אים! מען גיט אים אַ וויַיב... ווער וואָלט אַזוינס גענומען?

— מ׳שטיינס געזאָגט, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד...

— קלאַפּט זיך אַ יידענע מיט צוויי פינגער אין די ליפּן.

אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן די צערעמאָניע. און די וויַיבער האָבן געמוזט אויפהערן צו רעדן. עס איז געוואָרן אַ געדרענג. מען האָט מיך שיער־ניט צעטראָטן. איך בין געווען אַזוי ווי פאַרפרעסט צווישן עולם. און איך האָב נאָר געהערט און געאַרבעט געזען.

באַדעליקע ציגיינער האָט איצט אַליין געשפּילט אויף זיין פידעלע... און, אַך, איז דאָס געווען אַ שפּילן, אַז אַלע האָבן געמוזט וויינען. איך האָב געפילט ווי פון מיינע אויגן רינען טרערן. דאָס פידעלע איז דער־גאַנגען ביז טיף אין דער נשמה און עס איז געוואָרן וואַרעם. און עס האָט גענומען הויבן די פיס, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך פלי אין דער הויך.

דערנאָך האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ געזונגט, הויך קול, ווי עס וואָלט געקומען פונעם הימל, ווי עס וואָלט פּלוצים געטאָן אַ דונער. דאָס קול האָט זיך געקייקלט און געקייקלט איבער אַלעמענס קעפּ און צוגע־קומען צו יעדנס מויל און ווי געטאָן אַ וויש איבער די ליפּן און אַז מען האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אָט דעם קול, איז געוואָרן זיס אין יעדן אבר.

דאָס איז געווען דאָס זיסע קול פון ר׳ שמואל חזן, וואָס כאָטש אַליין איז ער געווען אַ חלוש אַ איד און איז ווינטער און זומער געגאַנגען אָנגעטאָן אויפן האַלדז אַ שאַליקל, אָבער אַז ער האָט געטאָן אין אָט דער ווייסער, שטילער נאַכט פּלוצים אַ לאָז אַרויס זיין זיס קול האָב איך געפילט ווי עס וואָלט זיך געקאַטשעט אַ דונער איבער אַ בלעכענעם הימל.

דערנאָך אַ שטיל־שווייגעניש.

און נאַסעלע האָט געטאָן אַ מרוקע.

און דערנאָך אַן אויסברוך פון אַלע מיט אַמאָל: מזל־טוב! מזל־טוב!

— אויס!...

— אויף אַלע פּוסטע פעלדער!

און אַ געלאָף אינעווייניק אין שול אַריין.

מען האָט מיך שיער ניט צעטראָטן. און מיטן שטראָם מיך אַריינגעוואָרפן אינעווייניק אין שול אַריין. דאָ איז ליכטיק און וואַרעם, טישן לאַנגע מיט בענק, די בליך־לאָמפּן, אויף קייטן פון דעם סופיט, ברענען אַלע, אויפן עמוד ברענען ליכט אין מעשענע לייכטער.

בודעליקע ציגיינער מיט זיין קאַפּעליע זעצן זיך אויס אויף א טיש ביי דער הרובע. זיי זיינען פינף שטיק; ער אַליין מיט זיין קוויטיג, טונקל פידעלע. זיינע לאַנגע האָר פאַלן אויף זיינע אַקסל. ער טראָגט אַ קוטשמע אַן אויפגעשטעלטע. זי איז פאַררוקט אויף אַ זייט. ער איז אָנגעטאָן אין אַ געלער סוויטקע פון וואָל. אויף די פיס קרייטשאָקעס־פּאַדאַקעס און ביז צו די קניעס זיינען די פיס אַרומגעוויקלט מיט שטיקער פון אַ זאַק. הויזן זיינען ביי אים לעדערנע. די איבעריקע פון דער קאַפּעליע: דער טרובאַטש, אַ הויכער ציגיינער, מיט גרויע האָר אויפן פּנים און קאָפּ, מיט אויגן, ווי ער וואָלט געווען אַ בלינדער; דער וואָס מיטן באַס, אויך אַ הויכער ציגיינער, אַזוי אַז דער גרויסער באַס זעט זיך ביי אים אָן ווי אַ קליין קינד; דער פערטער מיטן פלייט איז נאָך גאָר אַ יונגער ציגיינער מיט אַ שיין טונקל פּנים און מיט ברענענדיקע אויגן... און דער פינפטער האַלט אַ פויק מיט טאַצן. זיין קעפל שטעקט אַרויס פון אונטער דער פויק, ווי דאָס קעפל פון אַן אינדיק, ווען ער בלאָזט זיך אָן און צעלאָזט זיינע פעדערן...

די שול איז אַ פיר־עקיגע. די טישן שטייען אַרום און ארום ווי א חת. און אויבן־אָן זיצט נאַסעלע טרעגער און מאַמציע לעבן אים. נאַסעלע׳ס קליידער זיינען איצט מער ניט ווייס. ער איז אָנגעטאָן אין אַ קאַפּאָטע מיט אַ קאַשקעט און זיין פּנים שיינט. ער האַלט אַזש אָפּן דאָס מויל, ווי ער וואָלט שוין געווען גרייט, אז מען זאָל אים געבן

עסן. מאַמציע אין אַ ווייס קלייד מיט א טיכל אויפן קאָפּ. זי איז רויט ווי אַ צוויק.

לעבן חתן זיצט דער רבֿ פון רישקאָן. אַ קליינטשיק אידעלע מיט שווארצע געקרייזלטע פּיאות, מיט א געל פּנים ווי פון וואקס. און לעבן דער כלה זיצט די רביצין, אַ שיינע אידענע מיט אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ. און דערנאָך גייט אַוועק אַ גאַנצע ריי מיט די שענסטע באַלע־באַטים פון שטעטל. מיין טאַטע מיט דער מאַמען; גרשון חול־המועד מיט זיין ווייב; סראַל כאַנדראַל מיט זיין ווייב; מאטיע מיט זיין ווייב; די פרוי פעסיע מיט אירע זין און שניר; די פרוי מאַסיע; די צוויי שוחטים פון שטאָט; רב יעקב, דער שיינער פּאַטריאַרך מיט דער לאַנ־גער ווייסער באָרד און מיט דעם שיינענדיגן, גרויסן שטערן מיט די פיל קנייטשן און מיט די גרויסע, קלוגע אויגן; דער צווייטער שוחט, אַ יונגערער מענטש מיט אַ שלעכט, האַרט פּנים, מיט צוויי קליינט־שינקע, שוואַרצע קניפּעלעך־פּיאה׳לעך; רעב עזריאל מלמד און זיין ווייב ראַניע... ראַניע איז דאָ אַ גאַנצע מחותנת׳טע — זי האט געגעבן קאָלך אומזיסט אויסצוקאַלעכן די שול לכּבוד אַט־דער חתונה. עס זיצן דאָ חסידים; מיטל־מעסיגע באַלעבאַטים פון שטעטל — אַלע, אַלע זיינען דאָ איצט גלייך . . .

אויף די טישן שטייען פלעשער מיט וויין, מיט ספּירט. עס ליגן קויליטשן, עס שטייען טעלער מיט כּל־טוב פון געקאַכטע פיש ביז צימעס פּאַסטערנאַק. עס ליגן אַנגעשניטן אַלערליי טאָרטן און לעקעכער. און דער עולם עסט און טרינקט און מען שטאָפּט די כלה מיטן חתן מיט אַלערליי גוטע זאַכן. מען ווערט צעביסלעך אָנגעטרונקען און מען הויבט אָן טאַנצן.

בודעליקע שפּילט אַזוי פריילעך, אַז עס דאַכט זיך אַט באַלד וועט דער דאַך פון דער שול אויך גיין אַ טאַנץ. אין דער מיט פון דעם חת מיט די טישן טאַנצט רעב אייזיק דער סטאַראָסטע דעם ברוגז־טאַנץ. מיט דער כלה. רעב אייזיק איז אַ שווערער איד, נאָר איצט איז ער גרינג ווי א פעדער. ער שלעפּט אַרויס פון זיין קעשענע די גרויסע, רויטע פּאַטשיילע און דערלאַנגט איין ברעג פון דער פּאַטשיילע מאַמציע׳ן... און ער הויבט די פיס מיט די ווייסע זאָקן פּאַמעלעך, ביז ער הויבט אָן צו שוועבן אין דער לופטן און די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע ווערן צוויי פליגלען.

און דערנאָך טאַנצט מיט דער כלה גרשון חול־המועד. אָט דער ר׳ גרשון איז אַזוי אין פּראָסטן לעבן גאָרניט אַזאַ פריילעכער, אָבער איצט

איז ער אַזוי פריילעך, אַז ער פייפט מיט זיין מויל אַזוי הויך, ווי אַ פּאַסטעך אויף אַ דודע.

מיין טאַטע האָט מיך פּלוצים דערזען. ביז איצט האָט ער מיך ניט געזען, נאָר אַז ער האָט מיך דערזען, האָט ער מיך צוגערופן און מיר געטאָן אַ קניפּ אין באַק, ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדער.

— ווי הייסטו אינגעלע? — האט ער זיך געמאכט ווי ער קאָן מיך ניט.

איך האָב געשמייכלט און זיך צוגעטוליעט צו אים. און ער האָט מיר געטאָן אַ קוש, און מיר געגעבן אַ שטיקל לעקעך: נאַ, זאָגט ער, אינגעלע א שטיקל לעקעך . . . דו האָסט נאָך מסתם היינט ניט געגעסן . . .

איך האָב גענומען ביי אים דעם לעקעך און אים אנגעקוקט. מיר האָט זיך ניט געגלויבט, אַז ער ווייסט ניט וואָס ער טוט. אין קלויז איז געווען זייער פריילעך און מיר האָט זיך געוואָלט, אַז עס זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. אָבער מאַלע וואָס איך האָב געוואָלט...

עס איז געוואָרן אַ געשריי, אַז מען דאַרף חתן־כלה אָפּפירן אַהיים...

און באַלד האָט מען מיט די קלעזמער אָפּגעפירט חתן־כלה. מען האָט דאָרטן אין איינעם פון די הינטער־געסלעך פּאַר זיי געדונגען אַ שטיבל; אָבער געגאַנגען איז מען דורך דער הויפּט־גאַס און די קלעזמער האָבן געשפּילט ביז מען האָט די חתן־כלה געבראַכט אַהיים.

ווידער איז די לבנה געשוואומען אויף פריער אין דעם ווייסן הימל. ווידער האט די טרובע געשאַלט ווי זי וואָלט געלאַכט איבער די ווייסע בערג.

זיבן־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

דעם פערטן זומער אין רישקאַן האָט מיין מאַמע געבוירן אַ מיידעלע און מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן לאה. און מיר יינגלעך האָבן זיך געפרייט מיט אונזער קליין שוועסטערל. און אונזער שוועסטערל איז טאַקע געווען שיין. זי האָט פאַרמאָגט אַ געטאָקט ברוין־ווייס פּנים מיט שוואַרצע אויגן און ברוינע האָר, וועלכע האָבן זיך געקרייזלט אַרום איר העלזל ווי גלעקעלעך.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַריבער אַכט יאָר און איך האָב נאָך אַלץ געלערנט ביי יאָסל לאַקש אין חדר. איך האָב שוין געזאָגט אַ „שיעור" גמרא צוויי אָדער דריי מאָל אַ וואָך. און מיין חבר דער גוטער משולם איז שוין ניט געווען אויף דער וועלט. עס האָט זיך דערציילט, אַז איידער משולם איז אויסגעגאַנגען, האָט ער צוגערופן זיינע עלטערן און צו זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן צונעמען דאָס פערד פון זיין צוקאָפּנס... האָט זיין מוטער פאַרשטאַנען אַז די שפּיצן פון קישן קוקן אויס ווי די אויערן פון אַ פערד, און זי האָט דאָס קישן איינגעפּלעטשט און משולם האָט דעמאָלט פאַרמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק... און עס איז שוין מער נישטאָ דער משולם, וואָס האָט געמאָלן אַלערליי חיות און פערד.

און איצט האָב איך שוין אַן אַנדער חבר: אַ יינגל מיטן נאָמען פּאַוול גאַלאָשענער. ער איז זייער אַ פרומער, אַ דאַרער און אַ רויטער. ער טראָגט בלויע ברילן, ווייל זיינע אויגן זיינען קאַליע. איך און פּאַוול פּרואוון זיין דאָס אייגענע וואָס איך און משולם זיינען געווען, אָבער עס גייט ניט... פּאַוול איז ערשטנס ניט אַזאַ גרויסער קענער ווי משולם איז געווען; צווייטנס איז ער אַ פאַרשלאָסענער אין זיך און אַ פאַרביסענער; דריטנס איז ער נאָך דערוויל אַ נייער חבר מיינער און מיר זיינען נאָך אַזוי ניט צוגעוואוינט איינס צו דאָס אַנדערע. איין זאַך געפעלט מיר זייער אין מיין נייעם חבר פּאַוולען, און דאָס איז, זיינע צוויי רויטע פלעשעלעך־פּיאות... איך מיט מיינע שוואַרצע, ווייכע האָר קאָן קיין מאָל אין לעבן ניט באַוויזן צו פאַרמאָגן אַזוינע פלעשעלעך־פּיאות... פּאַוולס האָר זיינען געווען אי רויט און אויך האַרט ווי דראָט און זיי האָבן זיך געקרייזלט פון זיך אַליין.

מיין טאַטע האָט זייער ליב געהאַט און מקרב געווען פּאַוולען, און אַזוי ווי דאָס דאָזיקע יינגל האָט דאָ אין רישקאַן ניט געהאַט קיין שום

קרובים, פלעגט מען אים אָפּט פאַרבעטן צו אונז אויף שבת צום עסן. און מיין טאַטע פלעגט אים האַלטן לעבן זיך ביים טיש און זיך אין אים שפּיגלען ווי אין אַן אבן־טוב.

אין אַזוינע שבתים, נאָכן קוגל, האָט מיין טאַטע אונז ביידן גע־הייסן אַ ביסל אַרויסגיין אויף דער טאַליקע.* אין פּאַוולען איז שוין ניט געווען מער קיין קינדערשעס... ער איז שוין געווען ווי אַ דערוואַקסענער ייִד און ביי מיר איז געווען פאַרקערט:

— לאָמיר לויפן, פּאַוול — פּלעג איך זיך ביי אים בעטן.

— ס'איז שבת.

— לאָמיר זיך קאַטשען אויפן גראָז.

— מיר זיינען ניט קיין פערד...

— לאָמיר עפּעס זינגען.

— חוץ זמירות טאָר מען ניט זינגען...

הכּלל, מען האָט גאָרניט געטאָרט טאָן. מיר זיינען אַזוי געגאַנגען אויף דער טאַליקע און געשוויגן. ביז מיר זיינען מיד געוואָרן און מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויפן גראָז. און פּאַוול האָט זיך באַלד אויסגעצויגן מיט די בלויע ברילן אַנטקעגן דער זון. איך האָב דאָך אָבער קיין בלויע ברילן ניט געהאַט און האָב דערפאַר לאַנג ניט געקאָנט קוקן צו דער זון. בין איך געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד.

— פּאַוול — האָב איך געזאָגט — זאָג מיר צי איז גאָט אַזוי גרויס ווי אַ מענטש?

— גרעסער! — ענטפערט פּאַוול מיט איין וואָרט. ביי אים איז זייער טייער אַ וואָרט. און ביי מיר פּליט דער מוח און איך וויל עפּעס הערן מער וועגן אָט דעם ענין.

— דהיינו?

— ער איז גרויס פון איין עק וועלט ביזן צווייטן.

— און וואָס טוט ער? זיצט ער, צי ער שטייט אויף די פיס?

— ער זיצט...

— פּאַוול...

— האַ?

— עס מוז זיין אַ רעכט בענקל אויף וועלכן ער זיצט...

— דער הימל איז זיין בענקל און די ערד איז זיין פוסבענקעלע...

— זאָגט שוין פּאַוול מיט כּעס, מסתּמא דערפאַר, וואָס איך ווייס עס אַליין ניט און דאַרף ביי אים פרעגן.

---

* אַ לאָנקע, אַרום אַ ישוב.

— און וואו איז דער גן־עדן ?
— אויפן הימל.
— און דער גיהנום ?
— אונטער דער ערד.
— דאָ וואו מיר לעבן ?
— קיינער ווייס ניט וואו...
— און משיח ? איז ער אויף דער ערד צי אין הימל ?
— נאָר אַ גרויסער צדיק קאָן עס וויסן.
— אָבער, אַז משיח וועט קומען וועלן אַלע הערן דאָס קול פון זיין שופר ?
— אַלע...
— און עס וועט טאַקע זיין צוויי בריקן, איינע אַן אייזערנע און די צווייטע אַ פּאַפּירענע ?
— אַזוי שטייט געשריבן.
— פּאַוול...
— האַ ?
— די ערד זאָגסטו איז גאַנץ פוסבענקעלע ?
— יאָ.
— פלאָנטערן זיך זיינע פיס אויף דער ערד ?
— שווייג ! — שרייט אויף מיר אַן פּאַוול — ער קאָן נאָך דערהערן וואָס דו רעדסט און ביי דיר צונעמען דאָס לשון.

געהערט אַזאַ מעשה, האָב איך שוין מער גאָרניט גערעדט.

אַט דער נייער חבר מיינער, פּאַוול, האָט געהאַט אויף מיר אַ גרויסע ווירקונג און איך בין געוואָרן זייער פרום; געדאַוונט מיט געציילטע ווערטער און געלערנט מיט ברען. עס איז אין מיר פּלוצים פאַרגעקומען אַן ענדערונג און איך האָב געקאָנט כאַפּן אַ סוגיא אין דער גמרא מיטן ערשטן בליק, און דער רבי יאָסל לאָקש האָט זיך געוואונדערט, פון וואַנען עס איז צו מיר געקומען פּלוצים אַט דער ברען און ווילן. און אויפן ווינטער האָבן מיר אָנגעהויבן לערנען בבא־בתרא, די זייער שווערע מסכתא.

מיין טאַטע האָט זיך געגומען צו מיר און טאַקע געוואָלט פון מיר מאַכן אַ רב... ניט נאָר האָט ער מיך „פאַרהערט" אַלע וואָך, נאָר ער פלעגט זייער אָפט דורך די ווינטער־נעכט קומען און שטיין ביים פענצ־טער פון אונזער חדר, כדי צו הערן ווי אַזוי איך זאָג דעם „שיעור".

און עס האָט געטראָפן, אַז איין מאָל איז ביי דער שניידערשער קלויז געווען אַ חופה. מיר זיינען געגאַנגען פונעם דאַווענען מנחה און מעריב.

און דאָך זיינען מיר געווען יינגלעך און זיך אָפּגעשטעלט כאַפּן אַ קוק אויף דער חתונה. איך האָב געהערט ווי אַזוי ווייבער האָבן געזאָגט, אַז „די כלה איז טריפה”. וואָס דאָס האָט געמיינט האָב איך ניט געוואוסט, נאָר עס איז מיר געפעלן און איך האָב עס איבערגעגעבן די תלמידים, מיינע חברים.

דער רבי, יאָסל לאָקש, האָט אַפּנים געהערט מיין באַמערקונג. און מיר פלעגן נאָכן דאַווענען עסן וואַרעמעס. ווער אַ שטיקל הערינג מיט ברויט און ווער פּאַווידלע מיט ברויט. און דערנאָך האָבן מיר געדאַרפט זאָגן דעם „שיעור” פאַרן רבין. עס פלעגט אַלע אויפדערנאַכט אַן אַנדער יינגל דאַרפן זאָגן דעם „שיעור”. און גראָד האָב איך עס געדאַרפט זאָגן דעם „שיעור” יענעם אָוונט. אויפן טיש האָט געבערענט אַ לאָמפּ אָנגעפילט איין האַלב וואַסער און איין האַלב קעראָסין. דאָס האָט דער רבי געטאָן, כדי ווען דער קנויט וועט צוקומען ביז צום וואַסער און דער לאָמפּ וועט זיך נעמען לעשן, וועלן מיר וויסן אַז עס איז צייט צו גיין אַהיים.

כ׳האָב גענומען זאָגן דעם „שיעור” און עס איז געגאַנגען גלאַט און גוט, ביז איך האָב זיך מסתמא ספּאָטיקעט און אַראָפּ פון וועג.

פון יענער זייט פענצטער איז געשטאַנען מיין טאַטע. איך האָב עס ניט געוואוסט און דער רבי יאָסל לאָקש אויך ניט. די פענצטער זיינען געווען פאַרפרוירן און באַמאָלן מיט פראָסט־קווייטלעך, ווייל אין דרויסן איז געווען זייער אַ שטאַרקער פראָסט.

איך פרואוו פאַרריכטן דאָס שטיקל גמרא, וואָס איך האָב שלעכט פאַרטייטשט און אויף מיין פּנים בייטן זיך די קאָלירן. די איבעריקע תלמידים ווייסן אפשר דעם ריכטיקן טייטש, אָבער זיי טאָרן מיר ניט אונטערזאָגן.

— אַז עס איז אַ טריפהנע כלה ווייסטו יאָ, נאָר צו אַזאַ פראָסט שטיקל גמרא ביזטו נישטאָ אין דער היים! — גיט מיך דער רבי יאָסל אַ שטורכע מיטן שטעקעלע גלייך אין דער ברוסט אַריין. אַז עס איז מיר ניט געוואָרן אַ לאָך אין האַרץ, איז עפּעס געווען אַ גליק. אָבער דער ווייטאָג איז געווען ניט אַזוי גרויס פונעם שטורך, ווי פון דעם וואָס דער רבי האָט געהערט מיין באַמערקונג וועגן דער טריפהנער כלה...

און אָט־אַזוי ווי איך זיץ אַ דערשלאָגענער, הויבט מיך דער רבי אָן שלאָגן מיטן שטעקעלע איבערן קאָפּ. באַהאַלט איך דעם קאָפּ אין מיינע הענט, שלאָגט ער מיך איבער די הענט.

מיין טאַטע שטייט פון יענער זייט פענצטער. דער פראָסט ברענט, אָבער אים אַרט ניט דער פראָסט; אים ברענט איצט פאַרוואָס דער רבי שלאָגט מיך אַזוי אָן רחמנות.

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין פענצטער. דער רבי דערשרעקט זיך; איך איינער דערפריי זיך, ווייל אַט דער קלאַפּ אין פענצטער האָט מיך געראַטעוועט פון דעם צעווילדעוועטן אַנפאַל פונעם רבין. איך האָב שוין פאַרשטאַנען אַז עס איז מיין טאַטע. און דער רבי האָט אויך שוין געוואוסט, אַז עס איז מיין טאַטע און ער איז צוגעגאַנגען און געעפנט די טיר און אַריין געבעטן מיין טאַטן אין חדר אַריין.

איך האָב געטאָן אַ קוק אויף מיין טאַטן און ער אויף מיר. פון מיין טאַטנס בליק האָב איך שוין פאַרשטאַנען ווי איך קוק אויס.

— פאַרוואָס האָט איר אים געשלאָגן? — פרעגט מיין טאַטע שטרענג.

אָט, אָט און דער רבי וועט דערציילן מיין טאַטן, אַז איך האָב געזאָגט „אַ טריפהנע כלה". האָב איך געטראַכט. מערער פעלט מיר ניט, נאָר אַז מיין טאַטע זאָל זיך דערוויסן.

ער האָט אַ גראָבן קאָפּ!... — שרייט זיך אויס דער רבי אויף מיין טאַטן.

— עס וועט זיין גענוג! — גיט דער טאַטע אַ וואונק צו מיר.

איך בין אַפּיר פון טיש און האָב זיך אָנגעטאָן מיין שמויסן־טולופּ. מיין פּנים האָט געפלאַמט, די אויערן האָבן געפלאַמט, מיינע הענט האָבן מיר וויי געטאָן און דער קאָפּ האָט געזשומעט, ווי ער וואָלט געווען פול מיט בינען.

מיר זיינען אַרויס אין אַ גוטער נאַכט. מיין טאַטע האָט מיך גענומען ביי דער האַנט און מיר זיינען געגאַנגען אַהיים. אין דרויסן איז געווען זייער קאַלט, אָבער מיר איז געווען וואַרעם. און אויב איך האָב ליב געהאַט מיין טאַטן ביז דעמאָלט ווי אַ טאַטן, האָב איך אים יענעם אָוונט נאָך מערער ליב באַקומען, ווייל ער האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר.

אויפן וועג האָבן מיר גאָרניט גערעדט. און ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין שטוב אַזוי פרי, האָט זיך די מאַמע דערשראָקן:

— אוי, וואָס איז געשען?

— גאָרניט, גאָרניט, — באַרואיקט זי דער טאַטע — איך האָב אָפּגענומען דאָס קינד פון יאָסל לאָקש...

— פאַרוואָס?

— ער שלאָגט דאָס קינד מיט אַ שטעקן און איך שטיי הינטערן פענצטער — האָט דער טאַטע געזאָגט און ביי מיר אַרויסגערופן טרערן פון מיינע אויגן מיט זיין טאָן.

און אָט אַזוי בין איך פּטור געוואָרן פון יאָסל לאָקש אויף אייביק.

אכט־און־צוואנציקסטער קאפיטל

דער טאטע דינגט מיך אן, אין מיטן ווינטער, צו א נייעם מלמד מיטן נאמען שמאיע. א רויטלעך־געלער ייד, מיט שיטערע, לאנגע האר אין זיין בארד און פיאות, מיט א בראדעווקע אויף דער שפיץ נאז; א ייד וואס איז שוין געווען אין ארץ־ישראל און געהאט צו דערציילן מעשות אן א שיעור.

און ווען מיר האבן געלערנט חומש און עס האט למשל געהאלטן ביי דער שטאט שכם, אדער ביי דער מערת־המכפלה, אדער ביי דער מוטער רחלס קבר, האט דער רבי שמאיע אונז דערציילט, ווי אזוי ער איז אליין געווען אין שכם, און ווי ער האט אליין מיט זיינע אויגן געזען די מערת־המכפלה און אויך דער מוטער רחלס קבר.

און ער האט אונז דערציילט, ווי אזוי ער איז אנגעקומען ביינאכט אין דער הייליקער שטאט ירושלים. עס איז געווען זייער פינצטער און ער האט ניט מורא געהאט אריין צו גיין אין שטאט אריין. וואס וועט ער מורא האבן? עס זיינען דען דא הינט אין דער הייליקער שטאט? נאר אזוי ווי ער איז אריין דורכן טויער פון שטאט, זיינען אים הינט באפאלן... און ער האט זיך געמוזט רוקן ביי די ווענט, כדי די הינט זאלן אים ניט בייסן...

און אויף מארגן איז ער געגאנגען דאווענען ביים כותל־מערבי. און ער האט אליין געזען די אומגעטעסעטע שטיינער פון אונזער בית־המקדש ווי זיי זיינען נאס פון דעם, וואס זיי וויינען טאג און נאכט אויף דעם, וואס מיר זיינען פארטריבן געווארן אין גלות...

אט א רבי!...

איצט איז שוין דאס לערנען ניט אנגעקומען אזוי שווער, אז וואס עפעס האט זיך דער רבי שמאיע צעלאזט אין א באשרייבונג... דער ירדן — אז ער האט אים אליין געזען... א ים!... וואסער און הימל... און דער הר־סני איז הויך ביז צום הימל. און מיר האבן ליב געהאט, אז דער רבי האט זיך צעלאזט מיט זיינע מעשות.

אין ארץ־ישראל באקט מען ברויט אויף דער זון. דארטן זיינען די שטיבער אן שפיציקע דעכער, נאר גלייכע, אזוי ווי סטעליעס אויף דער לינקער זייט. עס איז דא צוויי טעמים. ערשטנס, איז דארטן הייס ביינאכט

און מען מוז שלאָפן אויף די דעכער. צווייטנס, איז עס דערפאַר, וואָס מען באַקט ברויט אויף די דעכער, ווען זיי דערהיצן זיך פון דער זון.

אין ארץ ישראל איז נישטאָ קיין רעגנס און אויך ניט קיין ברונעמער. נאָר עס איז דאָ אַזוינע „גישטערנעס" — גריבער אַזוינע, וואו עס ווערט איינגעזאַמלט דאָס וואַסער פון דעם „גשם" און דערפון טרינקט מען אַ גאַנץ יאָר...

און די ארץ־ישראלדיקע ערד איז ניט שוואַרץ, נאָר ווייס ווי קרייד... כאַטש נעם אַ שטיקל און שרייב...

און ער האָט געהאַט צו דערציילן ווי אַזוי ער איז געפאָרן אויף שיפן איבער ימים... און ווי אַזוי עס האָבן אויסגעבראָכן שטורעמס און ווי אַזוי ער האָט געשריען צו גאָט, טאַקע אויף אַן אמתן, ממעקים... און ווי אַזוי די שיף האָט זיך געוואָרפן ווי אַ שפענדל...

חוץ די אַלע מעלות, האָט נאָך שמאַיע געקאָנט שרייבן זייער שיין. ער האָט געשריבן מיט אַ גענזענער פעדער און אויף אַ גרויסן בויגן פאַפּיר און מיט טיף־בלויען טינט, וועלכן ער האָט אַליין געקאָנט מאַכן.

האָט ער אין איין וועג שוין אויסגעלערנט פאַרשניצן אַ פעדער און מאַכן טינט. און ער האָט געשריבן אַזאַ געדריידלטע כתיבה, אַז אין דעם לאַנגן צדיק, למשל, האָט ער געמאַכט אפשר הונדערט דריידלעך און דעם למד האָט ער געטאָן אַ לייג אַוועק, כמעט איבער דער גאַנצער ברייט פונעם בויגן פאַפּיר. און דעם קוף האָט ער געמאַכט פריער דין און וואָס אַ מאָל גרעבער, אַזוי אַז ווען ער האָט אים פאַרענדיקט, איז ער געוואָרן אַזוי ווי מיט אַ פיסל. נאָר חוץ אָט די אַלע שיינקייטן, האָט ער ניט געשריבן אַלע שורות גלייך, נאָר ווען ער האָט געענדיקט אַ בויגן פאַפּיר האָט עס אויס־געוויזן ווי ער וואָלט אויסגעמאָלן אַ קיילעכדיקן פּאַס. און, למשל, אַז ער האָט געשריבן צום קיסר אַ בריוו (ווען עמעצער האָט געדאַרפט אַ אידישן בריוו צום קיסר, איז מען געקומען צו שמאַיע מלמד) איז אין יעדן וואָרט ביים אָנהויב פון די שורות און ביים סוף פון די שורות געוועזן דאָס ערשטע אות, איינס פון די אותיות פונעם קיסרס נאָמען. מען האָט געמעגט האַלטן דעם בריוו מיטן קאָפּ אַראָפּ און פאַרקערט, איז אַלץ געווען דאָס זעלבע... שוין אָפּגערעדט, אַז בשעת דער רבי שמאַיע האָט זיך געגרייט צו שרייבן אַזאַ בריוו, האָט מען שוין פאַרשפּאַרט צו לערנען און עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. דער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן צו געפינען גענזענע פעדערן, אַ צווייטער האָט געריבן דעם בלוי־שטיין פון וועלכן מען האָט געדאַרפט אויפקאָכן טינט, אַ דריטער איז געלאָפן קויפן אַ

בויגן פּאַפּיר... און דערנאָך בשעת שרייבן, האָט געמוזט זיין אַזוי שטיל און מען האָט ניט געקאָנט טאָן, חלילה, אַ שאָקל מיטן טיש...

און דער טיש איז, לא־עליכם, דווקא געווען אַ חלוש... און דער רבי שמאַיע האָט פריער זיך אָנגעטאָן זיינע ברילן און דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און געטראַכט.

מיר, די תלמידים: שאַ, שאַ, דער רבי טראַכט!...

די בראָדעווקע אויף זיין נאָז איז אַזש געוואָרן בלאַס פון טראַכטן. און דערנאָך, אַז מיר האָבן שוין דערלעבט צו זען, אַז ער הויבט שוין אָן זיך צו ראַזמאַכעווען מיט דער האַנט, האָב איך אומיסטן נאָכגעציילט און אויסגעפונען, אַז ער האָט אפשר צוואַנציק מאָל אַרומגעדרייט מיט דער האַנט און פעדער, איידער ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ערשטע אות...

חוה, די מלמדקע, האָט זיך פון וויטנס צוגעקוקט און געשאַרט אירע לאָקן אונטערן טשעפּעק. זי האָט אַלע ווײַלע צו אונז געוואונקען מיט אַ פינגער, אַז מיר זאָלן שווייגן.

דער רבי שמאַיע האָט דאָס מאָל געשריבן אַ בריוו פאַר כאַצקלס פאָ־טער, שמעון גוטמאַן. עס איז געווען אַ קריגעריי צווישן אים און זיין ברודער איבער אַ ירושה... און מען האָט געוואָלט אַז דער קיסר זאָל גיבן זיין משפּט... האָט עס שמאַיע געשריבן דעם בריוו...

און אַזוי־אָ האָבן מיר זייער ליב געהאַט דעם שמאַיען. ער האָט אַפילו געהאַלטן אַזאַ שטעקעלע וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון ארץ־ישראל, כדי אונז אָנצושרעקן, אָבער געשלאָגן האָט ער קיינעם ניט מיט דעם שטעקעלע... עס איז געווען אַ שטעקעלע פון פּימסן־האָלץ...

אַז ער פלעגט שוין יאָ אַ מאָל ווערן אין כעס און זיך ראַזמאַכעווען מיט אָט דעם שטעקעלע, און מיר האָבן געמיינט, אָט, אָט און מען וועט אַריינכאַפּן אַ שטורך מיט דעם ארץ־ישראלדיקן שטעקעלע, האָט אָבער דער רבי זיך אָנגערופן: שקצים, איר זענט ניט ווערט, אַז דאָס ארץ־ישראלדיקע שטעקעלע זאָל אייך אָנרירן...

און ערשט אָט ביי דעם רבין האָב איך אָנגעהויבן גוט צו פאַרשטיין אַ בלאַט גמרא און וועגן אַ פּרשה חומש איז שוין אָפּגערעדט, אַז איך האָב ליב געהאַט דאָס לערנען, ווייל דער רבי האָט אונז געפירט אין אַלע ערטער.

איך האָב ביי שמאַיען געלערנט ביז מיין צוועלפטן יאָר און עס זיינען דורך דער צייט געשען אַ סך טרויעריקע זאַכן ביי אונז אין שטוב:

צום אַלעם ערשטן האָט זיך די פּאָטשט פֿאַרקלענערט און פֿון 30 פֿערד איז געוואָרן 17 פֿערד. און עס איז געשען מחמת דעם, וואָס אין בעסאַראַביע האָט אָנגעהויבן צו גיין אַ באַן... עס האָט ניט געמאַכט וואָס ניט איך און קיינער ניט האָבן די דאָזיקע באַן ניט געזען. ווייל זי איז געגאַנגען ערגעץ צוואַנציק וויאָרסט ווייט פֿון רישקאַן — אָבער אַ שונא בין איך געווען אָט דער באַן און מיין טאַטע־מאַמע האָבן זי אויך ניט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

מיר האָבן זיך געמוזט איבערפֿירן אין אַ קלענערער דירה און עס איז שוין ניט געווען די זעלבע פּאָטשט וואָס אַמאָל...

און טאַמער איז נאָך דאָס געווען ווינציק איז אונזער שוועסטערל לאהלע אויך געשטאָרבן. און די פֿרייד פֿון אונזער שטוב איז ביי אונז צוגענומען געוואָרן... די מאַמע האָט געיאָמערט און געקלאָגט און דער טאַטע איז באַלד אָוועקגעפֿאָרן צום רבין קיין הוסיאַטין... באַלד וואָס עפּעס, איז ער אַהין געפֿאָרן זיך קלאָגן.

און אַז ער איז צוריק געקומען, האָט ער דערציילט, אַז דער רבי האָט געהייסן גיך פֿאַרגעסן אין אַלע צרות...

און די מאַמע האָט אויפֿגעהערט קלאָגן און זי איז טראַגעדיק געוואָרן און געהאַט ניט קיין מיידעלע, ווי זי האָט געוואָלט, נאָר אַ ייִנגל. און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן יחזקאל, זיינען מיר שוין געווען זיבן ברידער. און דערנאָך איז ווידער געשען, אַז מען האָט פֿאַרקלענערט די פּאָטשט און פֿון 17 פֿערד איז געבליבן אַ פּאָטשט פֿון 8 פֿערד...

און דער טאַטע האָט געוואָלט לויפֿן קיין הוסיאַטין צום רבין — איז אָבער געשען, אַז דער אַלטער הוסיאַטינער איז שוין געווען אויפֿן עולם האמת... און צום יונגן רבין איז דער טאַטע ניט געפֿאָרן אַזוי גיך... און מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן אין נאָך אַ קלענערער דירה... מיר האָבן שוין געהאַלטן ניט מער ווי איין יאַמשטשיק. און ביי אונז אין שטוב, אינעווייניק, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט וויסן, איז שוין געווען אַ ביסעלע שווערלעך — אָבער פֿאַר דעם דרויסן האָט נאָך דער טאַטע געשפּילט די ראָלע פֿון אַ שיינעם באַלעבאָס.

אונז קינדער האָט, חלילה, ניט געפֿעלט קיין שום זאַך, נאָר פֿונדעסטוועגן האָב איך אַלס אַ צוועלף־יאָריקער ייִנגל שוין געזען אַלעס און פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט גוט. איך בין געווען זייער פֿרום און שוין געלערנט יורה דעה און אַלע טאָג געזאָגט אַ שיעור גמרא ביי דעם ר׳ שמאָיען. איך פֿלעג אויפֿשטיין 3 אַ זייגער פֿאַרטאָג אין די גרעסטע פֿרעסט

איך בין געגאַנגען אין חדר אַריין לערנען. איך האָב שוין געפאַסט אַלע תעניתים און געדאַוונט אַלע טאָג מיט מנין אין קלויז. און איך האָב ליב געהאַט צו הערן ווי די חסידים דערציילן מופתים פון אַלערליי צדיקים. און איך האָב שוין געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל מיך אויך מיטנעמען קיין הוסיאַטין... נאָר מאַלע וואָס איך האָב געוואָלט, אַז די צייט איז געווען אַזוי שלעכט...

איך האָב שוין אָבער געוואוסט, אַז עס איז דאָ ערגערס פון מיר און איך האָב אין מיינע מחשבות חרטה געהאַט, אויב איך האָב געזינדיקט און געמיינט, אַז מיר איז ניט גוט.

ניין־און־צוואַנציקסטער קאַפּיטל

פרילינג־צייט איז ווידער געוואָרן פריילעך. רישקאַן איז גאָרניט געווען צו דערקאָנען. די בלאָטעס האָבן זיך אויסגעטרוקנט און דער באַרג קעגנ־איבער אונזער הויז איז געוואָרן גרין מיט גראָז און זינט נאָך פּסח האָבן זיך אויפן באַרג באַוויזן שוואַרצע פּאַסן, אַזוי ווי סטעזשקעס. דאָס האָבן מאַלדאַוואַנעס געאַקערט זייער ערד און פון ווייטן האָט עס מיך אויס־געוויזן, ווי זיי שפּרייטן וואָלענע סטעזשקעס... און אין גיכן האָבן אָט די פּאַסן צעאַקערטע ערד זיך באַדעקט מיט אַלערליי מינים גרין.

זינט מיר האָבן זיך באַזעצט אין רישקאַן, האָט דער זיידע בערקע פון קאַמענעץ געהאַלטן אין איין בעטן מיין טאַטן, אַז ער זאָל צופאָרן קיין בריטשעווע און אויפזוכן דאָרטן זיינע אַ שוועסטער און צוויי ברידער, וועלכע זיינען אַהין אַוועקגעשיקט געוואָרן נאָך אין ניקאָליי דעם ערשטנס צייטן.

מיין טאַטע איז אַהין געפאָרן און זיי אַלע געפונען געזונט און שטאַרק. ווען ער איז צוריקגעקומען האָט ער דערציילט, אַז בריטשעווע איז אַזאַ מין אידיש דאָרף מיט „פרוט־האַלבן" געסלעך און די שטיבער זיינען געדעקט מיט שטרויענע דעכער, און די יידן זעען אויס ווי מאַל־דאַוואַנעס און זיינען פאַרגרעבט...

מיין טאַטע האָט פיינט געהאַט אַ סך צו רעדן. מען האָט ביי אים געדאַרפט שלעפּן אַ וואָרט ווי מיט צוואַנגער. נאָר די מאַמע האָט שוין ביי איב קוים אַרויסגעקראָגן די גאַנצע מעשה. ווי אַזוי דער עלטער־זיידע האָט ניט געוואָלט אַז די „כאַפּערס" זאָלן אויסכאַפּן די צוויי יינגלעך יאָסל און ישראל, און ווי מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אין דער בעסאַראַביע. נאָר אַזוי ווי זיי זיינען געווען קליינע יינגלעך און מען האָט זיי מורא געהאַט צו שיקן אַליין, האָט מען מיט זיי געשיקט דאָס 13־יאָריקע מיידל באַסיע, אַז זי זאָל דינען אַזוי ווי אַ מאַמע...

מיין מאַמע האָט זיך געחידושט:

— ווי איז דאָס מעגלעך?

דער טאַטע האָט געענטפערט:

— זעסטאָך!...

איך האָב געהערט און שוין געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן... און שוין געוואָלט דערלעבן צו זען איינעם פון יענע פעטערס. זיי האָבן מיר אויסגעוויזן צו זיין עפּעס אַזוינע גרויסע און אַנדערע יידן.

איין מאָל זיינען מיר געזעסן אין אַ פאַרגלאַסט אויפן גאַניק. דער סאַמאָוואַר האָט געזאָטן און די זון האָט זיך געזעצט אין טייך. און די לופט איז געווען קלאָר און מילד און געוויינלעך האָט געשמעקט מיט טייערע ריחות. פּלוצים דערזעט מען ווי עס גייט אַ גרויסע טשערעדע מיט שאָף באַרג אַראָפּ צו דער בריק און נאָך דער טשערעדע פאָרן דריי רייטער אויף פערד.

עס איז געווען אַ נייעס. רישקאָן האָט געהאַט אַ טשערעדע מיט קי און צווישן די קי זיינען אויך געווען עטלעכע ציגן. אָבער אַ טשערעדע שאָף האָט רישקאָן ניט געהאַט.

ווער זיינען די שאָף? — פרעגט די מאַמע.

פון וואַנען זאָל איך וויסן? — ענטפערט דער טאַטע.

זיצן מיר און קוקן. עס איז געווען שיין צוצוקוקן ווי אַזוי שאָף גייען באַרג אַראָפּ. עס האָט אויסגעוויזן, אַז ניט די שאָף גייען, נאָר דער באַרג רוקט זיך אַראָפּ צום טייך.

נאָר מאָלע וואָס עס איז געווען שיין. וואָס איז דען איצטער געווען מיאוס? איז אָט, זיינען שוין די שאָף אויפן בריק. און איר דאַרפט וויסן אַז אונזער רישקאָנער בריק איז ניט געווען פון די קליינע בריקלעך. אונזער בריק איז געווען לאַנג און האָט זיך געדרייט אַ ביסל אין אַ האַלבן ראָד. איז גיין די שאָף אַזוי מיטן בריק און די דריי רייטער פאָרן זיי נאָך.

געוויינלעך מוזן די שאָף אַרויפקומען פון דער בריק אויפן מאַרק־פּלאַץ, נאָר אײדער זיי קומען אַרויף אויפן מאַרק־פּלאַץ נידערן זיי אַראָפּ צום פלאַכן ברעג פון טייכל און טרינקען זיך אָן מיט וואַסער.

מיר מעגן טרינקען טיי פון סאַמאָוואַר און זיי טאָרן ניט כאָטש טרינקען וואַסער פון טייכל?

נאָר אָט זעען מיר ווי איינער פון די רייטער גיט זיך אַ לאָז און מיט אַ גאַלאָפּ, גלייך אויף אונזער שטוב. ער זיצט אויף אַ הויך פערד, אַ ביסל אַ טינקל־רויטס, מיט אַ לאַנגן האַלז און מיט לאַנגע פיס און מיט אַ ברייטער קאָדע. און דאָס פערד שטעלט פיס אַזוי שיין און אויסגעקיילעכט. און אָט איז שוין דער דאָזיקער רייטער ביי אונזער שטוב. און אָט, דאַכט זיך, פאָרט ער גלייך אַרויף אויף אונזער גאַניק.

דער רייטער איז אַנגעטאָן אין אַ קוטשמע מיט אַ שפּיץ און אויף זיינע אַקסל הענגט אַ רויטע טשערעמינקע מיט די פּאָלעס אַראָפּגעלאָזט איבערן פערד. ער זיצט אין זאָטל און זיינע פיס זיינען פאַרשטעקט אין די סטרעמעניעס פוןביידע זייטן.

— האָ!...

הערט זיך אַ געשריי און דאָס פערד בלייבט שטיין און עס גייט דערפון אַ פּאַרע. דער טאַטע הויבט זיך אויף אַ דערשראָקענער און לויפט אַראָפּ פון גאַניק און גייט צו צו דעם רייטער:

— אפשר אַ שטאָפּעט...

אָבער באַלד דערהערן מיר ווי דער טאַטע דערפרייט זיך:

— אַ, פעטער ישראל!...

— איך, חימל! — ענטפערט דער רייטער.

— קומט אַראָפּ פונעם פערד.

— די שאָף...

— מיר טרייבן אונזערע שאָף אַריבער אין אַ נייער סטינע (שאָף ווירטשאַפט).

— אָ!

— חימל, קאָן מען ביי דיר אין דער האָבאָרע* פאַרטרייבן די שאָף אויף איבער נאַכט?

— פאַרוואָס ניט?

און באַלד איז דער מיסטעריעזער רייטער אַוועק דאָרטן ביים טייכל צו די שאָף, און דער טאַטע איז אַרויף אויפן גאַניק אַנזאָגן די בשורה, אַז דער וואָס האָט געריטן אויפן פערד איז דער פעטער ישראל פון בריטשעווע.

— אַ טשיסטע מאָלדאַוואַן! — האָט די מאַמע געזאָגט.

— דאָס איז דער פעטער ישראל!... — האָט זיך מיין טאַטע גע־גרויסט ווי מיט זייער אַ גרויסן יחוס.

פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב זיך שוין קוים דערוואַרט צו זען, ווי אַזוי די טשערעדע מיט די שאָף האָט זיך דערנענטערט ביז צו אונזער שטוב. און איך בין אַראָפּ פון גאַניק און זיך אַנידער געשטעלט ווי אַ גאַנצער קנאַקער און מיט די הענט געוויזן די שאָף ווי צו גיין גלייך צו אונז אין דער האָבאָרע אַריין.

* אַ הויף, וואוהין מען פאַרטרייבט פי.

די שאָף האָבן מיך אָנגעקוקט שטום, ווי עפּעס געמאָנט ביי מיר. נאָר אַזוי ווי עס איז שוין געווען אַ ביסל טונקל אין דרויסן האָב איך ניט געקאָנט אַקוראַט כאַפּן וואָס זיי ווילן.

אונזער הויף איז געוואָרן פול אָנגעפּראָפּט מיט שאָף. און די דריי רייטער זיינען שוין קוים אַריינגעפאָרן און זיינען אויפגעשפּרונגען, כוואַטס־קע פון זייערע פערד. און איך האָב געהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך וואָלאַכיש. האָב איך געמיינט אַז איינער איז טאַקע מיין טאַטנס אַ פעטער, אָבער די אַנדערע צוויי מוזן זיין מאָלדאָוואַנעס.

די יאַמשטשיקעס זיינען אַרויס פון אונזער שטאַל קוקן אויף בייז־וואונדער און דער טאַטע איז אָנגעקומען און געהייסן די יאַמשטשיקעס אַריין נעמען די דריי רייטערלעך אין שטאַל און זיי געבן עסן און טרינקען.

איך האָב זיך דערווייל געשטופּט צווישן די שאָף און זיי געוואָלט איבערציילן. אָבער איך האָב געזען, אַז עס איז ניט פאַר מיינע כּוחות, ווייל די שאָף זיינען נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. נאָר זיך געוויגט אַהין און אַהער. בין איך אָפּגעקומען מיט דעם וואָס איך האָב די שאָף געטאָן אַ גלעט איבער די גלאַטע קעפּלעך.

און דערווייל איז געוואָרן פינצטער אין דרויסן. און איך בין אַריין אין שטוב. און דער טאַטע האָט מיר געהייסן געבן שלום דעם פעטער ישראל. און זיינע צוויי זין אַלטער און עליק. און איך האָב זיך זייער געשעמט און צוגעלאָפן און געגעבן דעם פעטער שלום. זיין האַנט איז געווען אַ גרויסע און אַ האַריקע, איך האָב מיין קליין הענטל געטאָן אין אַט דער האַנט אַ שטופּ אַריין און עס האָט מיך אַזש געטאָן אַ ברי... דאָס זעלבע געפיל האָב איך געהאַט, ווען איך האָב געגעבן שלום אַלטערן און עליקן.

אַלטער איז געווען ריזיק הויך און מיט אַ רויט פּנים און הענט און אויך אַ האַריקער. עליק איז געווען אין גאַנצן אַ ווייסינקער מיט אַ קיילעכדיקן פּנים און הענט. אָבער אויך אַ הויכער ביז צו דער סטעליע. סיי דער פעטער און סיי זיינע צוויי זין האָבן געטראָגן קוטשמעס, כאָטש עס איז שוין איצט געווען נאָך פּסח. זיי האָבן געטראָגן שטיוואַלעס מיט פידקאָוועס אונטער זייערע אָפּצאַסן, און ווען זיי האָבן זיך געטאָן אַ שטעל, האָבן זיי געטאָן אַ ריס ווי מיט פערדישע פיס. עס האָט פון זיי אַלע דריי געשמעקט מיט שאָפענער מילך, מיט וואָל. און דער פעטער ישראל האָט געהאַט אַ באָרד עפּעס גאָר אַ מאָדנע. עס איז יאָ געווען אַ באָרד און עס איז ניט געווען קיין באָרד... פון קיין פּיאות איז ביי אים ניט געווען קיין זכר. דער קאָפּ איז ביי אים געווען אין גאַנצן אָפּ־

געגאָלט ביז אַריבער די פּיאות. ער האָט געהאַט אַ נאָז פּונקט ווי ביי מיין טאַטן און אויך אַזוינע גראָבע ליפּן; ספּעציעל די אונטערשטע ליפּ.

חיימל, דו זיצסט דאָך ווי אַ פּריץ! — האָט זיך דער פעטער ישראל געהאַלטן אין איין וואונדערן אויף אונזער דירה.

אַלטער און עליק האָבן געשוויגן. איך האָב געזען, אַז זיי האָבן מורא צו עפענען זייערע מיילער. זיי זיינען געזעסן מיט צעשפּאַרטע פיס און געקוקט אויף זייערע שטיוואַלעס.

די מאַמע האָט געגרייט צום טיש און מען איז געגאַנגען עסן וועטשערע. נאָך איידער מען האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט דער פעטער ישראל געטאָן אַ וואונק צו אַלטערן און ער איז אַרויס און צוריק אַריינגעקומען מיט אַ טאָרבע.

— נאָ, טאַטע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט אַ פאַרגרעבטער שטים.

דער פעטער ישראל האָט זיך געטאָן אַ באַברע אין דער טאָרבע און אַרויסגענומען פון דאָרטן קעז און דערלאַנגט מיין מאַמען: — נאָ, חיה־רייזעלע, דיר אַ ביסעלע הערדע...

— קינדערלעך, גיט אַ קוק, דער פעטער האָט געבראַכט הערדע!...

— האָט די מאַמע אונז צוגערופן. מיר זיינען — אַזוי ווי הינדלעך אַרום אַ הון זיך צונויפגעלאָפן און באַטראַכט די הערדע... זי איז געווען אַזוי טונקל ווי כאַלוואַ און מיר האָבן געשמעקט צו דער הערדע און זיך גע־קוויקט מיט דעם טייערן ריח, וואָס עס האָט זיך פון איר געפילט — אָבער עסן די הערדע האָבן מיר ניט געקאָנט, ווייל באַלד האָט מען געדאַרפט עסן וועטשערע.

דרייסיקסטער קאַפּיטל

מיין מאַמע האָט לכּבוד דעם פעטער ישראל געלייגט אַ ווייס טישטעך. און דער פעטער ישראל האָט בשעת דער וועטשערע פאַרבויגן דאָס טישטעך, כּדי ער זאָל עס ניט אויסשמירן... און ביי אונז אויף דער פּאָדלאָגע זיינען געלעגן סטעזשקעס, כּדי מען זאָל גיין אויף זיי, האָט דער פעטער ישראל דווקא אויסגעמיטן די דאָזיקע סטעזשקעס און גע־גאַנגען אויף דער געפּאַרבטער פּאָדלאָגע... און די מאַמע האָט פאַר די דריי געסט אָפּגעגעבן דעם „זאַל" און פאַר זיי אויסגעבעט געלעגערס מיט ווייס־פּעכלדיקע ליילעכער און ריינע ציכן. אָבער אין דער פרי, ווען די געסט זיינען שוין געווען אַוועק, האָט מיין מאַמע זיך געוואונדערט וואו זיי זיינען געשלאָפן, ווייל די בעטן זיינען געשטאַנען ניט באַרירט...

— אַפּנים, אַז זיי זיינען געשלאָפן אויפן פּאָל...

איך בין אויפגעשטאַנען זייער פרי און אַרויסגעגאַנגען טאָן אַ קוק צו די שאָף, אָבער צו מיין גרויסער איבערראַשונג זיינען שוין די שאָף ניט געווען. דער פעטער ישראל מיט די צוויי זין זיינען אַוועק ווען עס איז נאָך געווען פינצטער.

דער פעטער ישראל האָט אונז איבערגעלאָזט אַ „באַדיעזנע"*, אַ קליין שוואַרץ לעמעלע. און די יאַמשטשיקעס האָבן זיך מיט דעם לעמעלע געשפּילט ווי מיט אַ קינד. דאָס לעמעלע האָט געוויינט נאָך זיין מאַמען.

— מע־ע־ע...

און וואָס האָט מען דעם לעמעלע ניט געגעבן, כּדי עס זאָל פאַר־געסן אין זיין מאַמען? מען האָט אים געגעבן פרישן אַנגעריסן גראָז; מען האָט עס געהאַלטן אויף די הענט און עס געקושט אין זיין פּנים; מען האָט עס צוגעטראָגן צו יעדן פערד און געלאָזט דאָס פערד צו דעם אַ שמעק טאָן; מען האָט דעם לעמעלע געגעבן וואַסער צום טרינקען; מען האָט דאָס לעמעלע געלאָזט פריי אויפן הויף; מען האָט עס אַריינגענומען צו אונז אין שטוב אַריין און מיר אַלע זיינען געשטאַנען און עס אָנגעקוקט

* אַן אָנדענק־מתּנה.

און זיך געפּריים — אָבער דאָס לעמעלע האָט געהאַלטן אין איין וויינען אַזוי טרויעריק און האַרציק:

— מע־ע־ע!...

גיי ווייס וואָס עס וויל! אַז עסן וויל עס ניט, טרינקען — ניט, מיט פּערד וויל עס זיך ניט באַקענען, אַרומלויפן איבערן הויף וויל עס ניט, אין שטוב ביי אונז געפעלט אים ניט די גליטשיקע פּאָדלאָגע, ווייל עס האַלט אין איין פאַלן...

עס איז געווען אַ טייערע מתנה, וואָס דער פעטער ישראל האָט אונז איבערגעלאָזט, אָבער מען האָט ניט געקאָנט צוזען דעם צער פון דעם קליינעם באַשעפעניש...

שוואַרץ איז עס געווען און עס האָט געגלאַנצט. און די האָר זיינע האָבן געקרייזלט און עס האָט געהאַט פיר צאַרטע פיסלעך, וואָס אַז מען האָט זיי אָנגערירט האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט גאָר ניט קיין ביינדלעך. און עס האָט געהאַט צוויי קליינע אויערלעך. און זיינע אייגעלעך זיינען געווען טיף ווי צוויי קוואַלן און זיי האָבן געפינקלט און געלויכטן ווי בורשטינען. און זיין גאַנץ קעפּל איז געווען קליין און פול מיט חן און מיט אַ מיילעכל אַ פאַרשפּיצטס מיט דינע שוואַרצע ליפּעלעך און מיט צוויי קלוגע נאָזלעכלעך.

אונזער גאַנץ הויזגעזונט פונעם טאַטן ביזן קלענסטן ברודערל און פאַראַסקע און דער פאָטשט־שרייבער ניקאָלאַי און די יאַמשטשיקעס האָבן זיך אַלע באַמיט צו דערגיין דעם סוד: וואָס וויל דאָס לעמעלע?

עס איז ניט געווען קיין שום טייערע זאַך, וואָס, ווען דאָס לעמעלע וואָלט עס נאָר געוואָלט, זאָל מען עס אים ניט דערלאַנגען.

צו וואָס האָבן זיי עס איבערגעלאָזט? — פרעגט די מאַמע.

— ס'הייסט צו וואָס?

— אַז עס דאַרף נאָך זויגן — זאָגט די מאַמע.

אמשר דינגען אַן אַם,... לאַכט דער טאַטע.

— לאָזט עס אַרויס אין דרויסן! — גיט די מאַמע אַ באַפעל, בשעת דאָס לעמעלע גיט אַ צעשפּרייט אַלע פיר פיסלעך און טוט אַפּ אַזאַ זאַך, וואָס איז זייער ניט שיין, פונקט אין מיטן שטוב.

באַיסטרוק!... — גיט עס פאַראַסקע אַ כאַפּ און טראָגט עס אַרויס אין הויף אַריין.

עס איז שוין יענעם פרימאָרגן ניט געווען קיין איבערבייסן. דאָס הייסט — געווען איז יאָ וואָס צו עסן, אָבער דאָס לעמעלע האָט אַזוי צערודערט די שטוב, אַז איך בין אַוש אַוועק אין חדר אָן איבערבייסן.

און ווען איך בין געקומען צוריק פון חדר, פאַרנאַכט, האָט שוין געשמעקט מיט אַ גוט געבראָטנס...

איך האָב געזוכט דאָס לעמעלע און עס ניט געפונען. איך בין אַרומ־געגאַנגען און גערעדט צו זיך אַליין: לעמעלע, לעמעלע, וואו ביסטו?

סיי־ווי־סיי איז ביי מיר פאַרבליבן דער פעטער ישראל זייער טייער. און איך האָב יענעם זומער זיך באַקאַנט מיטן צווייטן פעטער יאָסל. ער איז שוין ניט געקומען רייטנדיק אויף אַ פערד, נאָר צו פוס, און ער האָט אונז ניט איבערגעלאָזט קיין לעמעלע נאָר געבראַכט אַזוינע קאַרזשיקלעך מיט מאָן.

דער פעטער יאָסל איז אויך געווען אַ הויכער און האָט געטראָגן שטיוואַליעס מיט פאַדקאָוועס און אַ קוטשמע אויפן קאָפּ, כאָטש עס איז געווען זומער.

עס איז געווען אין מיטן טאָג, ווען עס האָט זיך ביי דער הינטער־טיר באַוויזן אַ ייד מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט אַ שטעקן אין האַנט. האָט די מאַמע געמיינט, אַז עס איז אַן אָרעמאַן.

— נאַט אייך אַ נדבה — האָט די מאַמע געזאָגט צום אידן.

— ניין, טאָכטער, כ'בין ניט געקומען בעטן קיין נדבה... כ'בין דער פעטער יאָסל פון בריטשעוווּ... — האָט דער ייד געזאָגט.

— דער פעטער יאָסל, זעט נאָר זעט, קומט אַריין! — האָט די מאַמע זיך דערפרייט.

איך בין דערביי ניט געווען, ווייל איך בין געווען אין חדר. נאָר די מאַמע האָט ביים טיש דערציילט אין דער אָנוועזנהייט פונעם גאַסט, ווי אַזוי זי האָט געמיינט, אַז ער איז אַן אָרעמאַן.

— קיין גביר בין איך ניט — האָט דער פעטער יאָסל ווי זיך פאַר־ענטפערט. — איך האָב וואָס צו עסן און האָב אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ שטיקל ערד מיינס אייגנס...

— האָט איר זין? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— ניין, גאָט האָט געגעבן צוויי מיידלעך. און וואָס קאָנען מיידלעך טאָן? זיי „אַרבעטן" שקאַרפּעטקעס... און אייער מומע נעכע איז ביי מיר אַזוי ווי אַ קוואָקע... נאָר זי קוואָקעט... נאָר עס איז דאָ אַ שטיקל ערד און ברויט מיט זאַלץ...

די קאַרזשיקלעך, וואָס דער פעטער יאָסל האָט געבראַכט, זיינען געווען זייער געשמאַק זיי זיינען געווען געמאַכט פון פּאַפּשויע מעל, מיט מאָן באַשאָטן, און זיי זיינען געווען געזאַלצן. מיר האָבן זיך געריסן איבער די דאָזיקע פּלעצלעך און פון זיי געהאַט הנאָה.

דער פּעטער יאָסל איז ביי אונז געווען אַ פּאָר טעג און דערנאָך אַוועקגעגאַנגען אַהיים. ער האָט זייער ווינציק גערעדט, וויל, ווי ער האָט אונז דערציילט, האָט ער ניט געקאָנט דאַווענען. מען האָט אים אַוועק־געשיקט אין בעסאַראַביע, ווען ער איז אַלט געווען זיבן יאָר. און ער האָט שוין מער ניט געהאַט קיין מלמדים. און מען האָט מיט אים אַזוי שווער געאַרבעט, אַז ער איז פאַרגרעבט געוואָרן... דער פּעטער יאָסל האָט מיט אונז זיך געשפּילט, גלייך ווי ער אַליין וואָלט געווען אַ קליין יינגל, און ער האָט אונז דערציילט מעשיות.

מען זאָל מיך געווען פרעגן, וועמען איך האָב בעסער ליב, דעם פעטער ישראל צי דעם פעטער יאָסל, וואָלט איך געזאָגט, אַז איך האָב בעסער ליב דעם פעטער יאָסל — —כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין פערד און ניט קיין שאָף...

אַ שטיק צייט איז ער צו אונז געקומען און געבראַכט פלעצלעך מיט מאָן. ביז איין מאָל איז אַוועק וואָכן און מען האָט ניט געהערט און געזען דעם פעטער יאָסל. ערשט נאָך יום־טובים, ווען מען האָט זיך אין שטוב געגרייט צום ווינטער, איז פּלוצים אָנגעקומען אַ בריוו אין אַ גרויסן קאָנ־ווערט.

און פון וואַנען איז דער בריוו? פון ארגענטינע. און פון וועמען? פונעם פּעטער יאָסל. און אין בריוו־קאָנווערט איז אויך געווען איינגע־וויקלט אין אַ פּאַפּירל אַ ביסל טרוקן, גרין גראָז... און דער פעטער יאָסל בעט, ערשטנס, אַז מען זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער איז ניט געקומען זיך געזעגענען. „איך האָב מורא געהאַט, אַז איר וועט מיך אָפּרעדן פון פאָרן קיין אַרגענטינע"... און ער שרייבט, אַז ער האָט דאָרטן אַ סך ערד. און מען האָט אים געגעבן אַ פּאָר אָקסן. און ער אַקערט מיט די אָקסן, און די מיידלעך זיינע גייען מיט די בייטשן. און ער פּאַרזייט ווייץ אַ סך. און דאָרטן אין אַרגענטינע איז גאָלע זומער. עס איז דאָרטן ניט צו באַ־קומען אַ שטיקל ווינטער אפילו אויף אַ רפואה... און עס שרייבט דער פעטער יאָסל צו מיין טאַטן: „טייערער חיימל, מיר איז נאָר שלעכט, וואָס איך האָב ניט קיין בנים... דיך האָט גאָט באַגליקט מיט בנים. איז אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז דו זאָלסט מיר אַרויסשיקן קיין אַרגענטינע צוויי יינגלעך. איך וועל זיי דאָ האַלטן ווי מיינע צוויי אויגן אין קאָפּ. און איך האָב צוויי טייערע מיידלעך. און אויב דיר וועט אָנשטיין, וועלן מיר זיך משדך זיין"...

און אַז די מאַמע מיינע דערהערט אַזוינע דיבורים, לאָזט זי ווייטער ניט לייענען.

— אַט וועל׳ך זיך צעפּליען און אים שיקן מיט דער פּאַטשט צוויי יינגלעך!...

— לאָז מיך ענדיקן דעם בריוו — בעט זיך דער טאַטע.

און וואָס איז דאָס גראָז? וויל די מאַמע וויסן.

— עס איז אַזאַ מין טיי אין אַרגענטינע.

— טיי?

— יאָ. דער פּעטער שרייבט, אַז מען זאָל עס פאַרפּאַרען און פאַרזוכן....

באַלד האָט מען דאָס ביסל גראָז פאַרפּאַרעט און געלאָזט אַנציען. און דער טאַטע האָט פאַרזוכט די בלייכע טיי.

— נאַ, אַ מדינה!... — האָט ער זיך פאַרקרימט.

— מסתם ביטער ווי גאַל? — וויל די מאַמע וויסן.

— עס האָט ניט קיין טעם.

אַרגענטינע!... עס מוז זיין ווייט...

און דער טאַטע האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען די טעג פון די פּאַטשט־פּעטשאַטן, וואָס זיינען געווען אויפן קאָנווערט.

— דער בריוו גייט שוין זעקס וואָכן.

— זעקס וואָכן!... אַט וועל׳ך אים גיין שיקן קינדער!...

— וואָר הייסט דיר? ער מעג זיך אָנמיטן, און דו האָב דיר דיין שכל.

איך האָב אַלץ געהערט און געשוויגן. ערשטנס, האָט מען ביי מיר ניט געפרעגט, און, צווייטנס, בין איך געווען צופיל פאַרנומען מיט מיינע מחשבות וועגן אַזאַ ווייט לאַנד. איך האָב עס געזען קלאָר פאַר מיינע אויגן. אַ סך שטרעקעס ערד, און זי, די ערד, האָט מיר אויסגעוויזן צו זיין אַ ווייסע. כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר אַזוי האָב איך זיך פאַרגעשטעלט. און עס איז דאָרטן אייביק זומער. און דער פּעטער יאָסל אַקערט מיט אָקסן. און זיינע מיידלעך גייען מיט לאַנגע בייטשן. און עס וואַקסט ביי אים ווייץ. און ווען איך בין דאָרטן, וואָלט איך געלעגן אין די ווייצנפעלדער און געשאָסן שטרויעלעך צו דער זון.

— פּעטער יאָסל! פּעטער יאָסל! — האָב איך געמורמלט בייטאָג און ביינאַכט — שטרעק אויס דיינע הענט אַזש פון אַרגענטינע און נעם מיך. איך בין פאַרטיק...

איין־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

מיין טאַטע ווערט אַ קרעמער. איך הויב אָן לערנען אין בית־מדרש און מיין צווייטער ברודער משה, העלפֿט אין קראָם. אונזער קראָם איז אַנדערש ווי אַלע אַנדערע קראָמען אין שטעטל, זי איז געמאַכט אין אונזער פֿאָדערשטן, גרויסן צימער, אין וועלכן מען קומט אַריין פֿון דער גאַס. ביי אונז איז עס ניט קיין אָפֿענע קראָם מיט לאָדן. און פֿון דרויסן זעט מען ניט, אַז עס איז אַ קראָם. אָבער פֿונדעסטוועגן איז אונזער שטוב כּמעט ווי חרוב געוואָרן. און דער טאַטע האָט ניט געטויגט צו דער קראָם. איז ער אָוועקגעפֿאָרן אַקעגן ווינטער צום רבין קיין הוסיאַטין און פֿון דאָרטן צום זיידן קיין קאָמעניץ. און יענעם ווינטער, ווען עס איז אויס־געפֿאַלן חנוכּה, האָב איך אָנגעהויבן לייגן תּפֿילין. עס איז מיר געווען אַ ווייטאָג, וואָס איך דאַרף אָנהויבן לייגן תּפֿילין אָן מיין טאַטן, אָבער דער טאַטע האָט ניט געקאָנט קומען אַהיים פּונקט אין צייט צו מיין בר־מצווה. ער האָט געזוכט, מיטן רבינס כּוח, עפּעס אַ נייע פּרנסה, ווייל ער האָט ניט ליב געהאַט די קראָם, און פֿון דער פּאַטשט איז שוין ניט געווען קיין שום פּרנסה.

ווען דער טאַטע איז געקומען אין מיטן ווינטער אַהיים, האָט ער מיך שוין געטראָפֿן אַ תּפֿילין־יינגל און שוין צו מיר גערעדט ווי צו אַ גרויסן בחור און זיך מיט מיר ווי געראָטן וואָס צו טאָן. עס האָט זיך געהאַנדלט אין אָט וואָס: דער רבי האָט געהייסן פֿאַרקויפֿן די פּאַטשט און מאַכן אַ הורטאָוונע קראָם. די מאַמע האָט ניט געוואָלט פֿאָלגן דעם רבין. זי האָט ניט געוואָלט פֿאַרקויפֿן די פּאַטשט. זי האָט געטענהט, אַז די פּאַטשט איז ביי איר אַזוי ווי אַ קרוין אויפֿן קאָפּ... דער טאַטע האָט געטענהט, אַז די דאָזיקע פּאַטשט איז שוין ניט קיין קרוין נאָר אַ צרה... מען דער־לייגט געלט צו דער פּאַטשט. די מאַמע האָט געוויינט און געזאָגט, אַז זי וועט ניט לאָזן פֿאַרקויפֿן די פּאַטשט... דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דער רבי פֿון הוסיאַטין הייסט פֿאַרקויפֿן, דאַרף מען אים פֿאָלגן...

עס איז אַזוי אָנגעגאַנגען אַ שפּאַרעניש צווישן מיין טאַטע־מאַמע אַ גאַנצן ווינטער. און דערווייל בין איך אַלע טאָג געגאַנגען אין בית־מדרש

לערנען. אַנטקעגן אונדז האָט געוווינט אַהרן מײַלעכזאָן אין אַ גרויסער דירה מיט אַ סך פֿענצטער. בײַ אים זײַנען געווען צוויי טעכטער. און די עלטערע טאָכטער, וואָס האָט געהייסן יענטע, איז געווען זייער אַ שיינע. און זי איז געווען אין מײַנע יאָרן. און ווען איך פֿלעג גיין אין בית־המדרש אַרײַן איז זי געשטאַנען בײַ אַ פֿענצטער און מיר נאָכגעקוקט — אַזוי האָט זיך מיר אויסגעדאַכט...

איך האָב דערנאָך ניט געקאָנט אײַנזיצן רואיק בײַ דער גמרא, און גאָר געטראַכט פֿון יענטען. און זי האָט אויך געקוקט, ווען איך בין געקומען אַהיים עסן אָנבײַסן, און באַלד איז זי אַרײַנגעקומען צו אונדז עפּעס אײַנקויפֿן אין קראָם. און אַזוי אויך אָוונט, ווען איך בין געקומען אַהיים עסן וועטשערע. און עס איז געווען אַזוי: זי קומט אַרײַן עפּעס קויפֿן אין קראָם און אַזוי ווי מײַן ברודער משה האָט זיך געפּאָרעט אין קראָם, האָט ער געוויינלעך אויך געוואָלט באַדינען דאָס מיידל יענטע. אָבער זי האָט נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל זי באַדינען און עס האָט אַ ביסל געקלונגען מאָדנע, אַז איך, וואָס בין אין קראָם זייער זעלטן, זאָל באַדינען יענטען.

דאָס הייסט, מיר איז עס געפֿעלן געוואָרן. ערשטנס, האָב איך מיט יענטען געקאָנט רעדן און איר קוקן אין די שוואַרצע גרויסע אויגן אַרײַן; צווייטנס, האָב איך אין דעם וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל זי באַדינען, געזען אַ באַוויז, אַז זי טראַכט מסתּם אויך עפּעס וועגן מיר.

וואָס דאָס איז, אָט דאָס וואָס איך און זי טראַכטן איינער וועגן אַנ־דערן, האָב איך ניט געוווּסט.

איך האָב געהאַט הנאה צו געבן יענטען די אמתע וואָג און פֿאַר אירט־וועגן האָב איך אַלע מאָל אַריבערגעוואויגן מערער ווי די וואָג האָט געוויזן. און ווען איך האָב איר דערלאַנגט אַ שקאַרמיץ מיט צוקער אָדער מיט עפּעס אַן אַנדער וואַרע, האָב איך עס איר געגעבן אין איר ווײַסער האַנט אַרײַן און דערבײַ אַכטונג געגעבן, אַז איך זאָל אָנרירן מיט מײַן האַנט איר ווײַס הענטל. און זייער אָפֿט, ווען איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט איר צו טאָן אַ גלעט איבערן קאָפּ, וואָס האָט בײַ איר געגלאַנצט מיט שוואַרצע האָר — דאַן האָב איך געפֿילט ווי איך גלעט אַ וואַרעמען, ווייכן סאַמעט.

און דערהויפּט האָב איך ליב געהאַט ווען יענטע פֿלעגט קומען קויפֿן אַ באַנקע קעראָסין. דאָס פֿעסל מיטן קעראָסין איז געשטאַנען אין קאַמער און יענטע איז מיט מיר געגאַנגען אין קאַמער אַרײַן, כּדי איך זאָל פֿאַר

איר אָנפּאָמפּען אַ באַנקע מיט קעראָסין. זי האָט געהאַלטן דאָס באַנקעלע און איך האָב געפּאָמפּעט. און דערווייל האָב איך זי געקאָנט גוט אָנקוקן אין דער נאָענט. און ווייל איך האָב זיך אַזוי פּאַרקוקט אויף איר, האָט די פּאָמפּע דערווייל איבערגעגאָסן דאָס באַנקעלע מיטן קעראָסין און יענטעס הענט פלעגן באַגאָסן ווערן מיט קעראָסין. און זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, צי זאָל זי אַרונטערלאָזן דאָס באַנקעלע און עס זאָל צעבראָכן ווערן, צי זי זאָל אָנהויבן שרייען. זי האָט ביידע זאַכן ניט געטאָן, נאָר איך האָב באַלד געטאָן אַ כאַפּ אַרויס פון אירע הענט דאָס באַנקעלע און עס אוועקגעשטעלט, אַז עס זאָל זיך אָפּריינען. און דערנאָך זיך גענומען אָפּווישן יענטעס הענט מיט מיין נאָז־טיכל. זי שטייט און לאַכט און איך ויש אירע ווייסע הענט און לאָז זיי גאָרניט אַרויס...

אָט אַזוי איז צווישן אונז אָנגעגאַנגען עפּעס אַזוינס, וואָס ניט איך און ניט קיינער האָט געוואוסט וואָס דאָס איז. און איין מאָל האָט געטראָפן, אַז מיין ברודער משה איז ניט געזונט געווען און אַנשטאָט אים, האָט מען מיך געשיקט נאָך סחורה קיין בעלץ.

ביז דעמאָלט בין איך נאָך ניט געווען אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי בעלץ, און איך האָב נאָך קיין מאָל ניט געהאַט געזען קיין באַן. איך בין געווען דערשטוינט פון אָט דער גרויסער שטאָט מיט די שטיינערנע ברוקירטע גאַסן, מיט די לאָמטערנעס און מיט די הויכע מויערלעך און מיט דער באַן, וואָס איך האָב געזען פון דער ווייטנס לויפן און זי געהערט פייפן, און מיטן גרויסן אָסטראָג מיט די אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען געווען איינגעשפּאַנט אין וועגן מיט גרויסע פעסער; אַזוי ווי גרויע אָקסן האָבן די אַרעסטאַנטן ביי מיר אויסגעוויזן מיט זייערע גרויע קליידער און לאַפּטשעס.

איך האָב איינגעקויפט סחורה און דערנאָך אַרויסגעגאַנגען אָנקוקן די שטאָט מיט אירע גרויסע קראָמען און איר פּאַרק. און איך בין גע־שטאַנען ביי די פענצטער פון די קראָמען און זיך געוואונדערט אויף די אַנטיקן דאָרטן אין די פענצטער. און איך האָב דערזען אַזאַ קליין שאַפּ־קעלע. און איך בין אַריינגעגאַנגען און דאָס שאַפּקעלע געקויפט פאַר מיין מאַמען... כאָטש איך האָב געהאַט אַ כוונה דערביי... איך האָב געוואָלט אַז יענטע זאָל עס זען...

און ווען איך האָב דער מאַמען געבראַכט דאָס דאָזיקע שאַפּקעלע, האָט זי זיך זייער געפרייט דערמיט און אויך געוויזן דאָס שאַפּקעלע יענטען.

און אַז יענטע האָט דערזען דאָס שאַפּקעלע, האָט זי אויך געוואָלט, אַז איך זאָל איר ברענגען אַזאַ שאַפּקעלע. דאָס וואָס איך האָב געגאַרט... איך וועל איר שוין ברענגען אַזאַ שאַפּקעלע...

עס איז אַוועק אַ פּאָר וואָכן און מען האָט מיך ווידער געשיקט נאָך סחורה קיין בעלץ. און איך האָב שוין קוים דערלעבט צו קומען אַהין און בין באַלד אַוועק און אויסגעזוכט יענע קראָם און געקויפט אַזאַ שאַפּ־קעלע, פּונקט ווי איך האָב געקויפט פאַר מיין מאַמען.

און וואָלט איך געוווען געבראַכט דאָס דאָזיקע שאַפּקעלע ניט אין געהיים, נאָר אָפן און פריי, וואָלט מסתּם ניט געוווען געקומען צו דעם, וואָס עס האָט דעמאָלט געטראָפן. איך בין נאָך געוווען אַ ייִנגל און איך האָב פאַרטראַכט צו מאַכן עס בסוד סודות...

ווען איך בין געקומען אַהיים, האָב איך דאָס שאַפּקעלע באַהאַלטן. און איך האָב אָפּגעוואַרט אויף אַ טאָג ווען יענטעס פאָטער איז ניט געוווען אין דער היים. זי האָט שוין דעמאָלט ניט געהאַט קיין מוטער — אַ יתומה. דער פאָטער האָט געהאַלטן פּאָסעסיע. און ווינטער־צייט איז ער זעלטן געפאָרן אויף זיין פּאָסעסיע. איין מאָל, ווען איך האָב שוין קוים דערלעבט צו זען אַז יענטעס פאָטער איז אַוועקגעפאָרן מיט זיין פערד און שליטן, האָב איך נאָך מיטאָג אַרויסגענומען דאָס שאַפּקעלע פון באַהעלטעניש און עס פאַרשטעקט אונטער דער פאָלע פון מיין ראָק און מיט ציטערדיקע הענט און פיס, ־צי דערפון וואָס עס איז געוווען גרוי און קאַלט אין דרויסן, צי פון עפּעס אַנדערש, בין איך אַריינגעגאַנגען צו יענטען אין הויז אַריין. עס רעדט זיך אַריינגעגאַנגען... ניט אַזוי גיך האָט זיך עס געטאָן.

איך האָב זיך געדאַרפט מאַכן ווי איך גיי אין קלויז אַריין לערנען, כּדי מען זאָל ביי אונז אין שטוב ניט זען אַז איך גיי צו יענטען. און אָפּ־גייענדיק אַ שטיק פון אונזער געסל, בין איך דערנאָך, דורך אַ זייט אַוועק צוריק און דורך אַ הינטער־געסל צוריק געקומען צו יענטעס הויז.

און איך בין אַהין אין שטוב אַריין ווי אַ גנב. און צו מיין גרויס גליק געטראָפן באַלד יענטען אין גרויסן פיר־הויז, וואו זי איז געזעסן אויף אירע קניען און געהייצט די הרובע מיט שטרוי. דאָ, אין אָט דעם פיר־הויז איז געוווען האַלב טונקל און פון צייט צו צייט האָט נאָר דער פלאַם פון דער הרובע באַלויכטן יענטעס פּנים. זי האָט מיך דערזען און זיך דערשראָקן. אָבער זי האָט פאַרגעסן איר אַרבעט פון האָדעווען דאָס פיר־עקעכדיקע מויל פון דער הרובע מיט שטרוי. אירע קניעס זיינען געוווען אָנטפּלעקט און זי האָט עס באַמערקט און זיך אויפגעשטעלט און אַראָפּ־

געצויגן איר ברוין קליידל און זיך אויסגעגלייכט צו מיר מיט איר פאַר־פלאַמט פּנים.

— וואָס האָסטו געוואָלט? — פרעגט זי מיך אַ ביסעלע מיט פרעמד־קייט. איך הויב אָן אַפּירצונעמען דאָס שאַפּקעלע פון אונטער מיינע פאָ־לעס און ביי מיר ציטערן נאָך הענט און פיס. איך זאָג:

— געבראַכט דיר אַ שאַפּקעלע...

אָבער אַנשטאָט זי זאָל זיך דערפרייען מיטן שאַפּקעלע און אַריינבעטן מיך אין שטוב אַריין, גייט זי גאָר צו צו דער דרויסנדיקער טיר און גיט זי אָן עפן און זאָגט:

— כ'וויל ניט דיינע מתנות און גיי דיר!...

די טיר איז געוועזן אָפן און איך בין אַרויסגעלאָפן אַ פאַרשעמטער.

וואוהין לויפט מען? איך אַנטלויף אין קלויז אַריין. אָבער אויפן וועג שטעל איך זיך אָפּ, נעם אַרויס דאָס שאַפּקעלע און צעברעך עס אויף פּיץ־פּיצלעך און וואַרף עס אַוועק. איך זיץ דערנאָך אין בית־מדרש ביז העט שפּעט אין אָוונט און וויל זיך פאַרגעסן אין אַ בלאַט גמרא. אָבער איך קאָן ניט. מיין פּנים פלאַמט און מיין קאָפּ זעצט ווי מיט האַמערס. מיינע חברים אין קלויז רעדן צו מיר און איך הער ניט וואָס זיי רעדן.

איך גיי אַהיים דערנאָך, ווען אין דרויסן איז שוין נאַכט און עס איז פינצטער. איך גיי פאַרביי יענטעס פענצטער. איך האַלט זיך אָפּ פון טאָן אַ קוק, אָבער איך קאָן ניט. און ווי מיר ווייזט זיך אויס, איז עפּעס דאָרטן אין שטוב אַ ביסל צו ליכטיק... איך לויף אַריין צו אונז אין שטוב, און טרעף נאָך דעם טאַטן ניט אין הויז. נאָר די מאַמע איז עפּעס פאַר־וויינט.

איך טו אויס דעם פּאַלטאָ און די מאַמע רופט מיך אַוועק, אין אַ באַזונדערן צימער.

— יענטע איז דאָ געוועזן... — זאָגט די מאַמע צו מיר אָן שום צע־רעמאָניעס.

איך שוויייג. דאָס פּנים פלאַמט. ווער ווייסט וואָס זי האָט געזאָגט מיין מאַמען?

— זי האָט געזאָגט, אַז דו האָסט מיט איר געוואָלט שפּילן אַ „ליוב־קע"...

— ס'אַליגן!...

— לייקן ניט... דער טאַטע ווייסט נאָך גאָרניט. זי וועט דערציילן דעם טאַטן אויך... בעסער זאָג מיר דעם אמת...

— איך האָב איר געבראַכט אַ שאַפּקעלע... און דאָס שאַפּקעלע אַריינגעטראָגן... און זי האָט מיך אַרויסגעשטופּט...

— און מער גאָרניט?

— איך שווער, אַז ניט...

— אַזאַ מויד!... זי איז אַריין צו מיר מיט אַ געוואַלד!... אָבער איך האָב איר באַלד אָפּגעשלאָגן די פליגל.

מילא, די מאַמע האָט מיר געגלויבט. אָבער וואָס טוט מען אויב, חלילה, דער טאַטע ווערט געוואויר? און אויב עס דערוויסט זיך אויך יענטעס פאָטער און דערנאָך די גאַנצע שטאָט? אָבער עס איז אַראָפּ גלאַט. דער טאַטע מיינער האָט זיך ניט דערוואוסט און קיינער אין שטאָט האָט ווייזט אויס אויך דערפון ניט געהערט.

נאָר איך האָב זיך געשטיקט מיט מיין אייגענעם ווייטאָג און ניט געהאַט פאַר וועמען צו דערציילן. און איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום און ניט געקאָנט עסן און ניט געקאָנט שלאָפן. איך האָב געזען יענטען ביי די פענצטער פון איר טאַטנס גרויסן מויער און זי, האָט זיך מיר געדאַכט, איז געוואָרן גרעסער, שענער, און זי האָט אַפילו ניט געוואָלט קוקן אויף מיר דורכן פענצטער, און איז שוין מער ניט געקומען איינקויפן ביי אונז אין קראָם, נאָר געשיקט איר קלענערע שוועסטער, מינדלען, איינקויפן.

ווער ווייסט וואָס עס וואָלט פון מיר געוואָרן, ווען ניט דאָס, וואָס איך וועל דערציילן אין קומענדיקן, לעצטן קאַפּיטל פון מיינע קינדער־יאָרן.

צוויי־און־דרייסיקסטער קאַפּיטל

צו אונז איז געקומען צו פאָרן דער מומע ראָסיעס אַן איידעם, אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען משה גרינעוואוצקי, אַ ווייסינקער, איידעלער מענטש מיט אַן אָנשטעל פון גרויסשטאָטישקייט, כאָטש ער איז געווען פון אַ קליין שטעטעלע. ער האָט אַריינגעבראַקט רוסישע ווערטער אין זיין רעדן, און אויב מען האָט געדאַרפט, האָט ער געוויזן, אַז ער קאָן נוצן אַ גמרא־ווערטל אויך, זיין קול איז געווען אַ זיכערער, אַזאַ פריילעכער און ער האָט טאַקע אָנגעפילט אונזער שטוב מיט נייעם מוט.

געקומען איז אָט דאָס שוועסטערקינד אונזערס קיין רישקאָן קויפן אַ גאַנצן וואַגאָן פּאַסאָליעס. נאָר אַזוי ווי אַזוי פיל פּאַסאָליעס איז ניט געווען מעגלעך איינצוקויפן אין איין טאָג אָדער אַפילו אין איין חודש, איז משה גרינעוואוצקי געזעסן ביי אונז עטלעכע טעג און ער האָט מיין טאַטן איינגערעדט, אַז ער זאָל זיך נעמען צום מסחר מיט פּאַסאָליעס. נאָר מיין טאַטן איז עס ניט אָנגעשטאַנען, איז געבליבן, אַז אַזוי ווי איך בין שוין אַ תּפילין־ייִנגל, זאָל איך אויפהערן לערנען אין בית־המדרש און מען זאָל מיך מאַכן פאַר אַ סוחר פון פּאַסאָליעס... משה האָט מיין טאַטן איבערגעלאָזט אַ פּאָר הונדערטער און מיט מיר אָפּגעמאַכט, אַז איך זאָל פאַר אים איינקויפן צווייערליי פּאַסאָליעס: „ווייסע לאָפּעטעס" און „באָמבעס". די „ווייסע לאָפּעטעס" זיינען געווען די דאָזיקע פלאַטשיקע, ווייסע פּאַסאָליעס, וואָס מען האָט פון זיי געקאָכט צימעס פּאַסאָליעס. די „באָמבעס" זיינען געווען די קיילעכדיקע, ווייסע פּאַסאָליעס וואָס מען האָט געווייינלעך נאָר גענוצט פאַר דער קאַשע מיט יויך.

איך האָב געדאַרפט צושטעלן אָט די צווייערליי פּאַסאָליעס ביז צו דער סטאַנציע טערנאָווע פאַר דעם פּרייז פון איין רובל אַ פּוד. און מיין שוועסטערקינד משה האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל נאָר איינקויפן די עכטע „לאָפּעטעס" און „באָמבעס"...

איך בין געווען אין זיבעטן הימל פון פרייד וואָס ענדלעך וועל איך ניט דאַרפן זיצן אין בית־המדרש. איך האָב שוין סיי־ווי ניט געקאָנט לערנען זינט דער פּאַסירונג מיט יענטען. און איך האָב געזען אין דעם וואָס איך

װעל אָנהױבן האַנדלען מיט פּאַסאַליעס, און מיט דער סטאַנציע, עפּעס אַזױנס, מיט װאָס איך װעל זיך ניט נאָר קאָנען פּאַרטאָן און פּאַרגעסן, נאָר אױך עפּעס, מיט װאָס איך װעל זיך קאָנען רײַצן מיט יענטען. זאָל זי זען, אַז איך בין שױן ניט קײן ייִנגעלע — איך בין אַ סוחר....

דעם ערשטן זונטאָג, װען עס איז געװען יאַריד בײַ אונז אין רישקאַן, בין איך אױפֿגעשטאַנען פֿרי און אָפּגעדאַװנט און דער טאַטע האָט מיר גע־געבן עטלעכע קערבלעך אין קעשענע אַרײַן, אַז איך זאָל גײן אין מאַרק אַרײַן. מײַן טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך מאַכן װי איך װײס גאָרניט און אַזױ װי איך דאַרף גאָרניט. איך זאָל גײן אין מאַרק גלײַך װי איך דאַרף גאָרניט קױפֿן, נאָר זיך צוקוקן װי אַזױ עס האַלט... אױב איך װעל זען אױף אַ פֿור זעקלעך מיט פּאַסאַליעס, זאָל איך צוגײן צום װע־געלע פֿון אַ זײַט און טאָן פֿון דער װײַטן אַ שמעק צי עס איז דאָ „לאַפּעטעס" אָדער „באַמבעס". אױב יאָ, זאָל איך זיך גוט אַרומקוקן צי עמעצער פֿון די סוחרים שטײט ניט דערבײַ. אױב עמעצער שטײט, זאָל איך זיך היטן. װײַל אױב ייִדן װעלן דערשמעקן, אַז איך קױף פּאַסאַליעס, װעט װערן אַ געיעג און מען װעט זיך נעמען רײַסן איבער פּאַסאַליעס און עס װעט װערן אַ יקרות...

איך בין אַרױס פֿון שטוב אַ פֿרײלעכער און אַ מוטיקער און האָב נאָר געכאַפּט אַ קוק צו יענטעס פֿענצטער, צי זי שטײט ניט דאָרטן. זי איז גראָד געשטאַנען בײַ אַ פֿענצטער, אָבער אַזױ גיך װי זי האָט מיך דערזען גײן, איז זי פֿאַרשװאונדן. איך האָב געטראַכט, אַז זי מעג שױן אַנטלױפֿן... עס װעט איר גאָרניט העלפֿן... איך בין שױן אַ מענטש אַ סוחר...

איך קום אַראָפּ אין מאַרק־פּלאַץ. עס איז יאַריד און כאָטש עס איז ניט אַזאַ קלאָרער טאָג און עס איז קאַלט און גרױ, איז אָבער דער יאַריד אַזױ געדיכט און פֿון דעם װאָס עס איז דאָ אַזױ פֿיל מענטשן און פֿערד איז אַ ביסל װאַרעמער און ליכטיקער. איך גײ צװישן די שליטנס און װעגעלעך. איך װאַרף מײַנע אױגן אין אַלע זײַטן און איך היט זיך פֿאַר די הײמישע סוחרימלעך. עס שמעקט אױפֿן מאַרק מיט פֿערד, מיט ריחות פֿון װײץ און פּאַפּשױעס און מיט װאָס ניט.

בײַ אונז איז געװען אַ יונגערמאַן אַ סוחרל איציק דער לאַנגער. און אָט דער איציק, אַז ער האָט מיך נאָר דערזען אין מאַרק איז ער באַלד צו מיר אַזױ װי צוגעװאַקסן געװאָרן און מיר אָפּגעגעבן דעם גוט־מאָרגן און זיך נאָר געריבן אַרום מיר. און װוּ איך בין געגאַנגען איז ער באַלד מיר נאָכגעגאַנגען װי מײַנער אַ שאָטן.

— קויפסט עפּעס ?

— גאָרניט ! — ענטפער איך.

— גאָרניט, איז גוט צו די אויגן...

אַ ביסל שפּעטער, אַז ער, אָט דער איציק, האָט אַפּנים באַמערקט ווי איך דריי זיך אַרום אויף אַן אָרט, וואו אַ פויער האָט געהאַט פּאַסאָליעס צו פאַרקויפן, איז ער צו מיר צוגעקומען און צו מיר אַזוי געזאָגט : מיינסט, אַז איך ווייס ניט אַז דו קויפסט פּאַסאָליעס...

— איך, פּאַסאָליעס ?!

מיך נאַרט מען ניט. לאָמיר בעסער קויפן בשותפות...

— איך קויף גאָרניט — זאָג איך.

— גאָרניט איז גוט צו די אויגן — זאָגט איציק ווידעראַמאָל.

דערוויייל גיב איך אַ כאַפּ אַ קוק צו די זעקלעך מיט די פּאַסאָליעס ביים פויער אויפן וואָגן. עס איז געווען פּונקט אַזוינע פּאַסאָליעס, וואָס איך האָב געדאַרפט. פון ווייטן האָבן די ווייסע פּאַסאָליעס צו מיר געוואונקען ווי פּערלמוטער, אָבער איך האָב מורא געהאַט צוצוגיין, אַז איציק דער לאַנגער טרעט ניט אָפּ פון מיר. איך האָב זיך מישב געווען און בין אַוועקגעגאַנגען אַהיים. אין דער היים דערציילט די גאַנצע מעשה, און טאַטע־מאַמע האָבן פון מיר געלאַכט און מיר געהייסן ווידער גיין אין מאַרק. און אַז איך בין געקומען אין מאַרק אַריין זיינען שוין די דאָזיקע פּאַסאָליעס ניט מער געווען. איציק דער לאַנגער האָט זיי שוין געהאַט געקויפט. און ער האָט זיך מיט מיר געריצט.

דער סוף איז געווען, אַז איך האָב געמוזט ביי איציקן אָפּקויפן די פּאַסאָליעס, און „די קאַץ איז אַרויס פון זאַק". עס איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז איך קויף פּאַסאָליעס... און מען האָט פון גאַנץ רישקאַן גענומען טראָגן צו מיר פּאַסאָליעס. איך האָב געדאַרפט נאָר ווייסע „לאָפּעטעס" און ווייסע „באָמבעס". אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט מען מיר נאָר געבראַכט „געשריבענע" פּאַסאָליעס, אָדער געלע פּאַסאָליעס. איך האָב קוים מיט צרות צוזאַמענגעקויפט גענוג פּאַסאָליעס, כדי אָנצולאָדן דעם ערשטן וואָגן. און בין מיט זיי אַוועקגעפאָרן צו דער סטאַנציע טערנאָווע. און איידער איך בין געפאָרן צו דער באַן־סטאַנציע האָב איך געדאַרפט לאָזן וויסן מיין שוועסטער־קינד, אַז איך האָב שוין פּאַסאָליעס און אַז איך פיר זיי צו דער סטאַנציע. און אַליין שרייבן אַ קאַרטל האָט איך נאָך ניט געקענט און אַפילו נאָך קיין מאָל ניט געפּרוּווט, און מיין טאַטע האָט פון מיינעטוועגן אָנגעשריבן אַ קאַרטל. און איך בין מיט אַ געדונגענער פור און מיט די זעק פּאַסאָליעס אַרויסגעפאָרן צו דער באַן־סטאַנציע. מיין טאַטע האָט זיך מיר

געהייסן אָפּשטעלן אין בריטשעווע, וואָס איז אויפן וועג פון טערנאָווע און דאָרטן, אין בריטשעווע, האָבן מיר געהאַט דעם פעטער ישראל און די מומע באָסיע, און די מומע באָסיע האָט געהאַט אַ זון זלמן און ער איז געווען אַ קאָמיסיאָנער ביי דער באַן. און איך האָב געזאָלט ביי דעם שוועסטער־קינד זלמן אָוועקלייגן די זעק מיט פּאַסאָליעס, ערגעץ ביי אים אויף דער ראַמפּע.

איך בין אַרויסגעפאָרן פאַרטאָג. עס איז געווען אַ גרויער פאַרטאָג, קאַלט. איך גיי מיטן פויער ביי דעם אָנגעלאָדענעם וואָגן. די רעדער סקריפּען. דער וועג איז נאָך אַ ביסל מיט שניי, אָבער אַ פראָסט איז זייער אַ שטאַרקער. און די רעדער גייען ווי אויף אייזן. מיר גייען בײדע און שווייגן. און פון די צוויי פערד זעצט אַ פּאַרע. עס הויבט אָן ווערן ליכטיק אין מזרח. עס איז שטיל אַרום אויף מיילן און מיילן. די פעלדער זיינען באַדעקט מיט אַ גרויען שניי. דער הימל איז גרוי, ווי פּאַר אַ שניי־פאַל. באַרג־אַרויף גייען מיר און באַרג־אַראָפּ קריכן מיר אַרויף אויפן וואָגן מיט די זעק פּאַסאָליעס. ווען איך זיץ פרירן ביי מיר די פיס. און איך זיץ און טראַכט פון דעם וואָס שטייט מיר פאָר. און דער פויער שוויגט. און איך שוויג. און מיר פאָרן אַזוי אַריין אין דעם יידישן דאָרף בריטשעווע. עס איז דאָ אין גאַנצן צוויי צײלן שטיבעלעך קליינע, טייל מיט שטרויענע דעכער און טייל מיט שינדלנע דעכער. מיר באַגעגענען אַ יידן מיט אַ פעלץ און קוטשמע.

— וואו וואוינט דאָ זלמן באָסיעס?

— אָט דאָרטן, מיט די גרינע לאָדנס.

מיין שוועסטער־קינד זלמן קומט אַרויס און גיט מיר אָפּ שלום. אַ ייד ווי מיין טאַטע. און די מומע באָסיע — אַ קליינע, איינגעדאַרטע זקנה מיט קאַליע אויגעלעך — נעמט מיך אויף מיט פרייד און מיט טרערן: בערקעס אייניקל!...

מען פירט מיך אַריין אין שטוב אַזוי ווי אין אַ קעלער אַראָפּ טיף אין דער ערד. און זלמנס ווייב מיט די קינדערלעך סטאַמפּעווען מיך אַרום און מען קוקט אויף מיר. מען דערלאַנגט מיר הייסע טיי מיט מילך און ראָזעווע־שוואַרץ ברויט מיט אַ שיסל מיט סמעטענע און אַ ציבעלע. איך עס די סמעטענע מיט ברויט און בייס פון דער ציבעלע. און אַזוי ווי איך זיץ אַזוי, גיט אַ קום אַריין פון אַלקיר אַ פאַרפוצט מיידל מיט אָנגעפּודערטע באַקן, מיט שוואַרצע האָר וואָס זיינען פאַרקעמט אויף איר קאָפּ און מיט אַ שווערן קובליק אַרומגעדרייט און אַראָפּגעהאָנגען אויף

איר האַלז. זי האָט אויסערגעוויינלעך ריינע, ווייסע הענט, עפּעס אַזוינע פּוכקע און מיט קליינע פינגערלעך. איך האָב גראָד דעמאָלט געהאַט איינגעטונקען אַ שטיקל ברויט אין דער סמעטענע. און ביים דערשיינען פון אָט דעם מיידל האָב איך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן שטיקל ברויט, צי זאָל איך עס איינשלינגען, צי זאָל איך עס צוריק אַריינלייגן אין דער שיסל מיט סמעטענע.

— דאָס איז אונזער שוועסטער־קינד פון קאַמענעץ — זאָגט זלמן און ווישט מיט איין האַנט זיינע גרויסע, שוואַרצע וואָנצעס. און דאָס מיידל בראַניע גיט צו מיר אַ שטרעק־אויס איר ווייס הענטל. דעם זמת, איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. נעמען איר האַנט האָב איך מורא געהאַט. איך האָב, אַלס פרום ייִנגל, געוואוסט, אַז מען טאָר עס ניט טאָן... ניט נעמען איר האַנט, וואָלט איך דאָך זי פאַרשעמט. האָב איך געגומען איר האַנט און זי האָט מיר געטאָן אַ שטאַרקן דרוק. איך האָב געפילט ווי מיין פּנים פלאַמט און איך האָב זיך זייער געשעמט. אָבער די אַלטע מומע באַסיע האָט מיך אונטערגעטריבן, אַז איך זאָל עסן און טרינקען טיי...

און ערשט ווען זלמן איז מיט מיר געפאָרן צום וואָקזאַל, האָט ער מיר דערציילט ווער אָט די בראַניע איז און וואָס זי טוט אין בריטשעווע. זי איז געווען מיין זיידן בערקעס אַ שוועסטערס אַ מיידל, פון קאַמענעץ, און זי איז געקומען גיבן רוסישע אורקן קיין בריטשעווע. אָבער אין בריטשעווע איז נישטאָ ווער עס זאָל נעמען רוסישע אורקן, זיצט זי שוין אַזוי דערווייל דעם גאַנצן ווינטער ביי זלמנען.

— אפשר וועט מען ביי אייך אין רישקאַן קאָנען פאַר איר געפינען אורקן? — פרעגט מיך זלמן.

— מעגלעך... — ענטפער איך.

— איך וועל זי דיר מיטגעבן און זאָל דיין טאַטע זען וואָס מען קאָן טאָן פאַר איר.

הכלל, מיר זיינען געקומען צום וואָקזאַל און אָפּגעלייגט די פּאַסאַליעס אויף זלמנס ראַמפּע. איך האָב צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען אַ וואָקזאַל. עס איז גראָד אָנגעקומען אַ באַן. און איך האָב געקאָנט גוט באַטראַכטן דעם לאָקאָמאָטיוו מיט די ריזיקע רעדער און די וואַגאָנעס מיט די פענצטערלעך מיט מענטשן. און איך בין געווען אַזוי גליקלעך, וואָס איך האָב די אַלע זאַכן געזען און האָב גאָר פאַרגעסן אין יענטען און אין מיינע פּאַסאַליעס. און ווען די באַן איז מיט אַ פייף און מיט אַ

קלונגעניש אָוועקגעפאָרן, בין איך געבליבן שטיין ביי דער קליינער סטאַנ־ציע אַזוי ווי אַן איבערגעלאָזענער...

דער פויער האָט מיך געדאַרפט ברענגען צוריק אַהיים, און ווען עס האָט זיך אויך אויפגעזעצט מיין ניי שוועסטער־קינד בראָניע, האָט זיך דער פויער געחידושט און זיך געקראַצט אין פּאַטילניצע. אָבער זלמן האָט אים אַריינגערוקט אין דער יד אַריין אַ מטבע...

בראָניע איז געווען אָנגעטאָן מסתם ווי דער שטייגער איז אין קאָ־מענעץ. זי האָט געטראָגן אַ היטעלע מיט אַ וואָאַל איבערן גאַנצן פּנים און אַ ווינטער־מאַנטל אַ געפּאַסטן און מיט אַ מופטעלע, מיט הענטשקעס אויף אירע הענט. איך האָב געהאַט אויף זיך אַ פּאַלטאָ און חוץ דעם נאָך אַ גרויסע בורקע מיט אַ גאַרטל. די בורקע האָט געהאַט אַזאַ מין קאַלפּאַק, וואָס איך האָב אַריבערגעוואָרפן איבער מיין קאָפּ. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פאַרנאַכט איידער די זון האָט זיך געזעצט. עס האָט זיך גראָד אויסגעלייטערט דער הימל און עס איז שוין ניט געווען קיין געפאַר, אַז עס זאָל שנייען. די רייזע פון בריטשעווע קיין רישקאַן האָט געדאַרפט נעמען צוויי־דריי שעה.

מיר פאָרן אַרויס אויף די פרייע פעלדער און איך גיב אַ קוק — מיין שוועסטער־קינד, דאָס קאָמענעצער מיידל, איז שוין בלוי. רעדן האָבן מיר ניט גערעדט. זי האָט געוואַרט, אַז איך זאָל אָנהויבן. און וועדליג מיין טבע איז געווען צו שווייגן, האָט זי געקאָנט וואַרטן... אָבער איך זע, אַז בראָניע איז בלוי ווי אַ מילץ און דער ווינט רייסט פון איר פּנים דעם וואָאַל און אויך איר היטעלע און זי מוז, נעבעך, מיטביידע הענט־לעך האַלטן דעם הוט און דערווייל שניידן דער ווינט און דער פראָסט שיר ניט אָפּ אירע הענטלעך... און איך מיטן פויער, אַז עס ווערט אונז קאַלט, גייען מיר אַראָפּ פונעם וואָגן און מיר שפּאַנען און קלאַפּן מיט די הענט און מיר דערוואַרעמען זיך.

איך מאַך זיך, ווי עס ווערט מיר שטאַרק וואַרעם און ווי איך וואָלט שוין געשוויצט פון דער שווערער בורקע. און איך טו זי אויס און לייג זי אַוועק, אפשר וועט דאָס מיידל אַליין שכל האָבן און פאַר זיך נעמען די בורקע. אָבער זי האָט ווייזט אויס ניט קיין שכל צו נעמען אַליין די בורקע. און די זון גייט זיך אַ פאַרבאַהאַלט הינטער די בערג און עס הויבט אָן צו ווערן פינצטער. און ערשט איצט הויב איך אָן צו ציטערן ווי אַ פיש אין וואַסער.

— עס איז אייך קאַלט? — גיט מיך בראָניע פּלוצים אַ פרעג. און זי אירצט מיך.

— מיר? אַ ביסל...

— טוט אָן די בורקע...

— און איך איז נישט קאַלט?

— איך פריר... — לאַכט זי.

— טוט אָן מיין בורקע — זאָג איך.

— און איר?

— טאַקע, וואָס זאָל איך טאָן? עס בלאָזט אַ ווינט גלייך אין פּנים. עס איז אַ שטאַרקער פראָסט. זי האָט כאַטש הענטשיקעס. אָבער איך האָב ניט קיין הענטשיקעס.

— ווייסט איר וואָס? לאָמיר זיך ביידע איינדעקן מיט דער בורקע.

אַזאַ איינפאַל וואָלט מיר קיין מאָל ניט געקומען אויף דער מחשבה. מיר האָבן זיך ביידע איינגעדעקט און זיך איינגעטוליעט איינס אין דאָס אַנדערע. און אַזוי געזעסן שטומע ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו אונז אַהיים.

צווייטער טייל

מיינע יוגנט־יאָרן

ערשטער קאַפּיטל

אויף מיין פערצנטן יאָר האָב איך איבערגעלעבט עטלעכע קריזיסן מיטאַמאָל: דער נאַטירלעכער קריזיס, וואָס יעדער ייִנגל לעבט דורך אין יענעם עלטער; דעם עקאָנאָמישן קריזיס ביי אונז אין שטוב און אויך אַ גייסטיקן קריזיס. ביז דעמאָלט בין איך געגאַנגען אין דעם וועג, וואָס מיין דערציאונג און די סביבה האָבן מיר געפירט. אמת, איך בין טאַקע געווען אַ ייִנגל אַ פאַרטראַכטער, אַ טרוימער, אַזוינער, וואָס עס בויערט זיך ביי אים פון אינעווייניק, אָבער צווייפלען האָב איך פלוצים איצט אָנגעהויבן. איך האָב נאָך ניט געוואוסט קלאָר אין וואָס עס באַשטייט מיין צווייפלען. איך בין אָבער פלוצים ווי געוואָרן אַן אַנדערער און האָב אָנגעהויבן פרעגן ביי זיך שאלות, וואָס איך האָב אַפילו מורא געהאַט פאַר זיך אַליין אַרויסצוברענגען אויף מיינע ליפּן.

אין אָט יענער צייט איז עס געשען, אַז עס אַראָפּגעקומען צו אונז פון קאַמעניץ מיין טאַטנס שוועסטער־קינד, בראַניע שעכטמאַן, אַ גימנאַזיסטקע פון 6טן קלאַס. זי איז געקומען געבן אוראָקן אין רוסיש. און איך האָב זי געבראַכט צו פירן מיט זיך פון בריטשעווע און כאָטש מיר זיינען ביידע געזעסן דעם גאַנצן וועג איינגעהילט אין איין בורקע און זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, האָבן מיר פונדעסטוועגן ניט אויסגערעדט קיין איין וואָרט דעם גאַנצן וועג.

און אויך ווען זי איז שוין געווען ביי אונז אין שטוב, האָב איך געפילט, אַז עס איז דאָ אַ ווייטער מהלך צווישן מיר און בראָניען.

איך האָב אינדערשטיל באַוואונדערט בראָניען מיט איר גרויסשטאָטישקייט און מיט איר ניט שעמען זיך. זי איז באַלד ביי איר ערשטן טראָט אין אונזער שטוב געוואָרן היימיש און פריילעך. זי האָט גערעדט אַ געזונטן בראָדערישן ייִדיש, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז געקומען דיין אַ רוסישע לערערן. זי האָט באַלד געוואונען מיין טאַטן אויף איר זייט, ווייל זי איז געווען זיין שוועסטער־קינד.

מיר אַלע זיבן ברידערלעך, וואָס מיר האָבן געהאַט אין קליין שוועסטערל, וואָס איז ביי אונז געשטאָרבן, האָבן איצט מיט בראָניעס אָנקומען

דערפילט, אַז עס איז צו אונז אין שטוב געקומען אַ שוועסטער, אמת, אַ גרויסשטאַטישע, אָבער פּאָרט אַ שוועסטער...

און וויפיל מאָדנע, נייע זאַכן זי האָט געבראַכט מיט זיך!

זי האָט געבראַכט פּידלעס, רענצלעך און לעדערנע בייטלען פול מיט קליידער, היטעלעך, הענטשקעס און שיכעלעך און פושקעלעך מיט פּודער און פלעשעלעך מיט פּאַרפיום און שמעקעדיקע זייפלעך, און עס האָבן זיך געטאָן אַ צעלאָז איבער אונזער הויז די ריחות פון רויזן און אַקאַציע־צוויט אין מיטן ווינטער...

און ביי אונז אין שטוב איז ביז דעמאָלט, דאָס הייסט ביז בראָניעס אָנקומען, געווען דער ריח פון דער קראָם. עס האָט געשמעקט מיט הערינג, זאַלץ און נאַפט. אונזער שיינע שטוב, וואו מיין מאַמע האָט אַלע אירע כּוחות אָוועקגעלייגט, כּדי עס זאָל אַלץ פינקלען, איז פון אָט דער קראָם איבערגעפירט און קאַליע געוואָרן. עס איז שוין ניט געווען דער אַמאָליקער גלאַנץ — די באַקאַלײנע קראָם האָט כּמעט ווי חרוב געמאַכט אונזער היים. און איצט מיט בראָניעס אָנקומען האָט פּלוצים גענומען שמעקן מיט רויזן און אַקאַציע צוויט...

זי איז געווען אַ מיידל פון 17־18 יאָר. און זי האָט געבראַכט פרייד צו אונז אין שטוב מיט איר געלעכטער און אַפילו מיט אירע פּשוטע רייד. זי איז ניט געווען קיין זייער שיינע, אָבער איר פּנים איז געווען ווייס און די באַקן האָבן געשפּילט מיט רויטקייט ווי צייטיקע, ווייניקע עפּל. איר קאָפּ איז געווען אַ גרויסער, ווי ביי מיין טאַטן און ווי ביי אונז אַלע אין אונזער פאַמיליע, אָבער אירע שוואַרצע האָר האָבן געהאַט אין זיך אַזאַ גלאַנץ און אַזאַ פּראַכט און זיינען געווען אַזוי לאַנג און צויבערדיק. אַז זי האָט געטאָן אַ צעלאָז אירע האָר און זיי האָבן זיך גענומען כוואַליען אויף אירע אַקסל, האָבן זיי אויסגעוויזן ווי די כוואַליעס, וואָס זיינען געפאַלן פון דער רישקאַנער בריק ביי דער וואַסער־מיל. און זי פלעגט נעמען אַרומלויפן איבער דער שטוב און וואָרפן מיט אָט די האָר ליכ־טיקייט און פרייד. און די מאַמע האָט אַזש מורא פאַר אַ „גוט אויג"... בראָניע האָט געלאַכט פון מיין מאַמען און דעם „גוט־אויג"... . ביי זיי אין קאַמעניץ גלויבט מען שוין ניט אין אַזוינע נאַרעשקייטן. און אַז בראָניע האָט געלאַכט איז עס עפּעס געווען אַזוי געשמאַק!

אירע ווייסע ציין האָבן אַזוי ווי צוויי שנירלעך פּערל זיך געוויזט אין איר שיינעם מויל. און זי האָט געהאַט אַ געוויסע מאָס, ווען און ווי אַזוי צו ווייזן אָט די שיינע ציין. און זי האָט געבראַכט מיט זיך אַזאַ קליין צאָן־בערשטעלע, מיט וועלכן זי פלעגט זיך באַרשטן די ציין. און דאָס איז

אויך געווען אַ נייע זאַך, וואָס מיר אין רישקאַן, האָבן עס ניט געזען פריער. בראַניע האָט שוין געהאַט אַ ברודער אַ צאָן־דאָקטאָר אין קאַמעניץ. מיר האָבן מיט פיל שטוינען זיך צוגעקוקט, ווי בראַניע באַרשט זיך אירע ציין, און זי האָט געלאַכט פון אונז דערפאַר וואָס מיר ווייסן ניט וואָס אַ צאָנבערשטעלע איז...

און וואָס פאַר אַ גרויסע, שוואַרצע אויגן זי האָט געהאַט! צוויי גרויסע קאַרשן איינגעפּאַסט אין גרויסע ווייסעכלען און אַרומגענומען מיט שוואַרצע וויעס ווי מיט שטאַכעטלעך, און צוויי שוואַרצע ברעמען, וואָס האָבן אונטערגעווירעט איר גלאַטן שטערן מיט צוויי דינע שטריכעלעך און געוויזן, אַז אַט דאָרטן הינטער דעם גלאַטן שטערן איז דאָ חכמה און וועלטלעכקייט. איר גאַנצער פּנים איז געווען עכט יידיש, כאָטש זי האָט זייער פיל אָפּגעלאַכט פון דער יידישער פירעכץ און יידישן שטייגער, וואָס זי האָט געזען ביי אונז אין שטוב.

זי איז געווען אַ פולע, אַ רונדע, מיט ווייסע הענטעלעך. זי האָט געטראָגן זייער קורצע קליידער. און אירע שיינע פיס האָבן כמעט ביז צו די קני זיך אַרויסגעזען, וואָס דאָס איז אויך געווען זייער אַ נייע זאַך ביי אונז אין רישקאַן. דאָ ביי אונז האָבן פרויען געטראָגן לאַנגע קליידער. אַז בראַניע האָט זיך אַנידערגעזעצט, האָט זי געהאַט אַלעמאָל צרות מיט אירע קני. זי האָט געדאַרפט האַלטן אין איין ציען דאָס קלייד, כדי עס זאָל צודעקן אירע קני. מיין מאַמע האָט געוואָרפן אומצופרידענע בליקן אויף בראַניעס אויפגעדעקטע פיס. מיין מאַמע איז נאָך דעמאָלט געווען זייער אַ יונגע און אויך אַ שיינע. זי איז געווען אַ ווייסע, מיט שיינע ברוינע אויגן, אָבער דער פּאַרוק, וואָס זי האָט געמוזט טראָגן צוליב פרומקייט, האָט זי געמאַכט אויסזען עלטער, און די לאַנגע קליידער האָבן צוגעדעקט אירע שיינע פיס, און די האַרעוואַניע אין שטוב האָט פאַר־עלטערט און צעקנייטשט אירע שיינע הענט. און איך האָב פונדעסטוועגן ניט באַמערקט, אַז די מאַמע זאָל קוקן קרום אויף בראַניען, דערפאַר וואָס יענע האָט אַזוינע ווייסע הענטלעך און אַזוינע לאַנגע שוואַרצע האָר, נאָר מיין מאַמע האָט גלאַט ניט געקאָנט ליידן, וואָס בראַניע וואַרפט אַזוי מיט אירע אויפגעדעקטע פיס, וואָס ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז בראַניע גאָרניט שולדיק אין דעם, נאָר עס איז גאָר שולדיק דאָס קורצע קלייד, וואָס זי טראָגט.

אָ, נייך, מיין מאַמע האָט זייער מקרב געווען בראַניען און זיך צו איר באַצויגן ווי אַ מאַמע. איידער בראַניע האָט אָנגעהויבן געבן אוראָקן, האָט זי געוואָלט העלפן מיין מאַמען אין שטוב. עס איז געווען אַ שווערע

שטוב, און די מאַמע האָט געהאַרעוועט זייער שווער — אָבער זי האָט ניט געלאָזט בראָניען גאָרניט טאָן.

דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פֿיינסטע באַלעבאַטים פֿון רישקאַן, וואו עס זיינען נאָר געווען קלענערע קינדער, כּדי פֿאַר בראָניעס וועגן צוזאַמענשטעלן עטלעכע „אוראָקן".

גאַנץ רישקאַן האָט זיך געוויגט פֿון אָט־דער נייקייט. וואָס הייסט עפּעס אוראָקן אין רוסיש? ווער האָט עס געהערט ביז איצט, אַז מען זאָל לערנען יידישע קינדער רוסיש? און דערצו נאָך זאָל אַראָפּקומען אַ מיידל און ווערן אַ לערערן? דאָ אין רישקאַן האָט מען געוואוסט פֿון מלמדים, באַהעלפֿערס, אָבער ניט פֿון אַ מיידל אַ לערערן... און ווער האָט זי אַראָפּ־געבראַכט? ניט קיין אַנדערער ווי חיים פּאַטשטאַר! און מיין טאַטן האָט מען דאָך זייער ליב געהאַט אין רישקאַן, און מען האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד, וואָס קאָן לערנען, אַ ייד אַ חסיד, און דאָ גאָר גייט ער אַליין אַרום און שטעלט צונויף אוראָקן פֿאַר זיינס אַ שוועסטער־קינד. און ווי קאָן עס גאָר געמאָלן זיין?

ביי אונז אין רישקאַן איז געווען איינער אַ ייד מיטן נאָמען ברוך „שראַבער", אַ הויכער מיט אַ צעקעמטער באָרד איןביידע זייטן און מיט צוויי שפּיציקע פֿאַרשניטענע פּאות, ווי צוויי שפּרייזן. ער איז עס געווען אַ שטיקל קאַזיאָנער ראַבינער אין שטאָט, און ביי אים איז געלעגן דער שטאָט־פּינקס און ביי אים האָט מען פֿאַרשריבן, ווען מען איז געבוירן געוואָרן, ווען מען האָט חתונה געהאַט און ווען געשטאָרבן. און ביי אים האָט מען אויך, ווען מען האָט געוואָלט, זיך געלערנט „שראַבן" אַ שורה־גרוס אָדער אַן אַדרעס־אָנשרייבן. אַז ברוך „שראַבער" האָט דערהערט, אַז מיין טאַטע האָט געבראַכט אַ שוועסטער־קינד פֿון קאַמעניץ און גייט אַרום זוכן פֿון אירעטוועגן אוראָקן, איז ער געוואָרן פֿול מיט צאָרן און האָט אָנגעהויבן שיטן פּעך מיט שוועבל אויף מיין טאַטן. איין מאָל, ווען איך בין דורכגעגאַנגען ברוך שראַבערס שטוב, האָט ער מיך אַריינגערופֿן:

— זיך — האָט ער צו מיר געזאָגט.

איך האָב זיך מורא געהאַט צו זעצן. געשטאַנען גרייט ביי דער טיר.

— האָב ניט מורא, כ׳וויל נאָר ביי דיר פֿרעגן, צי עס איז אמת, אַז די מויד איז אייער שוועסטערקינד?

— אמת.

— אַ גימנאַזיסטקע? — פֿרעגט ער מיט חוזק.

— יאָ.

— אַ גימנאַזיסטקע, הע? פונוואַנען ווייסטו, דו ביזט דען געשטאַנען דערביי?... און זי וויל טאַקע געבן אוראַקן?

— יאָ.

— און דיין טאַטע איז דאָך אַ פרומער ייד!... איז, ערשטנס, ווי מעג מען מסיג־גבול זיין? צווייטנס, ווי קאָן דיין טאַטע דערלאָזן, אַז מען זאָל מאַכן פון יידישע קינדער גוים? און, דריטנס, קאָן זי דען עפּעס?...

איך האָב אים אויף אָט די דריי שאלות ניט געקאָנט ענטפערן, און האָב זיך געלאָזט אַרויסגיין. און ברוך „שראַבער״ האָט מיר נאָכגעשריען, אַז איך זאָל זאָגן מיין טאַטן, אַז...

איך בין אַנטלאָפן און ניט געהערט, וואָס ער האָט נאָכגעשריען. איך האָב זיך דערשראָקן פאַר זיינע גזלנישע אויגן. און עס איז שוין געוועזן באַוואוסט אין רישקאָן, אַז דער־אָ ברוך „שראַבער״ איז וואָס אין דער קאָרט... איך האָב אין דער היים גאָר ניט דערציילט וועגן דעם, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז מיין טאַטע האָט פאַר ברוך „שראַבער״ נים קיין מורא.

אין איין וואָך צייט האָט שוין דער טאַטע צונויפגעשטעלט פאַר בראָניען אַ גאַנץ צעטל מיט אוראַקן, און באַלד נאָך שבת איז זי אַרויס אַן אויסגעפּוצטע און אַ שמעקעדיקע אויף אירע אוראַקן. אויף אָנבייסן איז זי געקומען צו אונז עסן. און זי האָטביים טיש דערציילט, ווי די רישקאָנער קינדער פון די ריסטאָקראַטן פון רישקאָן זיינען נעבעך פאַרגרעבטע קעפּ... און זי האָט אָפּגעלאַכט דערפון, ווי אַזוי אונזער שטעטל איז אַזוי פינצטער, אַז מען קאָן אַפילו ניט קיין אַזבוקע...

— אָ־וואָ, אַ גרויסער אומגליק!... — האָט דער טאַטע געזאָגט — און דאָס וואָס זיי קאָנען ניט דאַוונען?...

— דו ביזט אַ פלאַכט!... — האָט בראָניע דעם טאַטן מיינעם נים געאירצט. און זי האָט זיך צעלאַכט.

דערפאַר האָט איר דער טאַטע אַ קניפּ געטאָן אין בעקל. איך האָב געמיינט, אַז ווער־ווייסט וואָס ער וועט איר טאָן דערפאַר, וואָס זי האָט אים גערופן „פלאַכט״. לאָזט זיך אויס, אַז ער גיט איר גאָר אַ קניפּ אין בעקל...

געזעסן איז זי צווישן מיר און דעם טאַטן ביים טיש. און די מאַמע איז געזעסן פונקט אַנטקעגן. האָב איך געזען, אַז די מאַמע קאָן ניט ליידן דאָס, וואָס דער טאַטע קנייפּט זי אין בעקל. אָבער בראָניע האָט צוגענומען דעם קניפּ און ווידער געלאַכט און געגעסן און דערציילט און זיך נאָכ־געקרימט, ווי אַזוי איין רישקאָנער מאַדאַם האָט צו איר געוואָלט רעדן

רוסיש. אָבער די מאַדאַם קאָן דאָך אָבער ניט קיין רוסיש, האָט זי גערעדט כאַכלאַצקע, ווי מען רעדט אויפן מאַרק.

— איך רעד צו איר פּראָסט יידיש, און זי צו מיר גאָר גויאיש... כ'בין דאָך אַ יידיש קינד, און וואָס בין איך שולדיק וואָס איך בין איבער־געקומען צו זיין אַ לערערן אין רישקאָן... און וואָס פאַר אַ פּערעפּעטקעס זיי זיינען, אָט די מאַדאַמען!... מען דינגט זיך מיט מיר ווי מען דינגט זיך פאַר אַ הון אין מאַרק... און דאָס זיינען אייערע גבירים.... גבירים זיינען זיי? פּראָסטיטיע, זיי זיינען חזירים!...

און בראָניע לאַכט און לאַכט, און עס איז אַזוי פריילעך ביים טיש. און מיר ווילט זיך, אַז דער אָנבייסן זאָל זיך אַזוי גיך ניט ענדיקן. זי האָט עפּעס געבראַכט מיט זיך גאָלע פרייד. און עס איז שוין מערער נישטאָ קיין וואָך מיט די טאָג־טעגלעכע זאָרגן. איך פאַרגעס, אַז עס איז דאָ אַ מסחר מיט "פאַסאָליעס, וואָס איך האָב שוין באַוויזן אַזוי פיינט־צו־האָבן. עס איז מיר שוין אַזוי נמאס צו האַנדלען, און איך וואָלט אַזוי געזעסן און געהערט בראָניעס שטים, ווי זי רעדט אַזוי שיין אויס איר בראָדעריש לשון. און ווי גוט עס איז צו שמעקן די גוטע ריחות פון אירע קליידער און פילן דעם טעם פון איר געלעכטער.

צווייטער קאַפּיטל

בראָניע האָט מיט מיר אָנגעהויבן צו לערנען רוסיש. יעדן אָוונט נאָך וועטשערע האָט זי זיך מיט מיר פאַרמאַכט אין דעם „זאַל" און מיט מיר געלערנט. זי האָט גערעדט רוסיש ווי אַן עכטע רוסין, און איך האָב קוים געקאָנט אַ ביסל „גויאיש". דאָ ביים לערנען איז בראָניע געווען זייער שטרענג מיט מיר. איך האָב ניט געקאָנט אַרויסרעדן דעם „יאַט", און בשעת איך האָב געלייענט האָט איך אונטערגעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון. און דאָס האָט בראָניען אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. זי האָט מיך גערופן מיט די ערגסטע נעמען, און איך האָב זיך זייער געשעמט און געליטן אין דער שטיל...

יענעם ווינטער איז מיין קאַריערע אַלס סוחר רואינירט געוואָרן. מיין מסחר מיט פּאַסטאַליעס איז דורכגעפאַלן. און איך האָב זיך אַזוי ווי אַ פאַרצווייפלטער געוואָלט ראַטעווען מיט דעם, וואָס איך האָב געלערנט רוסיש. אין די פּאָר חדשים ביז פּסח האָב איך פונדעסטוועגן געמאַכט גוטן פאָרשריט. איך האָב שוין געקאָנט לייענען אין דער כרעסטאָמאַטיע די לידער פון פושקין און לערמאָנטאָוו. און בראָניע האָט מיר דערציילט, וואָס פאַר אַ גרויסע דיכטער זיי זיינען. איך געדיינק ניט, צי זי האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס עס איז אַזוינס אַ דיכטער. נאָר איך געדיינק, אַז מיר איז שטאַרק געפעלן דער געדאַנק צו ווערן אויך אַ פּאָעט... איך האָב עס בראָניען ניט דערציילט, ווייל איך האָב זיך פאַר איר געשעמט. אָבער איך האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק, אַז עס מוז זיין זייער שיין צו זיין אַ פּאָעט.

אינדרויסן איז איצט פאַרגעקומען דאָס, וואָס עס איז אַלע פאַר־פּסח פאָרגעקומען. דער שניי האָט געלאָזט און ריטשקעס זיינען געגאַנגען פון די בערג. ביינאַכט פלעג איך ליגן און זיך איינהערן, ווי די ריטשקעס גייען. ווען איך זאָל קאָנען אָט דאָס געזאַנג פון די גייענדיקע ריטשקעס איבערגעבן אין ווערטער!

איך בין געלעגן גאַנצע נעכט און געקוקט אינדרויסן דורכן פענצטער. עס איז געווען אַזאַ הימל אַ בלויער, און די לבנה האָט געשיינט איינע אַליין. און איך האָב איר נאָכגעקוקט און געזוכט ווערטער ווי אַזוי אויסצודריקן אָט דעם צויבער.

אויף פּסח איז בראָניע געפֿאָרן אַהיים קיין קאַמעניץ. און ווען זי איז נאָך פּסח צוריקגעקומען האָט זי שוין מער ניט געוואוינט ביי אונז. זי האָט זיך אַריינגעצויגן צו אונזערן אַ שכן. אָבער עסן וועטשערע איז זי געקומען צו אונז יעדן אָוונט.

פֿאַרשטענדלעך, אַז זי האָט מיט מיר ווידער געלערנט רוסיש. איך האָב שוין געקאָנט אַ סך לידער אויף אויסנווייניק, און בראָניע האָט געזאָלט מיט מיר אָנהויבן לערנען גראַמאַטיקע.

נאָר דאָ איז געשען, ווען מיין טאַטע האָט פֿאַרקויפֿט די פּאַטשט און געעפֿנט אַ הורטאָוונע קראָם, ווי דער הוסיאַטינער רבי האָט געהייסן, און איך האָב געדאַרפֿט אַרבעטן אין דער קראָם, און שוין מער ניט געקאָנט זיך אָפּגעבן מיט רוסיש־לערנען.

בראָניע איז אַפֿילו געוואָרן שטאַרק ברוגז, אָבער מען האָט גאָרניט געקאָנט טאָן. איך האָב געמוזט העלפֿן אין דער קראָם. אַזוי איז אַריבער דער זומער, און עס איז ווידער אָנגעקומען דער ווינטער. איך און מיין ברודער משה זיינען געווען זייער פֿאַרהאָרעוועט. מיר האָבן געדאַרפֿט אויפֿשטיין פֿאַרטאָג עפֿענען די קראָם, און ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר געהאָרעוועט שווער, געדוויגעט פֿעסער און קאַסטנס.

איז מיר שוין, פֿאַרשטייט זיך, ניט געלעגן אין זינען צו טראַכטן וועגן פֿאָעטן. די קראָם איז אָבער ניט געגאַנגען אַזוי גוט, ווי מיין טאַטע האָט געהאָפֿט, אַז זי וועט, מיטן רבינס כּוח, אָוועקגיין...

ביי אונז אין רישקאַן זיינען פֿון פֿריער געווען אַ צוויי־דריי הורטאָוונע קראָמען, און עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ גרויסע קאָנקורענץ, און דער רעזול־טאַט איז געווען, אַז נאָך יענעם ווינטער, נאָך אַ קאַרגן יאָר פֿון אונזער הורטאָוונער קראָם, האָט דער טאַטע געמוזט פֿאַרן זוכן אַ שטעלע... ווען דער טאַטע איז אָוועקגעפֿאָרן, איז די קראָם איבערגעבליבן אויף מיר און מיין ברודער משה — איך פּופּצן און ער פֿערצן.

מיין ברודער משה איז געווען העכער און שטאַרקער פֿון מיר. נאָר מיר האָבן ביידע גלייך געהאָרעוועט אין קראָם אַ גאַנצן ווינטער, ביז דער טאַטע איז געקומען אויף פּסח אַהיים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט געפֿונען אַ שטעלע ערשט אויפֿן זומער, און נאָך פּסח איז ער אָוועק־געפֿאָרן צו זיין קאַסירער אין אַ גוראַלניע ניט ווייט פֿון וויניצע. דער טאַטע האָט מיך אָוועקגענומען אָן אַ זייט און צו מיר געזאָגט בסוד־סודות, אַז איך זאָל זיך לערנען אויף בוכהאַלטער; אַז דער זיידע בערקע פֿון קאַמענעץ וועט מיר שיקן געלט, כּדי איך זאָל זיך אויסלערנען בוכהאַל־

טעריע. און אַז איך וועל זיך אויסלערנען בוכהאַלטעריע, וועט ער פאַר מיר קריגן אַ שטעלע ביי אונזער פעטער משה ליוואָוויטש אין וויניצע.

וואו מען קאָן זיך לערנען בוכהאַלטעריע און ווי אַזוי, דאָס האָט מיר מיין פאָטער ניט געקאָנט זאָגן. ער האָט מיר נאָר צוגעזאָגט, אַז אינגיכן וועט ער מיר שרייבן וועגן דעם.

דערווייל איז נאָך די קראָם געבליבן אַ קראָם, כאָטש מען האָט געקאָנט זען, אַז עס גייט שלעכט, אַז די פּאָליצעס ווערן וואָס אַמאָל ליידיקער, און אַז דער קאַפּיטאַל, וואָס דער טאַטע האָט אַריינגעבראַכט אין דער קראָם, איז שוין נישטאָ...

צו אונז אין רישקאָן איז אַראָפּגעקומען אַ בחור מיטן נאָמען גאַנטמאַן, אַן אַכט־קלאַסיקער גימנאַזיסט, מיט אַ גרויסער טשופּרינע געקרייזלטע האָר און מיט אַ געגאָלט פּנים און אָפּגעגאָלטע וואָנצעס, אַ בלייכער, מיט פייערדיקע, ברוינע אויגן. ער איז אַרומגעגאַנגען אין שטאָט אָן אַ היטל און מיט אַ שטעקן אין די הענט. און די שטאָט האָט אויף אים געקוקט קרום... ער האָט זיך באַזעצט אין אַ בוידים־שטיבל, ביי דער מאַסיעכע, און אָנגעהויבן זוכן אוראָקן אויף רוסיש. עס איז אים ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען צו געפינען אוראָקן, ווייל אונזער שוועסטער־קינד, בראָניע שעכטמאַן, האָט שוין געהאַט פאַרנומען כמעט אַלע קינדער ביי די גבירים פון שטעטל.

אָבער גאַנטמאַן איז ביי זיך ניט אַראָפּגעפאַלן און האָט געזוכט, ניט צו מאַכן קאַליע בראָניען, נאָר צו געפינען נייע אוראָקן. ער האָט זיך באַלד באַקאָנט מיט אונזער שוועסטער־קינד בראָניע, און זי האָט אים געבראַכט צופירן צו אונז אין שטוב אַריין. און בראָניע האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר מיר און צו אים געזאָגט, אַז איך בין אירער אַ געוועזענער שילער.

גאַנטמאַן האָט מיר געגעבן די האַנט און מיט מיר גערעדט אַ גע־שמאַקן אוקראַינער יידיש. ער האָט באַלד דערציילט, ביי אַ גלאָז טיי, זיין גאַנצע ביאָגראַפיע: ער איז אַ יאַמפּאָלער, און זיין טאַטע איז זייער אַ פרומער חסיד, און ווי אַזוי ער, גאַנטמאַן, איז אַנטלאָפן קיין אָדעס און זיך אַליין געלערנט און אָפּגעגעבן עקזאַמען, און איצט איז ער שוין פאַרטיק מיט דער גימנאַזיע און וויל אַריין אין אוניווערסיטעט, און ער האָט ניט קיין געלט. איז ער געקומען דאָ אין בעסאַראַביע כדי צונויפצולייגן עטלעכע קערבלעך, ער זאָל ווייטער קאָנען לערנען.

— און איר? — גיט זיך גאַנטמאַן פלוצים אַ ווענד צו מיר. שוין דאָס אַליין, וואָס מען האָט מיך געאירצט, איז מיר אויסגעקומען מאָדנע. איך האָב זיך פאַרשעמט און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב געלאָזט בראָניען ענטפערן פאַר מיר.

— ער איז שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער! — האָט בראַניע געזאָגט.

איך בין איר דעמאָלט געוואָרן אַ שונא פֿאַר אָט־דעם זאָג:—וואָס הייסט איך בין שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער? פֿון וואַנען ווייסט זי עס? אָבער איך האָב גאָרניט געזאָגט.

גאַנטמאַן האָט געטאָן אַ קוק אויף מיר מיט זיינע דורכדרינגנדיקע אויגן, און ער האָט געטאָן אַ שמייכל, און עס האָט זיך באַוויזן אויף זיינע אויגן אַזאַ מין פֿייכטקייט, ווי עס וואָלט איבער זיי זיך איבערגעצויגן אַ הייטל פֿון טרערן.

— אפשר וואָלט איר מיר אָנגעטאָן דעם פֿאַרגעניגן מיט איך צו לערנען?

— איך האָב ניט קיין צייט. איך אַרבעט אין דער קראָם... — האָב איך געזאָגט.

— מיר וועלן שוין געפֿינען צייט.

גאַנטמאַן האָט מיך באַטראַכט, און ווען איך בין צוגעגאַנגען אין דער צווייטער אָפּטיילונג, וואו עס איז געווען אונזער קראָם, כּדי צו באַדינען אַ קונה, האָב איך געהערט, אַז ער האָט עפּעס גערעדט מיט בראַניען שטילערהייט. וואָס ער האָט איר געזאָגט, האָב איך ניט געקאָנט הערן, אָבער איך האָב געזען אויף זיין פּנים, אַז ער האָט געמוזט זאָגן עפּעס זייער גוטס וועגן מיר.

הכּלל, גאַנטמאַן איז געוואָרן מיין לערער. ער איז געקומען צו אונז יעדן אָוונט און מיך אָפּגעריסן פֿון דער קראָם, און ער האָט מיט מיר אָנגעהויבן דאָס לערנען רוסיש ניט ווי אַ לערער, נאָר ווי אַ חבֿר. ער האָט מיר אויך געבראַכט אַ בוך צום לייענען, און דווקא אַ העברעאישן בוך. דאָס איז געווען דער „אהבֿת ציון״, פֿון אבֿרהם מאַפּו. און אַזוי גיך ווי איך האָב אָנגעהויבן צו לייענען אָט דעם ערשטן בוך, האָב איך באַלד גענומען דער מאַמעס שערעלע און בגנבֿה זיך אָביסעלע אונטערגעשוירן מיינע פּאות... איך האָב עס געדאַרפֿט טאָן אַזוי, אַז מען זאָל ניט דער־קאָנען, אַז איך שער די פּאות. איך האָב נאָך געדאַוונט שבת אין קלויז ביי די שטיפֿאַנעטשער חסידים. און גאָט איז מיין עדות, ווי שלעכט איך וואָלט אָפּגעשניטן, ווען די דאָזיקע חסידים דערקענען, אַז איך קירץ די פּאות...

גאַנטמאַן איז אַזוי מיט מיר געוואָרן נאָענט, און איך האָב זיך פֿאַר אים ניט געשעמט און אים דערציילט וועגן דעם, וואָס מיין טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך לערנען בוכהאַלטעריע, און אַז איך קאָן האָבן אַ שטעלע.

גאַנטמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן איינער אַ ייד מיטן נאָמען יעקב מאַרק, אין דער שטאָט ליבאַווע, וועלכער לערנט אויס בוכ־האַלטעריע דורך קורסן, וואָס ער שיקט מיט דער פּאָטשט. ער האָט טאַקע פון מיינעטוועגן אָוועקגעשיקט אַ בריוו צו אָט דעם הער יעקב מאַרק, און אין אַ וואָך אַרום האָב איך דערהאַלטן אַ פּאַקעט מיט אַ בריוו און אַ פּראָספּעקט.

שוין דאָס אַליין האָט געהאַט די ווערט פאַר מיר אַ גאַנצן אוצר. איך, אַ יינגל, זאָל שוין באַקומען אויף מיין אייגענעם נאָמען אַזאַ פּאַקעט. און די מאַמע האָט זיך שוין געגומען גרויסן מיט מיר, און באַלד האָבן שוין אַלע שכנים געוואָוסט, אַז איך הויב אָן זיך לערנען אויף בוכהאַלטער.

איך האָב באַלד געלאָזט וויסן מיין טאַטן, אַז איך דאַרף האָבן פופציק רובל כדי זיך צו לערנען בוכהאַלטעריע. און דער טאַטע האָט געשריבן דעם זיידן קיין קאַמענעץ, און עס האָט ניט גענומען לאַנג און דער זיידע פון קאַמענעץ האָט מיר צוגעשיקט אַ פופציקער מיט אַ בריוו צו מיר אַליין, אַז עס געפעלט אים זייער דער פּלאַן און אַז איך זאָל זיך לערנען גוט און גאָט וועט מיך מצליח זיין. אַ, פריידן! עס איז דען געווען אימיצער גלייך צו מיר? איך בין פלוצים געוואָרן אַ גאַנצער מענטש. איך שרייב בריוו קיין ליבאַווע, קיין קאַמענעץ — און דער גאַנצער וועלט!...

און איך גיי אַלע טאָג צו דער פּאָטשט אינאיינעם מיט אַלע גרויסע לייט און וואַרט ביז דער פּאָטשטאַליאָן קומט אַרויס און רופט אויס אַלערליי נעמען. און אָט אין אַ שיינעם טאָג גיט ער אַ רוף־אויס מיין נאָמען און גיט מיר אַ דערלאַנג אַ פּאַקעט פון ליבאַווע. איך עפן דעם פּאַקעט, און דאָרטן זיינען דאָ בויגנס בוכהאַלטערישע פּאַפּירן מיט רויטע און בלויע ווירעלעך אין דער לענג און מיט קעסטעלעך אין דער ברייט. און מענטשן פון רישקאַן שטעלן זיך אַרום מיר אויס און מען פרעגט מיך וואָס עס איז.

— בוכהאַלטעריע!

דריטער קאַפּיטל

עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו לערנען בוכהאַלטעריע אויף צוויי שפּראַכן: אויף דייטש און רוסיש. איז אויב איך האָב זיך ערשט אָנגעהויבן לערנען די רוסישע שפּראַך, האָב איך דערפאַר די דייטשישע שפּראַך גאָר ניט געקאָנט. דער בוכהאַלטעריע לערער איז געווען ווייט, ווייט פון מיר אַזש אין דער שטאָט ליבאַווע און איז, אַפּנים, ניט געווען קיין שלעכטער: דו ווילסט בוכהאַלטעריע אי אויף דייטש און אי אויף רוסיש, פאַר וואָס ניט, נאָ זי דיר!...

און ער האָט מיר געשיקט די ערשטע לעקציע פון אַ סעריע פון צען, אין דער פאָרעם פון פיר בויגנס פּאַפּיר מיט ווירעס רויטע און בלויע אין דער לענג און אין דער ברייט פון די בויגנס. און אויך אַ בויגן פּאַפּיר מיט די ערשטע געזעצן, וואָס אַ בוכהאַלטער דאַרף וויסן. די געזעצן זיינען געוויינלעך געווען אָנגעשריבן אין דייטש און אין רוסיש. און אין די דאָזיקע געזעצן איז מיר אָנגעוויזן געוואָרן וואָס איך דאַרף טאָן צום־אַלעם־ערשטן: דעביט און קרעדיט.

איז אַזוי ווי איך האָב קיין דייטש ניט געקאָנט און אַריפמעטיקע אויך ניט, האָט זיך גאָנטמאַן, מיין רוסישער לערער, באַלד אונטערגענומען מיט מיר אויך לערנען אָט די ביידע זאַכן. איך האָב די בוכהאַלטעריע דערווייל געמוזט אָוועקלייגן אין אַ זייט ביז איך וועל כאָטש עפּעס קאָנען דייטש און אַריפמעטיקע.

דערווייל איז יענעם זומער געשען, אַז מיין זיידע מאָנעס מיט דער באָבע שבע און זייער זון עקיבא פלייִשמאַן זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַמע־ריקע (עקיבא איז ביי זיי געווען דער איינציקער זון). מיין פעטער עקיבא האָט געשריבן העברעאישע אַרטיקלען אין „הצפירה”, און אַזוי ווי עס איז דאַן געווען די מלחמה צווישן אַמעריקע און שפּאַניע, האָט די „הצפירה” געשיקט מיין פעטער עקיבא אַלס קאָרעספּאָנדענט קיין אַמעריקע. מיין זיידע מאָנעס האָט געדאַרפט עפּעס צוליב אַ קלייניקייט זיצן צוויי וואָכן „וויעזשע־דאָם”.*

מיין זיידע מאָנעס איז געווען אַן אייניקל פון ר׳ נחום תהילים־זאָגער פון דינעווע, און די באָבע שבע איז געווען אַ טאָכטער פון ר׳ יאָסי יאָר־

* פּאָליציייִשער אַרעסט.

מעלינעצער —— מיט איין וואָרט גרויסע מיוחסים. און עס איז מיין זיידן ניט אָנגעשטאַנען צו גיין „זיצן" „וויעזשע־דאָם". און דער זיידע האָט אויפגעגעבן זיין סקלאַד פון געהילץ אין דער שטאָט בריטשאַן און אויך געוואָלט פאָרן מיט זיין זון עקיבא קיין אַמעריקע. און דער זיידע מיט דער באָבען זיינען זיך געקומען געזעגענען מיט אונז, און עס איז פאַר־גאָסן געוואָרן ניט איין טרער. און מיין מאַמע האָט געטענהט, צו וואָס האָט איר געטויגט, אַז איר איינציקער ברודער זאָל זיין אַ „שראַבער" אין גאַזעטן? ווען ניט דאָס, וואָלט ער דאָך ניט געדאַרפט איצט פאָרן קיין אַמעריקע... און פאַרוואָס איז עקיבא זיך ניט געקומען געזעגענען? און אַז ער איז שוין טאַקע אַזאַ גרויסער מאַן, ווע‏מענס נאָמען עס קלינגט אויף דער גאַנצער וועלט, דאַרף מען שוין פאַרגעסן אין אַן אייגענער שוועסטער?

דער זיידע מאָנעס האָט עקיבאַן פאַרענטפערט, אַז ער האָט נעבעך אַזש געמוזט אַוועקלויפן קיין וואַרשע צום באַלעבאָס פון „הצפירה" און די צייט איז קורץ. אַמעריקע מיט שפּאַניע ווילן ניט וואַרטן און מען שלאָגט זיך שוין...

און ערשט איצט האָט די מאַמע זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט — סטייטש, ווי נעמען מענטשן און פאָרן גלייך אין פייער אַריין?...

האָט דער זיידע מאָנעס אויף דעם געענטפערט, אַז ער איז שוין געווען אין אַ גרעסערער מלחמה, צווישן רוסלאַנד און טערקיי, און גאָט האָט אים געהאָלפן, וועט ער אים אויך העלפן אין דער דאָזיקער מלחמה... אויך מיר אַ מלחמה... שפּאַניע מיט אַמעריקע — בע!...

דער זיידע מאָנעס איז געווען אַ שיינער ייד מיט קליינע געקרייזלטע פאות און אַ קליינער, צעקעמטער באָרד אין וועלכער עס האָבן זיך שוין דורכגעוואָרפן גראָע האָר; ער איז געווען אַביסל נידעריקער פון דער באָבע שבע און מיט אַ בייכל און מיט אַ סאַמעטענעם זשילעט און מיט אַ גאָלדענער קייט. ער האָט ניט געטראָגן קיין יאַרמעלקע אונטער זיין קאַשקעט, כאָטש די באָבע שבע האָט יאָ געטראָגן אַ טשופּיק אונטער איר זיידן טיכל. די באָבע האָט אים גערופן מאָנעלע, און ער זי — שבעלע. און דער זיידע מאָנעס האָט מיט זיך געבראַכט אַ גאַנצן פּאַק מיט „הצפירה" גאַזעטן. און אַזוי ווי ער האָט מיך געוואָלט פאַרהערן צי איך קאָן עפּעס, האָט ער מיך ניט פאַרהערט אין קיין גמרא, נאָר אויפגעעפנט אַ בלאַט־צייטונג און אויפגעמישט דעם פעטער עקיבאס אַ מאמר און מיר געהייסן לייענען. איך האָב זיך פריער זייער שטאַרק פאַרקוקט אויף מיין פעטערס נאָמען... און ערשט דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן לייענען דעם מאמר.

איך בין ניט געווען געוואוינט צו לייענען אַ צייטונג. אָבער איך האָב אויס־געהאַלטן עקזאַמען און דער זיידע האָט מיר דערפאַר געשאַנקען אַלע הצפירהס. און עס איז צו מיר קיינער ניט גלייך געווען. און דאַן האָב איך דערציילט דעם זיידן, אַז איך לערן זיך בוכהאַלטעריע אויף רוסיש און אויף דייטש.

דער זיידע מאַנעס איז געבוירן געוואָרן און האָט געוואוינט אַ סך יאָרן אין דער שטאָט דינעווע, וואו עס זיינען געווען דייטשן, געוואַנט־פאַבריקאַנטן. אַז ער האָט דערהערט, אַז איך לערן זיך בוכהאַלטעריע אויך אויף דייטש, האָט עס אים זייער הנאה געטאָן.

— קינד מיינס — האָט דער זיידע געזאָגט — דו דערציילסט מיר וואָס עס איז דייטש! אַז איך בין מיט זיי געוואַקסן אינאיינעם און בין ביי זיי געווען אַ בן־בית און פאַרקערט, זיי ביי אונז. און איך קאָן דייטש, ווי מיינע צען פינגער... אַ־נו, גיב מיר נאָר אַ זאָג עפּעס אַ וואָרט, וועסטו זען צי איך ווייס עס ניט.

נאָר איך וועל דאָ ניט פאַרהערן מיין זיידן. איך גלויב אים אויפן וואָרט. איך ווייז אים נאָר די פּאַפּירן, וואָס איך האָב באַקומען פון ליבאַווע און דער זיידע טוט־אָן זיינע שפּאַקולן און קוקט און קוקט און גיט זיי אַ שאַר אַוועק: — בלאָטע, שבעבלאָטע, אַז ער וואוינט אין ליבאַווע קאָן ער מסתּם דייטש פּונקט ווי מיר קאָנען אין דינעוועץ...

דער זיידע מיט דער באָבען זיינען אַוועקגעפאָרן און ביי מיר זיינען געבליבן די „הצפירה" בלעטער. און כאָטש זיי זיינען שוין געווען אַלטע בלעטער, האָט עס ניט אויסגעמאַכט. עס איז אַרויס אַ קלאַנג אין רישקאַן, אַז ביי מיר איז דאָ בלעטער און מען האָט אָנגעהויבן ביי מיר לייען און באָרגן אָט די בלעטער און מען האָט זיי געלייענט ביז זיי זיינען אַזש צעפאַלן געוואָרן און איך האָב זיי געמוזט צונויפקלעפּן. און זיי זיינען אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. און מיין פעטער עקיבא פליישמאַן האָט אָנגעהויבן צו שמ'ען איבער גאַנץ רישקאַן און צוליב אים אויך איך.

— אַי, אַי, האָסטו אַ פעטערל!... האָט ער אַ פּען אין דער האַנט!... און וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיר אַליין? ווען, ווען זעט מען שוין דיין נאָמען אין בלאַט צייטונג?

איך האָב טאַקע אַליין אויך געטראַכט וועגן דעם, אַז עס וואָלט ניט געווען שלעכט ווען אין אַ שיינעם טאָג, זאָל פּלוצים מיין נאָמען אויך זיין אין בלאַט־צייטונג. און איך האָב באַלד אַליין אַוועקגעשיקט געלט קיין וואַרשע, אַז מען זאָל מיר שיקן דאָס בלאַט אַלע טאָג. און ווען עס איז מיר אָנגעקומען די „הצפירה" צום ערשטן מאָל איז עס געווען אַזאַ גרויס

וואונדער און מען האָט מיך פּשוט אַרומגעסטאַמפּעוועט אַרום און אַרום אין אַ ראָד, גלייך ביי דער פּאַטשט און איך האָב געלייענט אויף אַ קול דאָס בלאַט און מענטשן האָבן געשמאַטשקעט מיט די ליפּן: אײַ, אײַ!... אַזש פון וואַרשע, און זע נאָר, קיין עין הרע ניט, ווי ער לייענט!...

נאָך יענעם אָונט האָט מיך געשיקט רופן אונזער שכן אַהרן מיילעכ־זאָן צו זיך אין שטוב אַריין. געשיקט האָט ער דאָס קלענערע מיידל, מינדל, און געהייסן האָט ער ברענגען דאָס בלאַט־צייטונג. מיר איז געווען אַ ביסעל פּריקרע די גאַנצע זאַך. איך זאָל אַריינגיין אין דער שטוב וואו עס וואוינט יענטע, אַט די דאַזיקע, וואָס האָט מיך אַזוי באַליידיקט און מיר פאַרשאַפט אַזוי פיל יסורים... אָבער פון דער אַנדערער זייט איז עס געווען פאַר מיר אַ שטיקל נצחון. יענטעס פאָטער שיקט מיך רופן... ווייזט אויס, אַז ער ווייסט פון גאָר ניט...

איך האָב גענומען דאָס בלאַט צייטונג און אַריינגעגאַנגען באַלד נאָך וועטשערע. און אַהרן מיילעכזאָן איז געווען אַ ייד אַ ריז, אַ פּאַסעסאָר און אַ ייד אַ רייכער און איך בין אַריין צו אים אין הויז, איינע פון די שענסטע ביי אונז אין שטעטל, און גראַד געטראָפן יענטען זיצן ביים טיש און עס איז ביי מיר שיר ניט אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ. און יענטע אַליין איז אויך געוואָרן בלאַס און זי האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און איך האָב געזען, אַז זי איז אַזש פאַרשטאַרצט געוואָרן.

— זיץ! — האָט זיך אַהרן מיילעכזאָן פאַר מיר אויפגעשטעלט און מיר אָנגעוויזן אויף אַ בענקל ביים טיש. איך זעץ זיך. מיינע הענט שוויצן ביי מיר און די טינט פון דער צייטונג בליאַקעוועט זיך אָפּ אויף מיינע פינגער.

— נו, אַזיקל, לייען פאַר מיר, וואָס עס טוט זיך עפּעס אויף דער וועלט — זאָגט אַהרן מיילעכזאָן, און ער קלאַפּט מיט זיינע ריזיקע פינגער אין טיש.

אַט איז פאַר מיר אַ פּראָבע. עס זיצט דאָ יענטע. זי איז אַזוי שיין. די האָר אירע זיינען ביי איר פאַרקעמט מיט אַ פּאָמפּאַדור און די אויגן אַזוי ווי צוויי מאַנדלען. איר פּנים איז בלאַס, אָבער אַזוי אויסגעטאָקט אַזוי ווי דאָס פּנים ביי אַברהם מאַפּוס העלדין, וואָס הייסט „תמר". אויף אַ רגע גיב איך זיך אַ פאַרוואַנדל אין דעם העלד „אמנון" און איך זיץ ניט דאָ אין רישקאָן ביי אַהרן מיילעכזאָנס טיש נאָר איך זיץ מיט „תמרן" אויף די סקאָלעס פון ציון...

יענטע גיט זיך אַ הויב אויף און גיט אַ שוועב אַוועק פון טיש. דאָס שורשען פון איר קלייד וועקט מיך אויף פון מיינע חלומות און איך דערזע

די ווירקלעכקייט, אַז יענטע וויל ניט הערן ווי אַזוי איך לייען די צייטונג. זי פאַרגינט מיר ניט אַפילו אָט דאָס ביסעלע פאַרגעניגן. זי איז שלעכט! איך וועל ביי זיך ניט אַראָפּפאַלן און וועל איר ווייזן, אַז איך בין ניט אַבי־ווער.

איך נעם לייענען דאָס בלאַט צייטונג הויך און קלאָר. אָבער אַהרן, יענטעס פאָטער, פאַרשטייט ניט קיין העברעאיש און איך מוז פאַר אים פאַרטייטשן אַלע ווערטער.

און דערנאָך מוז איך זיך אַנטשולדיקן פאַר אים, אַז איך מוז גיין אַהיים, ווייל דער לערער גאַנטמאַן דאַרף באַלד קומען מיט מיר לערנען. איך גיי אַהיים. און איך טראַכט, אַז אפשר זאָל איך אויסנוצן די לאַגע און רעדן מיט אַהרן מיילעכזאָגנען וועגן יענטען. און איך קום אַהיים אַן אויפגעלייגטער, מיט גייע האָפענונגען, אַז איך וועל נאָך גיך געווינען יענטען אויף מיין זייט. איך וויל ניט מערער, אַז זי זאָל כאָטש ניט זיין ברוגז מיט מיר. זאָל זי נאָר מיט מיר רעדן...

גאַנטמאַן קומט צוגיין און איך ווייז אים די צייטונג. ער דערפרייט זיך און גיט די צייטונג אַ בלעטער־דורך גיך ווי איינער וואָס ווייסט שוין פון פריער וואָס עס שטייט געדרוקט אין בלאַט. ער פאַרמאַכט זי און נעמט זיך מיט מיר לערנען. ער פאַרגיט מיר פּראָבלעמען אין אַריפמע־טיקע און איך אַרבעט, ווי אַ בין. און גאַנטמאַן איז אַביסל ברוגז אויף מיר, וואָס איך האָב זיך מיט איין מאָל געכאַפּט צו אַזוי פיל זאַכן. איך באַמערק, אַז דייטש קאָן ער אַליין אויך ניט אַזוי גוט, נאָר ער מוז אָנהאַלטן דעם פּאַסאָן.

מילא, איך האָב שוין געזען, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות מיט לער־נען בוכהאַלטעריע אויף דייטש. אָבער אַזוי גיך ווי איך האָב נאָר געקאָנט עפּעס איבערלייענען האָב איך זיך גענומען צו דער ערשטער לעקציע פון מיין בוכהאַלטעריע.

עס איז זומער ביינאַכט. דער לאָמפּ ברענט אויפן טיש. דורך דעם אָפענעם פענצטער פליען אַריין באַבעטשקעס און שלאָגן זיך אָן אין ברע־נענדיקן לאָמפּ, פאַלן אַריין אין גלעזל און ווערן פאַרברענט. גרילן גרילצן און זשאַבעס קראַקען. און פאַר מיר שטייט איצט אַן אומדערקלער־לעכע רעטעניש, ניט דאָס פאַרוואָס די באַבעטשקעס פליען דוקא צום פייער ווען זיי ווייסן, אַז זיי וועלן פאַרברענט ווערן, נאָר וואָס איז דעביט און וואָס איז קרעדיט?

ווערדליק מיין דערפאַרונג ביי אונז אין קראָם, האָב איך געוואוסט, אַז ווי באַלד איינער קויפט אויף באָרג הייסט עס, אַז מען גיט אים סחורה

אויף קרעדיט. קומט איצט דער הער יעקב מאַרק און ווישט אָפּ מיין גאַנצע דערפאַרונג. ביי אים איז עס גאָר פאַרקערט. ער הייסט מיר נעמען צוויי בויגנס פּאַפּיר און אויף איינעם אָנשרייבן „דעביט" און אויפן צווייטן „קרעדיט". און דערנאָך הייסט ער מיר אַזוי שרייבן: פעלד און פעלד פון לאַנדאָן האָט געקויפט סחורה פאַר טויזנט אַכט הונדערט זיבעציק פיר דאָלער מיט זיבעצן סענט אויף קרעדיט.

מיין איך, אַז איך וועל דאָס מסתּם דאַרפן פאַרשרייבן אויפן בויגן פּאַפּיר אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן „קרעדיט", לאָזט זיך אויס, אַז יעקב מאַרק הייסט עס מיר גאָר פאַרשרייבן אויפן בויגן פּאַפּיר מיטן „דעביט".

ווי קאָן עס געמאָלט זיין? אויב נעמען אויף באָרג איז געבן קרעדיט, דאַרף איך אויך פאַרשרייבן דאָס, וואָס די הערן פעלד און פעלד האָבן געקויפט אויפן בלאַט מיטן וואָרט קרעדיט. און אויב יעקב מאַרק האָט ניט קיין טעות הייסט דאָך עס, אַז מיר דאָ אין רישקאָן האָבן געלעבט דאָס גאַנצע לעבן אין טעות...

איך האָב שוין קוים דערלעבט דעם צווייטן אָוונט ווען גאַנטמאַן איז געקומען און איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר דערקלערן, וואָס איז דעביט און וואָס איז קרעדיט.

גאַנטמאַן האָט איבערגעלייענט און אַזוי געזאָגט: איך ווייס ניט מיט וואָס מען עסט עס. ווען עס קומט אין געלט־זאַכן בין איך אַזוי ווי אַ קינד פון איין יאָר אַלט. נאָר ווי עס שוינט מיר איז דער באַגריף פון קרעדיט און דעביט מסתּם אַזוי ריכטיק ווי יעקב מאַרק דערקלערט אים. און מען מוז עס אַזוי אָננעמען. אַי דאָס וואָס איר וועט טענהן, אַז דאָ אין רישקאָן האָט מען דערפון ניט געוואוסט, וועל איך זאָגן, אַז עס מוזן נאָך זיין ערגעץ ווינקעלעך אויף דער ערד וואו דער באַגריף, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, איז נאָך ניי און אומפאַרשטענדלעך.

איך האָב זיך געמוזט אונטערגעבן און געפאָלגט יעקב מאַרקן, כאָטש עס איז מיר פון אָנהויב געווען פריקרע. אָבער צוביסלעך האָב איך זיך צוגעוואוינט און האָב זיך געפלייסט, אַז איך זאָל האָבן אַזאַ שיינע האַנט־שריפט פונקט ווי דער הער יעקב מאַרק האָט. איך פלעג זיצן ביז שפּעט ביינאַכט, ביז די הענער האָבן געקרייעט, און דאַן איז די מאַמע אַראָפּ און אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. זי האָט געוואוסט, אַז איך דאַרף גאַנץ־פרי אויפשטיין צו דער קראָם און זי האָט זיך געזאָרגט, אַז איך זאָל חלילה ניט קראַנק ווערן פון צופיל לערנען.

און ווען מיין טאַטע איז געקומען אַהיים אויף ראש השנה, האָט ער מיך שוין געטראָפן מיט פינף לעקציעס אויסגעלערנטע אין בוכהאַלטעריע און מיט רויטע פינפן, וואָס דער הער יעקב מאַרק האָט מיר געגעבן פאַר מיין גוטן לערנען.

דער טאַטע האָט געהאַט גרויס הנאה פון מיר און ער האָט דערציילט, אַז עס וואַרט אויף מיר אַ שטעלע ביים פעטער משה ליוואָוויטש אין וויניצע, און אַז אַט דער פעטער איז זייער אַ רייכער ייד, טאַקע אַן אמתער מיליאָנער מיט צוקער זאַוואָדן, וועלדער, גוראַלניעס און מיט אַ גרויסן סקלאַד פון אייזן. איך וועל נאָך פסח אַהין פאָרן קיין וויניצע און ווערן אַ בוכהאַלטער אין דעם אייזן־סקלאַד. מיין טאַטע האָט שוין געשמועסט מיט דער מומע שרה ליוואָוויטש, ווייל זי, די מומע, איז די גאַנצע מאַ־כערטע. דער פעטער מישט זיך ניט אין די מסחרים. ער ווייסט נאָר איין זאַך, ער טרינקט זייער אַ סך טיי...

איך האָב שוין געוואָלט דערלעבן דעם נאָך פסח. און איך בין אַרומ־געגאַנגען ווי אין אַ חלום. און דעם גאַנצן ווינטער געלערנט די בוכהאַל־טעריע און אויך רוסיש און דייטש און געלייענט העברעאישע ביכער און אויך אָנגעהויבן צו לייענען די רוסישע ליטעראַטור מיט גאַגאָלן אַלס אַן אָנהויב.

פֿערטער קאַפּיטל

מיין זיידע בערקע פון קאַמענעץ האָט מיר געבעטן, אַז איך זאָל קומען קיין קאַמענעץ און אויך ברענגען מיט זיך די בוכהאַלטעריע. איך האָב מיין זיידע בערקע נאָך קיינמאָל פריער ניט געזען. עס איז געווען אָסיען־צייט און איך האָב געמאַכט אַ פּעקל פון מיין בוכהאַלטעריע און נאָך קליי־ניקייטן און מיט אַ בעל־עגלה זיך געשלעפּט אַנדערהאַלבן טעג און אָנגעקומען קיין קאַמענעץ אין אַ דאַנערשטיק פאַרנאַכט. דער זיידע איז געווען ביים דאַוונען און נאָר די באָבע, באָבציע, מיט דער דינסט זיינען געווען אין שטוב. אַ גאַנץ נישקשהדיקע באַלעבאַטישע שטוב, מיט געוועקסלטע פּאָדלאָגעס און מיט שווער, פּאָליטורט מעבל און דיוואַנעס און מיט גרויסע פענצטער מיט פאָרהאַנגען. די פענצטער קוקן אַרויס אין אַ גרויסן הויף, וואָס איז אויסגעפּלאַסטערט מיט שטיינער. דער הויף איז פיר־עקיק, אַרום און אַרום נאָך שטיבער, צוויי־גאָרנדיקע שטיבער. ביי אונז אין רישקאָן איז נאָך אַזוינס נישטאָ. אויך דער געפּלאַסטערטער הויף מיט שטיינער איז ביי מיר אַ נייע זאַך.

די באָבע צעקושט זיך מיט מיר און וויינט. זי האָט גרויסע שוואַרצע אויגן, איז נידעריק און פעט און האָט אַ ברייט, טונקל־הויטיק פּנים און אַ שטערן מיט קנייטשן ווי זי וואָלט געקאָנט לערנען. זי גיסט מיט טרערן, ווייל מיין טאַטע איז ביי איר אַן איינאונאיינציקער זון און זי זעט אים אַזוי זעלטן. די באָבע הייסט דערלאַנגען טיי און זעצט זיך מיט מיר אַוועק ביים גרויסן פיר־עקעכיקן טיש און זי הויבט אָן:

— וואָס טוט די מאַמע?

— נישקשה.

— און די קינדערלעך?

— נישקשה.

— און וואָס הערט זיך מיט דער קלייט?

— ניט אַזוי פויגלדיק.

— און מיט דיין בוכהאַלטעריע?

— איך לערן, באָבע, געשמאַק.

— זאָלסט מיר לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר. טרינק, טרינק. אפשר ביזטו הונגעריק?

איך בין געווען זייער הונגעריק, אָבער איך האָב מורא געהאַט צו זאָגן דעם אמת.

— כ'בין נאָך ניט הונגעריק.

— וויפיל האָט ביי דיר געדויערט דאָס פאָרן ?

— אָנדערהאַלבן טעג.

— ביזט כאַטש געפאָרן מיט אַ פאַיעטאָן ?

— ניין. איך בין געפאָרן מיט אַ וואָגן.

— מוזט זיין גוט „צעבראָכן". מיט אַ וואָגן פאָרט ער גאָר ! ...

— ניין, באָבע — האָב איך געזאָגט, כאַטש איך האָב ניט געפילט קיין איין גאַנצן אבר.

— זאָג־זשע מיר, קינד, פאַרוואָס קליידט דיך דיין מאַמע אַזוי חסידע־וואַטע ? ווילסט ווערן אַ בוכהאַלטער און דאַרפסט אַנדערע קליידער, מער היינטוועלטיק...

איך האָב עס ניט דערוואַרט פון מיין באָבע. זי האָט געטראָגן אַ זיידן טיכל מיט אַ טשופּיק. און איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. און נאָך איידער איך האָב עפּעס געזאָגט, האָט די באָבע ווידער מיך געטאָן אַ באַטראַכט מיט אירע גרויסע אויגן.

— דו, קינד, האָסט נאָך אַפילו ניט קיין געפּרעסט קאָלנער מיט מאַנזשעטן. ביי דיין זיידן וועסטו אויסנעמען, אָבער ניט ביי מיר. כ'האָב פיינט אַז אַ יינגל זאָל מיר גיין אָנגעטאָן אָן אַ מאַנישקע און אָן אַ שניפּסל. און ווי קומט עס וואָס דיין מאַמע זאָל דיך אַזוי אָנטאָן ? הערסט, קינד, מאָרגן מירצאַשעם וועל איך דיר געבן געלט און זאָלסט גיין צו זשיראַ־דאָוון אין קלייט און זיך קויפן מאַנישקעס מיט מאַנזשעטן. דער זיידע טאָר דערפון ניט וויסן, הערסט ! שאַ, אָט גייט דער זיידע.

עס האָט זיך געהערט פריער אַ צוויי־דריי הוסטעלעך און דערנאָך האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע אָן אַפּגעבליאַקעוועטע, וואָס מען האָט ניט געקאָנט זאָגן אַז זי איז געל און אויך ניט אַז זי איז ברוין. אויך אַזוי זיין באָרד האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטן קאָליר. זי איז געווען שיטער און ניט אַקוראַטנע פאַרקעמט. אונטער זיין סאַמעטענעם קאַשקעט מיטן אָפּגעריבענעם דאַשעק איז ביי אים געווען אַ יאַרמעלקע און די צוויי פאות זיינען ביי אים געווען אויפגעהויבן און צעפּאַטלט. אויף דער גאַנץ היפּשער נאָז אַ באַראָדעווקע און די אויגן האָבן געמאַכט דעם איינדרוק ווי זיי וואָלטן געווען קאַליע און רויט אין די ווינקלען, ביי דער נאָז. זיין שטערן גרויס, אַביסל אַרויסגעסטאַרטשעט איבער די אויגן און פול מיט טיפע קנייטשן

איבער דער לענג און ברייט. די הויט פון זיין פּנים בלייך און געל, ווי אַ פּאַרמעט, ווי ער וואָלט געפאַסט תּעניתים... ער איז געקומען מיט אַ שטעקן פון דער גאַס און ער האָט פריער אַנידערגעשטעלט דעם שטעקן אין אַ ווינקל פון צימער און אויפן שטעקן אויפגעהאַנגען דעם קאַשקעט און איז געבליבן אין דער יאַרמעלקע. און די באָבע האָט צו מיר געטאָן אַ וואונק און איך בין צוגעלאָפן צו אים און אים דערלאַנגט די רעכטע האַנט און צוגעפאַלן צו אים, כּדי אים אַרומצונעמען און זיך מיט אים קושן.

— אייזיקל ?

— יאָ, זיידע.

— אַ גאַסט, כ'לעבן, אַ גאַסט !... האָסט שוין געדאַוונט מנחה און מעריב ?

— נאָך ניט.

— אויף ווען־זשע וואַרטסטו ?

איך האָב עפּעס געגומען מורמלען.

— די הענט האָסטו געוואַשן ? — צעשרייט זיך דער זיידע אויף מיר.

— ער האָט ריינע הענט ! — ענטפערט אים די באָבע פאַר מיר.

אַז איך האָב אָפּגעדאַוונט האָט מען געגרייט צום טיש און געגעסן וועטשערע. ביים עסן האָט דער זיידע ניט גערעדט, נאָר מיך געהאַלטן אין איין טרייבן, אַז איך זאָל עסן. איך האָב ווינציק געגעסן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז ס'איז שענער צו עסן וואָס ווינציקער.

— אין דער היים עסטו אויך אַזוי ווינציג ? — פרעגט די באָבע מיט אַ שמייכעלע. דאָס דאָזיקע שמייכעלע אירס איז געווען פול מיט חכמה און גרויס־שטאָט.

— ווי די מתים עסן, אַזוי זעען זיי אויס... — זאָגט דער זיידע.

— ט'אָסטו דיר אַ משל !... — מאַכט די באָבע פון אים חוזק.

— באָבציע !... — גיט דער זיידע אויף איר אַ גוטמוטיקן געשרייעלע, וואָס האָט אין זיך טויזנט חנען.

נאָכן עסן עפנט דער זיידע אַ שופלאָד פונעם טיש און נעמט אַרויס אַ גרויסע ליולקע־ציבעק, בלאָזט זי אויס און טאַקע פון דעם זעלבן שופלאָד נעמט ער אַרויס אַ זילבערנע טאַבאַטשניצע און פּילט אָן זיין ליולקע־ציבעק מיט גאָלדן־געלע טאַבאַק־לאָקשן און פאַררויכערט. דער ליולקע־ציבעק איז אַזוי לאַנג, כּמעט ביז צו דער פּאָדלאָגע. עס גייט פון איר אַ געשמאַקער רויך מיט אַ טייערן אַראָמאַט. און דער זיידע פּיפּקעט מיט די בלווילעכע ליפּן און אין דער אייגענער צייט נעמט ער זיך צו מיר.

ביזט געפאָרן מיט אַ פאַיעטאָן צי מיט אַ וואָגן ?

— מיט אַ וואָגן.

— גוט, אַזוי האָב איך ליב, אַז מען פאָרט מיט אַ וואָגן. און וואָס טוט די מאַמע?

— נישקשה.

— און די קינדערלעך?

— נישקשה.

—און די קלייט?

— ניט אַזוי פויגלדיק.

דער זיידע גיט אַ קרעכץ: איי, איי! לאָזט ווידער אַרויס אַ זייל מיט רויך.

— און די בוכהאַלטעריע האָסטו געבראַכט?

— יאָ.

— ווייז זי מיר.

איך לויף צו מיין פעקל און צענעם עס און ברענג די עטלעכע בויגנס מיט דער בוכהאַלטעריע. איך צעוויקל זיי אַזוי ווי מען צעוויקלט אַ מגילה און שפּרייט זיי אויס אויפן טיש פאַרן זיידן. אויפן טיש ברענט אַ גרויסער לאָמפּ מיט אַ ווייסן אַבאַזשור. דער זיידע נעמט אַרויס פון זיין שופלאָד אַ פּאָר שפּאַקולן. איך וואַרף אַ בליק אין שופלאָד און דערזע דאָרטן גאַנצע קופּעס מיט זילבער־געלט, מיט פּאַזיטן געלט, אַזוי פיל געלט האָב איך נאָך אין מיין לעבן ניט געזען. אָבער דער זיידע וויל אפנים ניט אַז איך זאָל קוקן אויפן געלט און ער גיט גיך אַ פאַרמאַך דעם שופלאָד. ער טוט אָן די שפּאַקולן און באַטראַכט די בויגנס פּאַפּיר מיט מיין שיינער האַנטשריפט. איך האָב זיך באַמיט נאָכצוקאָפּירן דעם הער יעקב מאַרקס האַנטשריפט פּינקטלעך, אי אין רוסיש אי אין דייטש. און עס איז אַרויסגעקומען נאָר ווי עס וואָלט געווען געדרוקט און נעט געשריבן מיט מיין האַנט.

—וואָס איז דאָס פאַר אַ מין לשון? — האָט דער זיידע געפרעגט באַטראַכטנדיק די בויגנס מיט דייטש.

— דאָס איז דייטשמעריש — זאָג איך.

— הער נאָר, באָבציע! — שרייט דער זיידע צו דער באָבען, וועלכע איז איצט אין קיך מיט דער דינסט. זיי וואַשן דאָרטן דאָס געפעס.

די באָבע קומט צולויפן מיט נאַסע הענט און זי ווישט זיי אין איר פאַרטוך.

— זעסט, ער שרייבט דייטשמעריש.

— טאַקע שיין! — זאָגט די באָבע.

דער זיידע צעלאַכט זיך: — בהמה, דו פאַרשטייסט דען צי עס איז שיין...

— כ׳זע אַז עס איז ריין און שיין... און דו פאַרשטייסט דען דייטש־מעריש? — גיט אים די באָבע צוריק אָפּ מיט אַ שטעכווערטל.

דער זיידע נעמט אַראָפּ די שפּאַקולן, קוקט מיט די פאַרטרערטע, האַלב־רויטע אויגן אויף די בויגנס פּאַפּיר און שמאַטשקעט מיט די ליפּן:

— ביזט אַ כתבא רבא! (אַ גרויסער שרייבער). און ווער איז עס דער־אַ יעקב מאַרק? איז ער אַ ייד?

— יאָ.

— פּלאי פּלאים! (וואונדער איבער וואונדער). אַ ייד! און וואו וואוינט ער?

— אין פּאַלטאַווע.

— אין פּאַלטאַווע! נו, זאָג־זשע מיר, אייזיקל, דעם אמת, צי קוקסטו נאָך אַמאָל אַריין אין אַ ספר?

— וואָדען?

— אין אַ בלאַט גמרא?

— וואָדען? — זאָג איך אַ ליגן, ווייל כ׳האָב שוין, זינט איך האָב צו טאָן מיט דער בוכהאַלטעריע, ניט געהאַלטן קיין גמרא אין די הענט.

דער זיידע האָט אָנגעקוואָלן פון מיר, און ער האָט מיך געפרעגט, צי ער מעג מאָרגן נעמען מיינע פּאַפּירן מיט זיך, ווייל ער וויל זיי ווייזן אין עטלעכע קאָנטאָרעס — זאָלן זיי זען, וואָס פאַר אַן אייניקל ער האָט... איך האָב צוגעשטימט. און דערנאָך האָט מען זיך געלייגט שלאָפן. די באָבע האָט מיר אויסגעבעט אויף דער סאָפע מיט אַ סך קישנס, און איך האָב דוקא ניט געקאָנט איינשלאָפן. פון גאַס האָט זיך געטראָגן אַ גערויש פון רעדער און פון פערדישע פּאָדקאָווע איבער די ברוקירטע שטיינער. קאָמענעץ איז ניט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט. עס איז ניט רישקאָן, וואָס שלאָפט! ערשט ווען עס האָט שוין אָנגעהויבן צו שאַריען אויף טאָג און כ׳האָב שוין געוואָלט איינשלאָפן, האָבן זיך פּלוצים אָנגעהויבן צו הערן מאָדנע, טרויעריקע, לאַנג־אויסגעצויגענע געזענגעלעך. איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט כאַפּן דעם מיין פון די דאָזיקע געזענגעלעך. צי רופט מען דאָ די יידן אין קלויז אַריין, צי איז עס עפּעס אַנדערש. ביז איך האָב ענדלעך דערהערט, אַז דאָס שרייט מען אויס אויף אַ קול און מיט אַ טרויעריקן געזאַנג: „אייריקע בייגל! אייריקע בייגל!"

אַ מאָדנע שטאָט!

און באַלד האָב איך דערהערט, אַז מען דרייט זיך שוין אין שטוב. בין איך אויך אויפגעשטאַנען און איך האָב נאָך פאַרכאַפּט דעם זיידן פאַר זיין אַוועקגיין מיטן טלית־זאַק.

—כ׳האָב דיינע פּאַפּירן — זאָגט דער זיידע. — דאַוון, און די באָבע וועט מיט דיר דערנאָך גיין, דיר ווייזן די שטאָט קאַמענעץ — אַ גוטן!

דער זיידע איז אַוועק, און איך האָב אָפּגעדאַוונט און די באָבע האָט געבראַכט פרישע בייגל, און איך האָב געגעסן די קאַמענעצער בייגל מיט טיי מיט מילך. און איך האָב נאָך אַזוינס ניט געגעסן! ביי אונז אין רישקאַן האָט מען ניט געוואוסט פון אייריקע בייגל.

דערנאָך האָט זיך די באָבע פאַרפּוצט אין אַ שוואַרץ קלייד מיט אַ פאַרוק און מיר זיינען אַרויס אָנקוקן קאַמענעץ. עס איז געווען פרייטיק אינדערפרי. און די באָבע האָט זיך געאיילט, ווייל זי האָט געדאַרפט צוגרייטן אַלץ אויף שבת.

שוין די האַלב אויסגערונדעט ברוקירטע גאַסן און די ריינקייט פון די שטיינער האָבן מיר פשוט דערשטוינט. היינט די געפּלאַסטערטע שטיינער ביי די זייטן פון די שטיבער. היינט דער גרויסער עולם! אַזוי פיל מענטשן גייען אַהין און אַהער. היינט די פאַיעטאָנעס, די דראָזשקעס און די אויסגע־פּוצטקייט פון דעם עולם. די באָבע האָט מיך צוגעפירט צום בריק.

— זעסט עפּעס אַ בריק! — זאָגט זי צו מיר. — דאָס האָט נאָך דער טערק געלייגט אָט־די בריק... און גיב נאָר אַ קוק אויפן קרעפּאָסט.

איך הויב אויף די אויגן און דערשרעק זיך. עס האָט זיך געהויבן אַ רונדער שטיינערנער בנין כמעט ביז צום הימל, מיט פענצטערלעך און מיט אַ פאַרשפּיצטן דאַך, אויך פון שטיינער.

— דאָס איז אויך מעשה טערק — זאָגט די באָבע.

מיר גייען אַרויף אויפן בריק. די באָבע פירט מיך צו צום פּאַרענטש און הייסט מיר טאָן אַ קוק אַראָפּ. איך גיב אַ קוק און דערשרעק זיך פון דער גרויסער טיף פונעם טאָל. און איך זע ווי העט אונטן לויפט ווי אַ גרויסע לענטע אַ בייז וואַסער. עס עפנט זיך פאַר מיינע אויגן אַ ראָזמאַך. פון ביידע זייטן הויכע סקאַלעס מיט טרעפּ, טרעפּ, וואָס זיינען אויסגעהאַקט אין די סקאַלעס און ציען זיך אין דער קרום ביז העט אַרויף־אַרויף. און אונטן שטייען שטיבעלעך, שטיבעלעך, און עס גייען מענטשעלעך, וואָס זעען אויס פונדאָנען קליין ווי פליגן...

עס האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ.

און דערנאָך איז די באָבע מיט מיר געגאַנגען אין זשיראַדאָווס קראָם און האָט מיר געקויפט אַ האַלב טוץ מאַנישקעס האַרטע, ווייסע ווי פון ביין געמאַכט, מיט קאָלנערס הויכע און מיט צוויי פאַרבויגענע שפּיצן און מיט אַזוינע זאַפּינקעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פון זילבער, און אויך מאַנ־

זשעטן אַ האַלב טוץ מיט צוויי זאַפּינקעס, וואָס אויף זיי זײַנען געווען אויסגעשניצט די קעפּ פון הירשן. זי האָט מיר אויך געקויפט איין טוץ נאָז־טיכלעך מיט בלאָע פּאַסיקלעך, און אויך פאַר דער מאַמען אַ מתּנה אַ זשיראַדאָור־טישטעך. מען האָט דאָס אַלעס שיין פּאַרפּאַקט, און ווען מיר זײַנען געקומען אַהיים, איז די באָבע פריער אַריין אויסקוקן, צי דער זיידע איז נאָך נישטאָ. מיך האָט זי געלאָזט וואַרטן אינדרויסן. אַז זי האָט געזען, אַז דער זיידע איז נאָך נישטאָ, האָט זי מיר אַרײַנגערופן און זי האָט דאָס פּעקל באַהאַלטן אַזוי, אַז דער זיידע זאָל עס ניט באַמערקן.

פינפטער קאַפּיטל

מיין זיידע בערקע איז געווען אַ וואַכערניק. און פרייטיק נאָכמיטאָג האָבן אָרעמע און געמיינע יידן און יידענעס אים געבראַכט זייער וואַכנ־געלט; ווער אַ רובל און ווער אַ האַלבן רובל; אַלע עפּעס אַזוינע פאַר־אומערטע, עפּעס גאָר ניט מעשה קאַמענעץ... זיי זיינען געקומען איינס נאָך איינס און מיט הכנעה געשטאַנען פאַר מיין זיידן און ער האָט צוגע־נומען ביי זיי דאָס וואָכנגעלט און מיר געהייסן פאַרשרייבן.

דער זיידע איז געזעסן איבער זיין אָפענעם שופלאָד און אפילו רעכט ניט אָנגעקוקט די דאַזיקע מענטשן, וועלכע זיינען אַריין און אַרויס. מיך האָט געוואונדערט פון וואַנען ער ווייסט, ווי אַזוי זיי הייסן, ווען ער קוקט אַפילו ניט אויף זיי. ניט אַנדערש, אַז ער דערקענט זיי אין זייערע קולות.

— פאַרשרייב, נעכע די פערעקופקע אַ האַלבן רובל... פאַרשרייב, שלמה יאַנקלס אַ גאַנצן רובל... פאַרשרייב, ביילע־חיה די אלמנה אַ האַלבן רובל...

איך בין געזעסן אַנטקעגן, ביים טיש, און פאַרשריבן אין אַ קליין ביכעלע און פון מאָל צו מאָל געכאַפּט אַ בליק אויף די פאַרשוינען. נעכע איז געווען איינגעוויקלט אין שמאַטעס און זי האָט געהאַלטן אַ שטרויענעם קאָשיק אויף איין האַנט. זי האָט פאַרמאָגט צוויי געשוואָלענע, רויטע באַקן און אַ רויטע נאָז און אירע אויגן האָבן געאייטערט. שלמה יאַנקלס, אַ ייד אין צוויי געלאַטעטע, אָפּגעריבענע הויזן מיט אַ פאַרשמאַלצעוועט וואַטאָווע פידזשאַקל, וואָס איז געווען אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, און מיט אַ פּנים אויך, דאַכט זיך, מיט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע: די באָרד געל, די הויט פון פּנים גרין־בלייך...

פאַרנאַכט האָט די באָבע אָנגעשטעלט אַ גאַנצע שערענגע מיט זיל־בערנע לייכטער מיט סטעריגאָווע ליכט. און דער זיידע האָט זיך גענומען גרייטן אין שול אַריין. פאַרשטענדלעך, אַז איך האָב אויך געמוזט גיין. און די באָבע האָט מיר גענומען אָנטאָן אַ מאַנישקע מיט דעם שניפּסל. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס האָט ניט געטויגט... איך האָב געבראַכט מיט זיך אַ ריין העמד אויף שבת פון דער היים. אויף מיין היימיש העמד איז געווען אַ לאָזשנע קאָלנער. און אַז די באָבע האָט מיר

אַנגעטאָן די געפּרעסטע מאַנישקע מיטן האַרטן קאָלנער, האָט עס געהייסן, אַז איך וועל דאַרפן טראָגן אַ קאָלנער אויף אַ קאָלנער. חוץ דעם האָט זיך דער האַרטער קאָלנער געדאַרפט צושפּילען צום העמד מיט אַ זאַפּינקע און אַז מיין העמד האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם לאָזשנע־קאָלנער איז שוין ניט געווען וואו צוצושפּילען דעם האַרטן קאָלנער. און דאָ פאַלט שוין צו שבת און עס איז נישטאָ קיין צייט אָפּצוטרענען דעם ווייכן קאָלנער פון מיין העמד. און מיך לאָזן גיין אַזוי מיטן ווייכן קאָלנער וויל ניט די באָבע.

בלייבט, אַז איך טו־אָן אַ קאָלנער אויף אַ קאָלנער... און איצט הויבט זיך אָן אַ מעשה מיטן אָנטאָן א שניפּסל. איך האָב אַזאַ זאַך נאָך קיינמאָל ניט געטראָגן. עס איז אַזאַ מין פּאָוועריל אַ שיינס אַ טערקאָטע מיט ווייסע און שוואַרצע פּינטעלעך און עס האָט צוויי בענדעלעך מיט אַ שפּראַנציק, וואָס פאַרשפּיליעט זיך הינטער מיין קאָפּ. איך אַליין קאָן עס ניט טאָן, דאַרף עס די באָבע ווידער טאָן פון מיינעטוועגן...

— אויך אַ מאַנצביל... — לאַכט די באָבע — וואָס אַ שטייגער וואָלסטו געטאָן ווען איך בין ניטאָ?...

נאָר זי פאַרשפּיליעט מיר די בענדלעך פונעם באַנטיקל פון הינטער מיין קאָלנער און טוט מיר אָן די צוויי האַרטע מאַנזשעטן אַזוי ווי צוויי רייפלעך אויף מיינע הענט און איך שלעפּ אויף זיך אַרויף מיין שבתדיק קאַפּאָטקעלע. די אַרבל מיינע זיינען אַביסל איינגלעך און רוקן זיך קוים אַרויף אויף די מאַנזשעטן. די מאַנזשעטן ווערן אַביסל צע׳גיזק׳ט, אָבער דאָס וואָלט שוין ניט אויסגעמאַכט, ווען ניט דאָס וואָס דער האַרטער קאָלנער האָט זיך געהויבן און אַרויסגעקראָכן פון מיין קאַפּאָטקעלע...

דער זיידע גייט מיט מיר איבער קרומע געסלעך מיט אַלטע שטיבלעך און דורך קרעמלעך מיט פאַרמאַכטע לאָדנס און עס פאַלט אַזש אויף מיר אַ פּחד... וואו איז די שיינע קאַמענעץ איבער וועלכער מיין באָבע האָט מיך ערשט היינט אינדערפרי געפירט?

פאַרוואָס איז דעם זיידנס קאַמענעץ אַזוי שמאָל, צעדרייט און צעבויגן און מען קאָן דאָ ברעכן קאָפּ און לענד, בעת מיין באָבעס קאַמענעץ איז געווען אַזוי ברייט און רחבותדיק, אַז מען האָט געקאָנט גיין איבער די גאַסן מיט פאַרמאַכטע אויגן?...

איך האָב געמיינט, אַז וויבאַלד דער זיידע איז אַזאַ גביר וועט מסתּם זיין שול זיין אַ שיינע. האָט זיך אויסגעלאָזט פּונקט פאַרקערט. ניט נאָר איז זי ניט געווען כאָטש אַזוי שיין ווי אונזער קלויז אין רישקאָן, נאָר

זי איז געווען קליין און האַלב־טונקל און נידעריק און אַזוי דושנע, אַז אַלע האָבן געהוסט, ווייל עס האָט זיי מסתּם געוואָרגן אין האַלז...

יאָ, איך האָב שיער פאַרגעסן, אַז ווען דער זיידע איז מיט מיר דורכ־געגאַנגען אין מאַרק און מיר האָבן געזען אַ צירק פּלאַקאַטע, האָט מיך דער זיידע געפרעגט צי איך האָב שוין אַזוינס געזען. האָב איך געזאָגט, אַז ניט. האָט ער מיר צוגעזאָגט, אַז שבת־צונאַכטס וועט ער מיך שיקן אין צירק...

— דו פאַרסט קיין וויניצע און מען קאָן נאָך פון דיר לאַכן אויב דו וועסט זאָגן, אַז דו האָסט נאָך ניט געזען קיין צירק...

„— ס'אַ מחיה אַזאַ זיידע"... — האָב איך געטראַכט. און איך האָב שוין קוים דערלעבט דעם שבת־צונאַכטס. און דער זיידע האָט מיך טאַקע געשיקט אין צירק אַריין, און איך האָב דאָן געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן אַן אמתן לעבעדיקן לייב, און איך האָב געזען לעבעדיקע מאַלפּעס און אַ לעבעדיקן עלעפאַנט און אַנדערע חיות.

ווען איך בין געקומען צוריק אין מיין זיידנס הויז, האָב איך געמוזט דעם זיידן מיט דער באָבען אַלץ איבערדערציילן און זיי האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט... און אויף מאָרגן, זונטיק, האָב איך געדאַרפט פאָרן אַהיים. און דער זיידע האָט מיך אונטערגעפירט צום איינפאָר, וואו איך האָב געדאַרפט זיך אויפזעצן אויף אַ פור קיין בריטשאַן. די באָבע האָט מיר שטילערהייט געהייסן נאָר פאָרן מיט אַ פאַיעטאָן... אָבער דער זיידע האָט מיך צוגעפירט צום איינפאָר און מיך אַרויפגעזעצט אויף אַ פּראָסטן וואָגן... און ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט און איז אַוועקגעגאַנגען, נאָכדעם ווי געזאָגט, אַז איך וויל פאָרן קיין בריטשאַן מיט אַ פאַיעטאָן.

אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען האָב איך צוגערופן דעם מעקלער און אים געזאָגט, אַז איך וויל פאָרן קיין בריטשיען מיט אַ פאַיעטאָן...

— אַז דו'עסט שמירן... וועסטו פאָרן מיט אַ פאַיעטאָן... עס קאָסט אַ גאַנצער קאָרב... ר' בערקעס איניקל אין אַ פאַיעטאָן!...

איך האָב אים צוגעצאָלט נאָך פופציק קאָפּיקעס און דער מעקלער האָט מיך איבערגעזעצט אין אַ פאַיעטאָן. און עס איז געווען אַזוי וואונדער־לעך כאָטש איינמאָל זיך פילן ווי אַ פּריץ אין אַ פאַיעטאָן. איך האָב זיך אויסגעשטרעקט און זיך ווי געהוידעט דעם גאַנצן וועג דורך וועגן, בערג און טאָלן. און עס האָט געשיינט אַ גאָלדענע זון און די אַסיענדיקע פעלדער און וועלדער זיינען געווען געל־און־רויט. בלעטער האָבן ווי געפלאַמט אין דער זון. און עס איז געלעגן אויסגעגאָסן אַזאַ מין אומעט אומעטום. און עס האָט מיך אַזוי געצויגן ערגעץ אַוועקצופליען אינאיינעם מיט די טשאַטעס פייגל, וואָס זיינען איבער אונזערע קעפּ געפלויגן.

אויף די בעסאַראַבער פעלדער זיינען געשטאַנען פּאַפּשויעס אין בינט־לעך קוקרעזאַנקע אויפגעשטעלט, ווי קליינע שטיבעלעך אין לאַנגע שורות, מיט שפּיצעכיקע דעכלעך, און אויף דער ערד אַרום די שטיבעלעך זיינען געלעגן גרויסע רונדע דיניעס פון מאַראַנצן־קאָליר און פון קאָליר פון הימל־בלוי און דאָ און דאָרטן זיינען געזעסן פּויערים־פאַמיליעס און געריסן קוקורוזע סטרוגערס. די מענטשן זיינען געזעסן אין אַ ראָד און ווען מיר זיינען דורכגעפאָרן מיטן פאַיעטאָן האָבן זיי אויסגעדרייט די קעפּ און אונז נאָכגעקוקט... זיי האָבן געזען, אַז דאָ פאָרן ניט קיין פּריצים... האָבן זיי ניט געדאַרפט זיך בויגן און קניען פאַר אונז... אָבער פונדעסט־וועגן האָבן זיי אָבער אויך ניט געדאַרפט פון אונז לאַכן דאָס גרעסטע געלעכטער... פאַרוואָס־זשע האָבן זיי יאָ געלאַכט? ... נו, איז אונזער פאַיעטאָן ניט אַזאַ נייער און ער איז אַביסעלע אָפּגעבליאַקעוועט און דאָ און דאָרטן צעריסן... און איז אַביסל פאַרבלאָטיקט... און עס זיצן אויבנאָן צוויי יידן מיט רויטע בערד און איך אויך מיט זיי. און אַנטקעגן אונז, מיט די הינטנס צו דער קעלניע, זיצן צוויי אָפּגעבאַרעטע „פּריצים־לעך" מיט גלינצערדיקע דאַשעקעס, אָבער אָן קיין שום קנעפּלעך, וואָס דאָס מיינט, אַז זיי זיינען ניט געווען אַפילו קיין סאָטסקעס... און אויף דער קעלניע זיצט דער אַנטרייבער, אַ קליין, דאַר יידליקל מיט אַ רויט פּנים און מיט אַ קליין בערדעלע, וואָס דעקט קוים צו זיין שפּיצעכיק מאַר־דעלע און ער איז אָנגעטאָן אין קויטיקע קליידער און פאַרשטויבטע שטי־וואַלעס און לעבן אים זיצט אַ גראָבע פרוי מיט אַ גרויסן קאָשיק ביי איר אויפן שויס. די צוויי פערד דאַר, אַז מען קאָן איבערציילן זייערע ריפּנ־ביינער. זיי זיינען ביידע ניט קיין פּאָר. איינס איז גרויס און גראָ און דאָס אַנדערע איז קליין און שוואַרץ, מיט קויטיקע וויסע פלעקן... גאָר ניט קיין וואַזשנע פערד... אָבער פאַר וואָס קומט אונז, אַז מען זאָל לאַכן פון אונז?

סיי ווי האָב איך זיך ניט געמאַכט קיין צימעס פון זייער לאַכן. אַבי איך פאָר מיר אין אַ פאַיעטאָן...

מיר זיינען אָנגעקומען קיין בריטשאַן און איך האָב נאָך אוספּעיעט צו קריגן אַ פור קיין יעדעניץ, און אין יעדעניץ זיינען מיר אָנגעקומען אין אָוונט און דאָרטן האָב איך שוין געמוזט איבערנעכטיקן אין אַן איינפאָר־הויז. עס איז דאָס געווײַנלעכע בעסאַראַבער איינפאָר־הויז מיט די גרויסע צוויי טויערן פון פאַרנט און אַז מען פאָרט אַריין אינעווייניק גיט אַ זעץ אין דער נאָז דער ריח פון פערדן־מיסט אַז דו קאָנסט קוים אָפּכאַפּן דעם אָטעם... און דער באַלעבאָס, אַ הויכער ייד אין אַ זשילעט מיט אַ ברייטער

פּלייצע, וואָס זעט־אויס ווי אַ וואַנט פֿאַר זיך אַליין, מיט אַ פּאַרוואָקסן פּנים און גרויסע פּיס גיט מיך אַ פרעג, דווקא שטיל און האַרציק, צי איך וויל אַ באַזונדער צימער, צי איך וויל עסן אַ גוטן ראָסל־פליש, צי איך וויל אפשר אַן אָקע ווייַן...

איך זאָג זיך אָפּ פון די אַלע גוטע זאַכן און איך שלאָף די נאַכט אין אַ גרויסער שטוב אויף אַ באַנק־בעט אינאיינעם מיט נאָך אַנדערע יידן... עס שטייט אין שטוב אַ ריח פון שטיוול־שוויס. און אַנדערע יידן האָבן נעבעך אַזוי געכראָפּעט, אַז איך האָב ניט געקאָנט שלאָפן. געגעסן האָב איך אַ שטיקל דאַרע קישקע מיט ברויט און פאַרטרונקען מיט אַ גלאָז טיי, וואָס האָט אויסגעוויזן ווי קאַליפּוצע און ניט ווי קיין טיי. די געקנאָבלטע קישקע האָט מיך געברענט און געדאַרשט. און איך האָב שוין קוים דערלעבט דעם מאָרגן און זיך אויפגעזעצט מיט ברוכל באַלעגאָלע, אונזערער אַ רישקאָנער, מיט זיינע צווי „אָדלערלעך״, די צוויי שוואַרצע מוציקעס, וואָס ביי זיי האָט אַזוי געהאַט אַ באַטרעף ברוכס וואָגן, ווי ביי מיר אַ שטייגער אויפצועסן אַן איי. און מיר זיינען אָנגעקומען קיין ריש־קאָן נאָכמיטאָג. און איך בין אַריין אין שטוב ביי אונז, און דאָס ערשטע האָב איך באַוויזן מיינע קאַלנערס, מאַנישקעס און מאַנזשעטן... און עפּעס איז מיר ניט געפעלן ווי אַזוי מיין ברודער משה איז עפּעס געווען קאַלט צו דעם גאַנצן ענין...

פאַרוואָס שווייגט ער עפּעס? איר אַרט ניט גאָר ניט... האָט ער גאָר קיין נשמה ניט? צי טראָגט ער זיך עפּעס אַרום מיט אַ פאַרבאָרגענעם סוד?...

איך בין באַלד צוריק אַריין אין מיין אַרבעט. איצט האָב איך זיך ערשט גענומען מיט דעם רעכטן ברען צו דער בוכהאַלטעריע, די באָבע פון קאַמענעץ האָט מיר דערציילט, ווי אַזוי איר שוועסטער שרה ליוואָ־וויטש פון וויניצע איז געוואָרן רייך... עס איז געווען אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט... און כאָטש מיין באָבע האָט די שוועסטער אירע ניט אַזוי ליב געהאַט, ווייל זי, שרה ליוואָוויטש, איז זייער קאַרג, פֿונ־דעסטוועגן האָט די באָבע מיר געגעבן גוטע האָפענונגען, אַז איך וועל נושא־חן זיין אין יענערס אויגן און עס וועט מיר שוין זיין גוט ווי די וועלט...

זעקסטער קאַפּיטל

איך האָב געמיינט, אַז איך בין דער איינציקער אין רישקאַן, וואָס לערנט זיך בוכהאַלטעריע. אָבער ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז געווען ביי אונז אין שטעטל נאָך איינער אַ בחור מיטן נאָמען אַברהם אַקסענפעלד, וועלכער האָט זיך אויך געלערנט בוכהאַלטעריע ביי יעקב מאַרק.

אַברהם אַקסענפעלד איז געווען אַ זון ביי אַ טאַטן אַ משכּיל, סענדער אַקסענפעלד, און ביי אָט דעם סענדערן האָט זיך געפירט אַן אַריסטאָקראַטיש הויז. און איך בין דאָך אויסגעוואַקסן אין אַ חסידיש הויז. האָבן מיר זיך, דאָס הייסט איך מיט אַברהמען, כּמעט ווי ניט געקענט, כאָטש מיר זיינען אויסגעוואַקסן אין איין שטעטל.

נאָר איינמאָל ביי דער פּאָטשט, ווען איך האָב דערהאַלטן מיין פּאַקעט פון יעקב מאַרק און אַברהם האָט דערהאַלטן זיין פּאַקעט פון יעקב מאַרק, האָבן מיר זיך ביידע אָנגעקוקט און זיך צעלאַכט — מיר לערנען ביידע בוכהאַלטעריע!

— אויף וואָס פאַר אַ שפּראַכן לערנסטו! — פרעגט אַברהם ביי מיר.

— אויף רוסיש און דייטש — ענטפער איך.

— איך לערן אויף העברעאיש און רוסיש — באַרימט זיך אברהם. און ווי באַלד ער באַרימט זיך, וועל איך אים אויך ניט שולדיק בלייבן קיין באַרימעריי.

— איך האָב שוין אַ שטעלע אין וויניצע.

דערהערט דאָס, ווערט אַברהם אָזש געל פון קנאה.

— לאָם איך נאָר ענדיקן דעם עקזאַמען, אַ שטעלע וועט שוין זיין — זאָגט אַברהם, אָבער פונדעסטוועגן וויל ער וויסן, ווי אַזוי איך האָב באַקומען מיין שטעלע און דורך וואָס פאַר אַ רעקאָמענדאַציע.

— עס איז ביי מייגעם אַ פעטער אַ מיליאָנער — שיס איך אויס מיין שטאַרקסטע קויל און מיר דאַכט זיך, אַז אַנטקעגן דעם וועט אַברהם ניט האָבן וואָס אַרויסצושטעלן. אָבער אַברהם פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ.

— דאָס איז אויך ניט קיין גרויסע זאַך... אַ פעטער אַ גרויסער מיליאָנער!... איך האָב ליב אַ שטעלע ביי אַ פרעמדן מיליאָנער...

וואָס זאָל איך טאָן, איך מוז צוגעבן, אַז אַברהם איז אפשר גערעכט, אָבער זאָל ער זיין גערעכט און איך האָב דערוויל אַ פאַרטיקע שטעלע ביי מיין באָבעס שוועסטער און ער, אַברהם, וועט ערשט דאַרפן האָבן רעקאָמענדאַציעס...

וואָלט איך עס אים געדאַרפט זאָגן און זאָל ער וויסן. האָב איך אָבער ניט געוואָלט אים אָנטאָן קיין יסורים.

אַברהם האָט מיך אַריינגעבעטן צו זיך אין שטוב. זיי האָבן געוואוינט ניט ווייט פון דער פּאָטשט. און איך האָב אים ניט געקאָנט אָפּזאָגן. און דאָרטן האָט ער מיך באַקאָנט מיט זיינע צוויי גרעסערע שוועסטער, רחל און פייגע, און מיט זיין פאָטער סענדער.

סענדער האָט פון אויבן אויף געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ בייזן, וייל ווען ער האָט גערעדט, האָט ער ווי זיך געבייזערט, אָבער אין אמתן איז ער געווען אַ וואוילער, גוטער מענטש. פון דעם ערשטן מאָמענט, וואָס ער האָט מיר געדריקט מיין האַנט, האָב איך אים ליב באַקומען. ער האָט אַרויפגערוקט זיינע ברילן אויפן הויכן שטערן און אויף מיר געטאָן אַ בליק פון אונטער די גרויסע ברעמען מיט זיינע קליינע בלאָע אויגן. די גרויסע ברעמען האָבן געזאָלט שרעקן אָבער די מילדע, בלויע אויגן האָבן געגלעט און געוואַרעמט. ער האָט געטראָגן אַ באָרד מיט צוויי שפּיצן, און זיינע קליידער זיינען געווען ניט לאַנג און ניט קורץ.

דערפאַר זיינען די צוויי גרעסערע מיידלעך שוין געווען עכט אַריס־טאָקראַטיש אין זייער קליידונג און אויך אין זייער באַנעמונג. ווי ווייניק איך האָב נאָך דעמאָלט געוואוסט וועגן אָט די זאַכן, האָב איך אָבער באַלד געקאָנט זען, אַז דאָס זיינען אַנדערע מיידלעך, ווי די איבעריקע מיידלעך אין רישקאָן. זיי זיינען ניט געווען אַזוי שיקאַרנע אָנגעטאָן. נאָר איך האָב באַלד געקאָנט זען, אַז זיי שיינקען זייער פיל אויפמערקזאַמקייט אויף ריינ־קייט און איינפאַכקייט.

דאָרט אין שטוב האָט מען געקאָנט זען אין יעדן ווינקעלע די האַנט פון מיידלעך ברייות. ניט נאָר איז דאָרט געווען ציכטיק, נאָר עפּעס איז געווען אַ באַזונדערער חן אין די פאָרהאַנגען, אין די שפּרייטלעך, אין די קולימעס, אין די קליינע טישלעך מיט אַנטיקן, אין דעם איינשטעל פונעם מעבל.

רחל און פייגע זיינעןביידע געווען פאַרקעמט אין די זעלבע פריזורן און געטראָגן די אייגענערליי שטיועלעך מיט לאַנקע כאַלעוולעך און מיט

קנעפּלעך, עס איז געווען מאָדנע קליינע, צאַרטע שטיוועלעך, וואָס האָבן באַלד געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. און די צוויי מיידלעך האָבן דאָס באַמערקט און זיי האָבן געפּרוּווט מיר ווייזן זייערע שטיוועלעך, וואָס מערער און אָפטער, כאָטש זייערע קליידער זיינען געווען צימלעך לאַנג און מיט שלעפּעס.

אַברהם האָט מיך געבעטן זיצן, און די צוויי שוועסטער האָבן דער־לאַנגט טיי מיט קיכעלעך און זיך געדרייט אַרום אונז ביידע מיט אַן אויסערגעוויינלעכער איידלקייט. און דער פֿאָטער סענדער איז געזעסן אויבנאָןביים טיש מיט אַ בלאַט און ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, האָט ער פון אָפּיר די ברילן געקוקט מיט אַ ווינקל פון אַן אויג, וואָס עס קומט פאַר אין שטוב, און עס איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין רויטבלוטיק פּנים אַזאַ מין הנאה־שמייכעלע פון דעם ווי אַזוי זיינע קינדער האָווירן אַ גאַסט.

אַברהם האָט מיר באַוויזן זיינע אַרבעטן אין דער בוכהאַלטעריע און איך האָב געמוזט צוגעבן, אַז ביי אים איז די האַנטשריפט אַ סך שענער ווי ביי מיר. ער האָט ווירקלעך געהאַט אַ וואונדערבאַרע האַנטשריפט.

— וואַרט, וועל איך דיר ערשט ווייזן — האָט אַברהם געזאָגט און געבראַכט צוטראָגן פון ערגעץ אַ גראָבן בוך — אָט גיב אַ קוק ווי איך שרייב!

דאָס איז געווען אַן איינגעבונדענער בוך מיט אַריינגעשריבענע לידער פון ראָזענפעלדן, פּרוגן, צונזערן און אַנדערע דיכטער.

דאָ איז אַברהמס האַנטשריפט געווען ממש ווי אַ געדרוקטע. איך האָב באַוואונדערט און דערווייל געכאַפּט אַ קוק איבערוויינּיק אין די לידער.

— ווייז אים דיינע אייגענע כּתבים — רופט זיך אָן דער פאָטער. און אַברהם איז אַוועק און געבראַכט עטלעכע העפטן מיט געדיכט באַ־שריבענע בלעטלעך.

— דאָס זיינען מיינע אייגענע פאַרפאַסונגען — באַרימט זיך אַברהם. איך בלעטער די העפטן און קוק אַריין און ווייס ניט וואָס פריער צו באַוואונדערן, צי די שיינע האַנטשריפט, צי דאָס וואָס איך זע עמיצנס אייגענע פאַרפאַסעכצן.

— לייען עפּעס — זאָגט דער פאָטער.

אַברהם קנייטשט זיך און וויל ניט, כאָטש איך פּיל, אַז ווי נאָר איך וועל אים טאָן אַ זאָג איין וואָרט וועט ער שוין לייענען. איך בין טאַקע זייער נייגעריק צו הערן, וואָס אַברהם שרייבט, ווייל איך אַליין האָב שוין אין דער שטיל אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן מיינע אייגענע זאַכן. ווייל איך

טאַקע הערן וואָס אַברהם שרייבט און ווי אַזוי ער שרייבט, וועל איך וויסן צי מיינס איז בעסער אָדער ערגער.

— אַברהם, לייען עפּעס — זאָג איך — עס איז אינטערעסאַנט צו הערן...

— „יאָ, ער שרייבט לידער אויך!" — גיב איך אַ טראַכט — אַט, אַ בחור!"... איך האָב אַפילו ניט געפּרוּוווּט אַזאַ זאַך ווי שרייבן לידער. איך האָב מורא געהאַט באַלד פונאַנהויב זיך אַפילו צוצורירן צו לידער, ווייל איך האָב געהאַלטן, אַז צו לידער דאַרף מען האָבן געשליפענע ווער־טער, עפּעס אַזוינע ווערטער, וואָס זיינען גאָר אויף דער ערד נישט פאַראַן. האָב איך דערפאַר זיך גענומען שרייבן אַ דערציילונג. צו אַזאַ זאַך דאַרף מען שוין ניט אַזוינע געשליפענע ווערטער. און אַט דער אַברהם אַקסענ־פעלד שרייבט לידער, ווייל איך טאַקע הערן ווי אַזוי ער טוט עס.

— לייען אַ ליד פריער — בעט איך ביי אים.

— גוט, איך וועל לייענען אַ ליד. אָבער עס מוז זיין זייער שטיל — ווענדעט זיך אַברהם צו זיינע שוועסטער, וועלכע זעצן זיך אויך אַוועק צום טיש און קליידן אָן זייערע פּנימער מיט אַ טויט־שטילן ערנסט. דער פאָטער לעגט אַוועק דאָס בלאַט און רוקט אַרויף די ברילן אויפן שטערן. אַברהם הוסט זיך אויס און רוקט זיך צו צום טיש און הויבט אָן לייענען אַ ליד.

איך געדענק ניט אַקוראַט איצט וועגן וואָס עס האָט זיך גערעדט אין דעם ליד, נאָר איין פראַזע געדענק איך: „די לבנה גיט אַ דריי מיט ביידע הערנער"... אַט די פראַזע האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון, ווייל עס האָט מיר געמוזט שטאַרק געפעלן.

אַברהם האָט נאָך יעדן גראַם אויפגעהויבן צו מיר זיינע אויגן און „געטאַפּט" ביי מיר צי מיר געפעלט זיין ליד. און אַז ער האָט געענדיקט, האָבן די ביידע שוועסטער געפּאַטשט בראַוואָ מיט זייערע קליינע, ווייסע הענטלעך און איך האָב באַלד זיך געכאַפּט, אַז ווי באַלד איך וועל ניט פּאַטשן בראַוואָ מיט מיינע הענט, וועט עס הייסן, אַז אָדער איך פאַרשטיי ניט קיין עכטע פּאָעזיע, אָדער איך האַלט ניט פון אַברהמס שרייבן.

איך האָב ביידע זאַכן ניט געוואָלט. האָב איך דערפאַר אויך גע־פּאַטשט בראַוואָ.

— ס׳געפעלט דיר? — פרעגט אַברהם.

— זייער!

— אויף אָן אמת?

— באמת.

— איצט וועל איך לייענען אַ פעליעטאָן — זאָגט אַברהם. אויף אַזאַ וואָרט ווי פעליעטאָן, האָב איך נאָך ניט געהאַט די העזה אָנצורופן מיינע פּאַרפּאַסונגען. און ער, אַברהם, שרעקט זיך ניט פאַר גאָר ניט. פעליעטאָן איז פעליעטאָן!...

ווי אַזוי דער פעליעטאָן האָט געהייסן געדענק איך ניט. נאָר איך האָב געזען, אַז דער פאָטער קאַטשעט זיך פון געלעכטער און די צוויי שוועסטער פאַרגייען זיך אין אַ קייך־הוסט און קרייען אַזש...

טראַכט איך מיר, אַז מען דאַרף אויך פּרוּוון לאַכן. עס איז ניט שיין צו זיצן אַזוי ווי אַ קלאָץ און גאָר ניט טאָן. און בפרט, אַז אַברהם האַלט אין איין קוקן אויף מיר און זיינע גרויסע גרינלעכע אויגן שרייען צו מיר: גזלן, פאַר וואָס לאַכסטו ניט?! נאָר גיי לאַך, אַז מיך נעמט עס ניט. איך בין געווען באַוואוסט אין אונזער פאַמיליע, אַז אַפילו ווען אַלע האָבן געלאַכט, האָב איך געקאָנט בלייבן זיצן רואיק. אַז אַברהם האָט געענדיקט לייענען דעם פעליעטאָן, האָט זיין פאָטער געזאָגט אויף מיין חשבון:

— אַ, מען דאַרף זיין אַ מבין!...

איך האָב זיך פון אָט דער באַמערקונג געפילט ווי געטראָפן און האָב שוין איצט ניט געקאָנט מיט גאָר ניט פאַריכטן מיין טעות.

נאָר אַברהם האָט מיך געראַטעוועט מיט דעם, וואָס ער האָט ביי מיר געפרעגט צי עס געפעלט מיר דער פעליעטאָן.

— זייער! — האָט איך געענטפערט מיט מיין גאַנצער וואַרעמקייט, וואָס איך האָב פאַרמאָגט. ווען איך וואָלט דעמאָלט געקאָנט אַרויסרייסן אַ שטיק האַרץ, וואָלט איך עס געטאָן, כדי צו ווייזן אַברהמען מיין דאַנק־באַרקייט.

איך געדענק, אַז איך בין דעמאָלט געקומען אַהיים און דאָס ערשטע, וואָס איך האָב געטאָן איז געווען צו צערייסן מיין מאַנוסקריפּט אויף פּיצלעך און אים אַריינוואַרפן אין ברענענדיקן אויוון, אַזוי נישטיק און שלעכט האָט מיין פאַרפאַסעכץ אויסגעוויזן אַנטקעגן אַברהם אַקסענפעלדס פאַרפאַסונגען.

און איך האָב עס אַפילו קיינעם ניט דערציילט, אַפילו ניט דעם הער גאַנטמאַן, וועלכער האָט געוואוסט אַלע מיינע סודות, אָבער ניט דעם סוד, אַז איך האָב אָנגעהויבן אַליין צו שרייבן אַ דערציילונג.

איך האָב ניט געהאַט דעם גלויבן, וואָס איך האָב געזען ביי אַברהם אַקסענפעלד. ווי זיכער ער איז עס געווען ביי זיך, אַז זיינע זאַכן זיינען גוט. און איך האָב אַזוי ניט געגלויבט אין זיך. איך האָב אָבער געליטן

אין דער שטיל שרעקלעכע ווייטאָגן. עס האָט זיך מיר געוואָלט אָנשרייבן אַ מעשהלע. די טעמע האָב איך גענומען טאָקע פונעם לעבן ביי אונז אין רישקאָן. עס איז געווען אַ מעשה, וואָס אַלע האָבן געוואוסט וועגן איר. עס האָט פּאַסירט פאַר אַלעמענס אויגן. און איך האָב גאָר ניט מחדש געווען. איך האָב נאָר איבערדערציילט די מעשה, ווי אַזוי זי האָט זיך פאַרלאָפן. איז, וואָס־זשע האָב איך אויפגעטאָן?

אָט, אַברהם אַקסענפעלד שרייבט אַ פּעליעטאָן, איז דאָרטן דאָ אַ ייד אַ היקעוואַטער מיט אַ ווייב אַ פּאַנפּעוואַטער. און זייביידע רעדן און קריגן זיך. דאָס פּאַנפּעוואַטע ווייב פּאַנפּעט מיט דער נאָז און שעלט דעם מאַן, און ער איז נעבעך היקעוואַטע, און איידער ער באַווייזט עפּעס אויסצורעדן אַ וואָרט קומט עס אים אָן מיט גרינע ווערים...

און ביי מיר איז וואָס? ניט מען היקעט און ניט מען פּאַנפּעט... וואָס פאַר אַ שרייבער בין איך?!...

די פלאַמען אין אויוון האָבן אָפּגעווישט מיינע פּאַפּירן און עס איז פון זיי ניט געבליבן קיין זכר.

זיבעטער קאַפּיטל

איך האָב יענעם ווינטער געענדיקט מיין קורס אין בוכהאַלטעריע מיט צווי אַטעסטאַטן: איינעם אין רוסיש און אַ צווייטן אין דייטש. און איך האָב זיך געגרייט צו פאָרן אויף מיין שטעלע קיין וויניצע.

דעם גאַרניטור, וואָס מלך שניידער האָט מיר גענייט אויף פסח, האָט די מאַמע געהייסן מאַכן אַביסל קירצער, און זי האָט מיר אויך געקויפט אַ קאַפּעליוש, אַנשטאָט אַ קאַשקעט.

איך האָב גענומען צווי קעסטלעך אין וועלכע עס פלעגן קומען גע־פּאַקט שוועבעלעך און זיי צונויפגעהעפט מיט צווי זאַוויעסעס, און דער־נאָך זיי איבערגעצויגן מיט אַ נייעם זאַק און מיט פּאַפּ. און איבער דער לייוונט האָב איך אָנגעשלאָגן דריי אייזערנע רייפלעך און אַריינגעשרויפט צווי רינגלעך אויף אויפצוהענגען אַ שלעסל. און איך האָב שוין געהאַט אַן אמתן רענצל.

מיין ברודער משה האָט אויך געקראָגן פונקט אַזאַ גאַרניטור, ווי איך, און אַזאַ קאַפּעליוש. אָבער ער האָט זיך עפּעס ניט אַזוי געפרייט מיט די אַלע זאַכן, ווי איך האָב זיך געפרייט. ער האָט עפּעס זייער מאָדנע גע־שוויגן און געשמייכלט, ווי ער וואָלט זיך געטראַכט: פרייט זיך, פרייט זיך, אָבער מיין סוד ווייסט איר ניט...

און אָט איז דער סוד אַרויס ווי בוימל אויף וואַסער. מיין ברודער משה איז אַוועקגעפאָרן איינקויפן סחורה און איז ניט צוריקגעקומען מיט דער פור סחורה. אַז מען האָט געפרעגט דעם פויער וואו משה איז, האָט ער געזאָגט, אַז „מאַשקע" וועט קומען מאָרגן מיט אַ בעל־עגלה. עס האָט געקלונגען מאָדנע. און מיין מאַמע האָט זיך זייער געזאָרגט. זי איז אַרומ־געגאַנגען און געזאָגט, אַז עס איז עפּעס ניט גלאַט...

און עס איז טאַקע ניט געווען גלאַט. משה איז שוין מער ניט צוריק־געקומען.

אָט אַזוי ווי ער איז אַוועקגעפאָרן אין די וואָכעדיקע קליידער, איז ער אַזוי ווי אין וואַסער פאַרפאַלן געוואָרן.

די מאַמע האָט געוויינט און איז געפאָרן קיין בעלץ אים זוכן. און דאָרטן אין רישקאַנער איינפאָר האָט מען איר דערציילט, אַז בשעת משה

האָט זיך אויסגעטאָן ביינאַכט זיינען פון זיינע הויזן־קעשענעס אַרויס־געפאַלן אַ סך „פּריאַלן" גאָלדענע. און דער בעל־הבית פון דעם איינפאָר־הויז האָט אים אויסגעמוסרט, אַז מען פירט ניט אַזוי „פּריאַלן"... און דער בעל־הבית פון איינפאָר־הויז האָט מיין מאַמען געזאָגט, אַז משה איז אַוועקגעפאָרן צו דער נאָוואָסעלעצער באַן...

די מאַמע האָט שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט: נאָוואָסעלעץ, די גרענעץ קיין אַמעריקע...

זי איז אַהיימגעקומען און ערשט ווידער געקלאָגט און געוויינט. עס איז געווען ערב־פסח און דער מאַמען איז שוין ניט געלעגן דער פסח אין קאָפּ.

ביז דער טאַטע איז געקומען אויף יום־טוב און ער האָט אויסגעהערט די גוטע בשורה.

— קיין אַמעריקע? וואו האָט ער גענומען אויף הוצאות?

— הערסטאָך, אַז ביי אים איז געווען גאָלדענע פּריאַלן.

— אָבער וואו האָט ער זיי גענומען?

— ווער ווייסט?

און עס איז שוין ביי אונז געווען אַ פאַרשטערטער פּסח. און דאָ דאַרף איך אַוועקפאָרן אויף אַ שטעלע, און די מאַמע קאָן אַליין ניט בלייבן מיט דער קראָם, און די קראָם טויג סיי־ווי ניט צו גאָר ניט. און דער טאַטע מיט דער מאַמען פאַרקויפן־אויס די קראָם באַלד נאָך פּסח. און אַזוי ווי דער טאַטע קאָן דאָ קיין סך ניט פאַרבלייבן, פאָרט ער אַוועק. און איך בלייב אין דער היים ביז די מאַמע וועט זיך אַריבערציען אין אַ נייער דירה. מיר דאַרפן איצט ניט קיין שטאָלן און גרויסע הויפן. מיר ציען זיך אַריין אין אַ דירה פון פיר שיינע צימערן מיט אַ גאַניק פון פאָרנט און מיט אַקאַציע בוימער.

און דאָס גאַנצע שטעטל וויגט זיך: — משה, חיים פּאַטשטאַרס, איז אַוועק קיין אַמעריקע!... און מיך פאַרדריסט נאָר, פאַרוואָס האָט מיין ברודער משה כאָטש מיר אַליין ניט אויסגעזאָגט זיין סוד. און מיר האָבן דערהאַלטן פון אים אַ קאַרטל, שוין פון האַמבורג, אַז ער זעצט זיך אַרויף אויף אַ שיף קיין אַמעריקע.

— דאַנקען גאָט, אַבי ער איז געזונט — האָט די מאַמע געזאָגט און טרערן זיינען געלאָפן פון אירע אויגן ווי פון צוויי קוואַלן.

און איך האָב אָנגעפּאַקעוועט מיין רענצל מיט אַלע מיינע זאַכן און מיט די צוויי אַטעסטאַטן און איך האָב זיך אויסגעפּוצט אין מיין בייעם גאַרניטור און קאַפּעלוש און האָב זיך געזעגנט מיט גאַנטמאַנען, מיין לערער,

און מיט די אַקסענפעלדס און מיט מיין מאַמען און די ברידערלעך און בין אַוועקגעפאָרן. בשעת איך האָב זיך אויפגעזעצט אויף דער פור, איז יענטע מיילעכזאָן געשטאַנען אין פענצטער און געקוקט. איך האָב זייער געוואָלט טאָן אַ געשריי צו איר, אָבער אַזוי גיך ווי מיינע ליפּן האָבן זיך געוואָלט עפענען, איז זי אַוועק פון פענצטער. האָב איך איר געוואונטשן, אַז זי זאָל זיין געזונט...

און די מאַמע מיט די ברידערלעך מיט די שכנים זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך מיין פור און מיך באַגלייט ביזן עק גאַס.

איך האָב אין אָוונט זיך אויפגעזעצט אין טערנאָווע אויף דער באַן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן פאָר איך אויף אַ באַן. איך זיץ אויף אַ הילצערנער, פאַרשמאָלצוועטער באַנק. איבער מיין קאָפּ קאַפּטשעט אַ לעמפּל, פון וואָס עס פאַלט מערער שאָטנס ווי ליכט אין וואַגאָן אַריין. עס זיצן נאָך מענטשן. עס איז דאָ דער דריטער קלאַס, און דאָ פאָרן פויערים, גלחים, יידן. לעבן מיר זעצט זיך אַוועק אַ יונגערמאַן מיט צוויי ברענענדיקע אויגעלעך. ער טראַקטירט מיך מיט אַ ציגאַר טיטון. איך ווייס ניט, צי זאָל איך נעמען צי ניט. דער גלח, וואָס פאָרט דאָ אין וואַגאָן און וואָס האָט זיך צעלאָזט זיינע צוויי לאַנגע צעפּ מיט שוואַרצע האָר, קומט צו צו מיר און רוימט מיר איין אין אויער אַ סוד:

— ניע בערי! (ניט נעם!).

נעם איך ניט דעם ציגאַר טיטון ביי דעם יונגנמאַן. איך ווייס אָבער ניט, פאַרוואָס איך טאָר ניט נעמען. ערשט אַ ביסל שפּעטער מיט אַ סטאַנציע איז געוואָרן אַ געוואַלד: — לאָוויטיע יעוואָ!... (כאַפּט אים!).

דער יונגערמאַן איז שוין אָבער ניט געווען. ער איז פאַרשוואונדן. און ער האָט מיט זיך מיטגענומען אַ בייטעלע מיט פרעמד געלט...

סיי ווי האָב איך ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן פאַר דעם קאַר־מאַנשטשיק, ווייל איך האָב ניט געהאַט אַזוי פיל געלט ביי זיך אין קעשענע. עס איז מיר געבליבן אַ קאַרגער האַלבער רובל קליין געלט, נאָכדעם ווי איך האָב געקויפט דעם באַן־בילעט קיין ווויניצע.

פאַרטאָג איז די באַן אָנגעקומען קיין אָקניצע, וואו איך האָב געדאַרפט בייטן אויף יאַן אַנדער באַן. בין איך אַראָפּ און זיך געהייסן געבן מיין רענצל, וועלכעס איז געווען אין באַגאַזש. האָט מען עס מיר ניט געוואָלט געבן. און זיי האָבן מיר דוקא געגעבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס זיי ווילן עס מיר ניט געבן. אָבער איך בין געווען ניט קיין אָפּעטנער* אין די דאָזיקע זאַכן. עס איז דאָך געווען מיין ערשטע רייזע מיט דער באַן.

* דערפאַרענער.

האָב איך זיך מיט זיי אַזוי לאַנג געאַמפּערט, ביז זיי האָבן מיר גע־געבן מיין רענצל און איך האָב עס געשלעפּט און געוואָלט זיך איבערזעצן אויף דער אַנדער באַן. אָבער מיין באַן איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען און איך בין געבליבן מיט מיין רענצל שטיין אויף דער פּלאַטפּאַרמע.

וואָס טוט מען איצטער? די באַן איז אַוועק און איך האָב ביי זיך גיט קיין גראָשן. לויף איך צום סטאַנציע נאַטשאַלניק: ס'טייטש, איך דאַרף קיין וויניצע... זאָגט מען מיר, אַז מיין באַן איז אַוועק... נאָר מאָרגן וועט זיין אַ צווייטע באַן...

מזל־טוב!... וואו וועל איך זיך אַהינטאָן ביז מאָרגן?

מילא, שלעפּ איך זיך שוין מיט מיי רענצל אין וואָקזאַל אַריין. עס איז דער דריטער קלאַס. אין איין זייט אַ בופעט מיט אַ סטאָיקע. עס זידט אַ גרויסער סאַמאָוואַר. פון יענער זייט סטאָיקע אַ קאַצאַפּ אין אַ העמד מיט אַנגעבלאָזענע אַרבל און מיט אַ זשילעט פון אָפּגעריבענעם סאַמעט. און דאָס העמד איבער די הויזן. זיינע האָר לאַנגע און געקרייזלטע אַרום זיין האַלז; אַ הויכער קאַצאַפּ, וואָס ווען ער זאָגט דאָס וואָרט „טאַק״, גיט עס אַ קלונג־אָפּ אין ליידיקן וואָקזאַל, ווי דער קלאַנג פון אַ האַק ערגעץ אין אַ טיפן וואַלד. לעבן אים שטייט זיין קאַצאַפּקע, אַ נידעריקע און פעטע מיט אַ ברייטן קלייד פון רויטן ציץ.

איך חלש אַ גלאָז טיי אָבער איך האָב עפּעס אַ ווידערגעפיל צוצוגיין צו אָט דעם בופעט מיט די טריפה קישקעלעך. איך עפן מיין רענצל און נעם אַרויס אַ שטיקל ברויט און אַ קאָטליעט, וואָס מיין מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן. איך עס און קלויב די ברעקלעך און וואַרף זיי אין מויל אַריין.

עס ווערט דערווייל שטיל אין וואָקזאַל. די לאָמפּן ווערן אויסגעלאָשן פון איינעם, וואָס גייט אַרום מיט אַ גרויסן הילצערנעם לאָמטערן. אַליין איז ער מיט אַ פאַרשמירט פּנים און מיט אַ היטל מיט רויטע גאַלעשקעס און מיט אַ לאַקירענעם דאַשעק.

דער דאָזיקער מענטש קוקט מיך אָן, הויבט־אויף אויף מיר זיין לאָמ־טערן און איך פּרואוו ווערן אַ סך קלענער, ווי איך בין. איך צי זיך אַריין אין זיך, כדי ער זאָל מיך ניט זען. איך הער ווי ער גיט עפּעס אַ בורטשע און ער גייט זיך אַוועק צו זיין אַרבעט פון אויסלעשן די לאָמפּן. עס ווערט פינצטער. נאָר דאָרטן ביים בופעט פאַרען זיך דער קאַצאַפּ מיט זיין קאַצאַפּקע ביים סאַמאָוואַר. זיי פאַרשליסן אַלע זאַכן און לעשן אויס דעם סאַמאָוואַר און באַלד גייען זיי אַוועק. און איך בלייב איינער אַליין אין אָט דעם גרויסן, פינצטערן וואָקזאַל. איך מאַסטשע זיך איין אויף אַ באַנק און ליג און טראַכט. שלאָפן קאָן איך ניט. עס איז נאָך אין מיין לעבן

ניט געווען אַזאַ לאַנגע נאַכט. זי האָט זיך געצויגן ווי פּון פעך. און נאָר פון צייט צו צייט איז צו מיר דערגאַנגען אַ רויש פון ווייט, ווייט. וואָס דער רויש איז האָב איך ניט געוואוסט. ביז איך האָב דערלעבט און עס איז געוואָרן טאָג. און עס איז ווידער געקומען דער קאַצאַפּ מיט דער קאַצאַפּקע. און ווידער האָט דער סאַמאָוואַר געגומען זידן. און עס האָבן אָנגעהויבן דורכצוגיין באַנען. און איך האָב אַלע מאָל געמיינט, אַז עס איז מיין באַן קיין וויניצע. בין איך אַלע מאָל געלאָפן פרעגן ביים נאַטשאַלניק. און ער האָט מיר געדולדיק געענטפערט, אַז עס איז ניט מיין באַן.

ערשט אַרום מיטאָג־צייט איז מיין באַן אָנגעקומען און איך האָב זיך אויפגעזעצט און שוין אויף דער באַן האָב איך אויפגעעפנט מיין רענצל און זיך גענומען עפּעס עסן. לעבן מיר זיינען געזעסן דריי יידן, סוחרים, און זיי האָבן געהאַט זייערע טשייניקלעך מיט טיי. זיי האָבן ביי מיר גע־פרעגט וואוהין איך פאָר, האָב איך געזאָגט אַז איך פאָר קיין וויניצע צו מיין פעטער משה ליוואָוויטש. האָב איך געזען, אַז זיי האָבן זיך ווי דערשראָקן און מיך אָנגעקוקט מיט גרויסע אויגן. און געזאָגט, אַז משה ליוואָוויטש איז אַ גרויסער גביר. און אפשר וויל איך אַ גלאָז טיי?... און איך האָב גענומען ביי זיי אַ גלאָז טיי און זיך פשוט מחיה געווען.

די דריי יידן זיינען געווען סוחרים טאַקע פון וויניצע, און זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט, וואָס איך בין — צי בין איך אַ סוחר, צי פאָר איך גלאַט אַזוי צו גאַסט, צי וועל איך לאַנג פאַרבלייבן אין וויניצע.

נעם איך און זאָג זיי דעם אמת, אַז איך פאָר ווערן אַ בוכהאַלטער ביי מיין פעטער.

— אַ בוכהאַלטער! וואָס־זשע, דער פעטער אייערער האָט דען ניט קיין בוכהאַלטער?!

מסתם האָט ער.

— צו וואָס־זשע טויג אים נאָך אַ בוכהאַלטער?

— נישקשה, ער קאָן נוצן צוויי — רופט זיך אָן איינער פון די דריי, אַ שיינער ייד מיט אַ ווייס פּנים און מיט אַ שוואַרצער, זיידענער באָרד — איר שפּילט זיך עפּעס מיט משה ליוואָוויטש, ער קאָן דאַכט זיך נוצן צען בוכהאַלטערס...

אַז איך האָב דאָס דערהערט, איז מיר געוואָרן זייער גרינג אויף דער נשמה. און איך האָב שוין מיט גרויס אומגעדולד געוואָלט זיין אין וויניצע, כאָטש מיין האַרץ האָט ביי מיר געקלאַפּט פון דעם נייעם און אומדער־וואַרטן וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר. איך האָב אין מיין פאַנטאַזיע זיך

געמאָלן אַ בילד פון מיין רייכן פעטערס שטוב, פון דער גרויסער שטאָט ווינניצע.

און איך האָב אפילו ניט געקאָנט לאַכן פון די וויצן און מעשהלעך, וואָס די דריי סוחרים האָבן זיך דערציילט און פון וואָס זיי האָבן מיט אַזאַ הנאה געלאַכט ביז טרערן אין זייערע אויגן.

איך האָב נאָר קוים, קוים געטאָן אַ לייכט שמייכעלע, ווי אַ קינד נאָך אַ שווערער קראַנקהייט.

שפּעט אין אָוונט האָט דער קאָנדוקטאָר געטאָן אַ געשריי: ווינניצע!

די דריי סוחרים נעמען אַ פאַיעטאָן און בעטן מיך, אַז איך זאָל מיט־פאָרן. זיי וועלן סיי־ווי דורכפאָרן דורך משה ליוואָוויטשעס הויף, וועט מען מיך דאָרטן אַראָפּלאָזן. איך פאָר מיט זיי. און אין אַרום אַ פערטל שעה שטיי איך שוין מיט מיין רענצל ביי אַ טויער אַ פאַרמאַכטן. איך קלאַפּ אין טויער און קיינער עפנט ניט. דער פאַיעטאָן מיט די סוחרים איז שוין אַוועקגעפאָרן. איך הויב אויף מיין קאָפּ און קוק אַרויף צו דער שטוב. עס איז אַ טונקעלער, הויכער מויער, מיט לאָדן פאַרמאַכטע. עס גייט קיינער ניט פאַרביי, כאָטש שריי געוואַלד. אָבער צו מיין גליק איז אַ יידענע אַרויס פון אַ פאַרטקע פונעם טויער. זי איז געווען אַ דינסט ביי מיין פעטער. און זי האָט מיך אַריינגעפירט אין הויף און דורך טרעפּ אַרויף צום פעטער אין שטוב אַריין.

אַכטער קאַפּיטל

איך בין אַריינגעפאַלן מיטן רענצל אין האַנט צו מיין פעטער משה ליוואָוויטש אַרום 11 אַזייגער ביינאַכט. אין אַ ווינקל פון צימער איז געזעסן ביי אַ קליין טישל אַ יונגערמאַן איבער גראָבע חשבונות־ביכער, די מומע שרה, אַ נידעריקע און פעסטע יידענע מיט אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ פון וואַנען עס האָט פֿרום און יידישלעך אַפּירגעשטעקט אַ טשופּיק, האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום טישל און אַז זי האָט מיך דערזען אַריינקומען, האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן, ווייל זי האָט מיך ניט דערוואַרט.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — האָט דער יונגערמאַן ביי די ביכער צו מיר געזאָגט.

— איך בין אייזיק, חיימס זון, פון רישקאַן — האָב איך קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון דעם, וואָס איך האָב זיך געדוויגעט מיטן רענצל איבער די פילע טרעפּ אַרויף.

— אָ, חיימס זון! — איז די מומע צו מיר צוגעקומען און מיר געגעבן שלום און מיך אָפּגעמאָסטן מיט אירע גרויסע, שטרענגע אויגן פון קאָפּ ביז צו די פיס — מוזט זיין הונגעריק... און זי איז אַוועק דורך אַ טיר ערגעץ, מסתּם אין קיך אַריין.

עס האָט דורך אַ קעגנאיבערדיקער אָפענער טיר פלוצים געטאָן זיך אַ באַוויז אַ הויכע פיגור אָנגעטאָן אין גאַטיעס. איך האָב זיך אַזש געטאָן אַ וואָרף, ווייל איך האָב אַזאַ ווייסע פיגור ניט דערוואַרט דאָ אין אַזאַ גביריש הויז. כאָטש דעם אמת געזאָגט, האָב איך אין אָט דעם צימער גאָר ניט באַמערקט קיין שום גבירעשאַפט. אַלץ איז דאָ געווען פּראָסט. דאָס טישל, די פּאָר בענקלעך און דער סאַמאָוואַר, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קליינעם קאַמאָד — אַלץ איז געווען פּראָסט און פּשוט.

די פיגור אין גאַטיעס איז צו מיר צוגעקומען און מיר געגעבן שלום. איך האָב זיך געדאַרפט אָנשטויסן, אַז דאָס מוז זיין מיין פעטער משה ליוואָוויטש. עס איז ביי אים געווען זייער אַ לאַנגע באָרד שוין צוגעמישט מיט גראָע האָר און ער האָט אויף זיין אויסערגעוויינלעך הויכן קאָפּ געטראָגן אַ יאַרמעלקע. די פֿיס זיינען געווען באָרוועס און אַפילו ניט אין

קיין פּאַנטאָפל. און אַז די מומע שרה איז צוריקגעקומען, אַפּנים פון קיך, מיט צוויי אייער און ברויט מיט פּוטער און זי האָט דערזען דעם פעטער משה אַזוי אין די גאַטיעס און אַ באָרוועסן, האָט זי זיך אויף אים צעשריען, פאַרוואָס ער שעמט זיך גאָר ניט פאַר אַ פרעמדן מענטשן...

דער פעטער האָט געטאָן אַ גלעט די לאַנגע באָרד און איז פאַר־שוואונדן דורך דער אָפּענער טיר. און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט דאָ ביים קליינעם טישל און אויף אַ ברעג געגעסן די לויזע אייער מיט ברויט מיט פּוטער.

דער יונגערמאַן איז אַפּנים געווען דער בוכהאַלטער, ווייל איך האָב געזען, אַז ער ציט־אונטער די חשבונות און רעכנט, און ער איז עפּעס געווען ברוגז אויף אונז, ווייל מיר האָבן אים געשטערט.

דאָס הייסט איך האָב אים גאָרניט געשטערט, נאָר די מומע שרה האָט אים געשטערט דערמיט, וואָס זי האָט מיך אויסגעפרעגט וואָס די מאַמע טוט און וויפיל קינדער עס איז דאָ ביי אונז און צי איך האָב געזען די באָבע פון קאַמענעץ, איר שוועסטער.

דער יונגערמאַן האָט גערעכנט און פאַרשריבן. איך האָב באַמערקט, אַז די מומע מיינע ווינקט צו מיר און וויזט מיט די אויגן אין דער קרום אויף זיין זייט... וואָס זי מיינט, ווייס איך ניט. איך כאַפּ אַלע מאָל אַ קוק צו אים, ווי אַזוי ער שרייבט אַריין אין בוך אַריין. כ׳האָב באַמערקט, אַז ער האָט זייער אַ שיינע האַנטשריפט און ער שרייבט מיט זייער אַ דריבנעם כתב און אַז די ציפערן קומען ביי אים אַרויס אַזוי קיילעכיק און אָפּגעטאָקט. מיר ווילט זיך זייער זיין באַקאַנט מיט אים. אָבער די מומע האָט מיך ניט פאָרגעשטעלט פאַר אים. און ער האָט מיר ניט געגעבן קיין שלום. און, ווידער, איך זאָל גאָר אים געבן שלום, ווייס איך ניט צי עס איז ריכטיק.

איך זע, אַז ער האָט אַ ווייס פּנים אַן אָפּגעגאָלטס. זיינע האָר פון קאָפּ זיינען קוטשעראַווע, שוואַרץ און זיי גלאַנצן, ווי זייד. ער האָט צוויי שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, וואָס אַז זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויף מיר, האָבן זיי באַלד מיך דורכגענומען און דערזען מיין קליינשטעטלדיקייט און מיין גע־פּאַלנקייט; צוויי שלעכטע אויגן, וואָס ווען זיי האָבן אויף מיר געטאָן אַ בליק האָב איך זיך גענומען וואָרגן מיט דעם לויזן איי...

איך הער ווי די מומע זאָגט צו אים:

— קופּטשיק, זאָל שוין זיין גענוג פאַר היינט אויפדערנאַכט.

הייסט עס, אַז ער הייסט קופּטשיק.

ער גיט זיך אַ הויב־אויף און פאַרמאַכט די ביכער. דאָס זיינען צוויי שווערע, גראָבע ביכער מיט גרויסע טאָוולען מיט רויטע, לעדערנע רוקנס.

קופּטשיק נעמט די ביכער און טראָגט זיי אַריין אין יענעם צימער, וואו דער פעטער איז פאַרשוואונדן.

דערנאָך גייט ער אַוועק אָן אַ זיי־געזונט און אָן אַ גוטע־נאַכט.

און די מומע גיט אַזאַ זאָג צו מיר:

— דאָס איז מיין ראַזבויניק...

זי מיינט קופּטשיקן, ווייל זי ווייזט אויף דער טיר וואו ער איז אַוועק. איך זיץ און שוויג.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט איבערקוקן די ביכער און מיר זאָגן צי אַלץ איז ריכטיק פאַרשריבן און אונטערגעצויגן — זאָגט די מומע צו מיר — דו ווייסט עפּעס אין ביכער?

— יאָ, איך האָב דאָך צוויי אַטעסטאַטן — זאָג איך און נעם זיך שוין עפענען מיין רענצל, כּדי אַרויסצונעמען די אַטעסטאַטן.

די מומע איז דערווייל אַוועק און צוריק אַריינגעבראַכט די גראָבע ביכער און זיי אַוועקגעלייגט אויפן טישל. איך האָב דערווייל דערביוועט די אַטעסטאַטן און זיי דערלאַנגט מיין מומען. זי קוקט און קוקט. ווי עס האָט אויסגעוויזן, האָט זי ניט געקאָנט לייענען ניט קיין דייטש און ניט קיין רוסיש.

— מילא... — האָט זי געזאָגט — נעם און קוק אַריין אין די ביכער און רעכן־נאָך און זע, צי עס איז ריכטיק, ווייל איך ווייס, אַז קופּטשיק איז אַ ראַזבאָיניק און ער באַראַבעוועט מיך אינאײינעם מיט מיין יאַנקלען...

— שאַ, שאַ! — הער איך ווי דער פעטער שרייט פון אַלקער — זי האָט זיך שוין צעלאָזט... רק מען באַראַבעוועט זי...

— הער אים ניט! — זאָגט צו מיר די מומע — ער איז עובר־בטל, דיין פעטער.

הכּלל, איך זע, אַז איך בין אַריינגעטראָטן מיטן רעכטן פוס... נאָר פונדעסטוועגן עפן איך אַ בוך און איך נעם דאָס ערשטע בלאַט, וואָס פאַלט מיר אין האַנט. איך רעכן־אונטער, און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב געפונען אַ טעות אין הונדערט קערבלעך.

— אָ, זעסט! — שרייט אויס די מומע — אויף איין בלאַט האָט ער שוין צוגענומען ביי מיר הונדערט קערבלעך!...

איך וויל אָבער זיין זיכער אין מיין חשבון, און איך ציִ־אונטער נאָך אַמאָל און איך געפין־אויס, אַז דער חשבון שטימט אַזוי ווי קופּטשיק האָט פאַרשריבן.

— נו, מילא, האָט ער אויף דעם בלאַט ניט געגנבעט — זאָגט די מומע — פּרוּאוו אַ צווייטן בלאַט.

הכלל, איך האָב אונטערגעצויגן אַ סך בלעטער און ניט געקאָנט גע־פינען קיין שום טעות. און מיר האָט זיך זייער געוואָלט, אַז איך זאָל געפינען עפּעס אַ טעות, כּדי איך זאָל קאָנען באַווייזן מיין מומען, אַז איך בין אַ מאָדים...

די ערשטע נאַכט אין ווינניצע האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס די מומע האָט מיך באַלייגט שלאָפן אין אַ גאַר־גאַר גרויסן זאַל מיט הויכע פענצטער פאַרהאַנגענע און פאַרלאָדנטע. דאָ אין דעם זאַל איז געשטאַנען אַזאַ מין לאַנגער טיש מיט קרעסלעס אַרומגעשטעלט און מיט אַ גרויסן שטול אויבנאָן מיט אַ הויך ווענטל, ווי ביי אַ קייסערלעכן טראָן. איבערן טיש זיינען געהאַנגען דריי לאָמפּן פונעם סופיט מיט קרישטאָלענע קאַנ־דעלאַבּרעס.

— אָט דאָס איז גבירישקייט! — האָב איך געטאָן אַ טראַכט.

מיין בעט איז געווען אַזאַ מין דיוואַן אין אַ ווינקל. און דאָ אין אָט דעם גרויסן זאַל האָט דאָס בעטל אויסגעוויזן אַזוי קליין און נידעריק, ווייל די ווענט זיינען געווען זייער הויך און באַמאָלן מיט אַלערליי חיות און סצענעס פון וועלדער מיט טייכעלעך און בריקלעך...

איך לייג זיך אָפּרוען. איך בין מיד. ווינניצע איז, ווייזט־אויס, אַ שטיל שטעטל, עס איז ניט קאָמענעץ. נאָר איך קאָן ניט שלאָפן. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר מיר טוט איצט באַנג. פאַרוואָס איך האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט פאַר דעם הער קופּטשיק. נאָך אַלעמען בין איך דאָך געקומען זיין אַ געהילף צו אים. אָבער דער קליינשטעטלדיקער שטאָלץ האָט זיך גע־שטאַרקט אין מיר: פאַרוואָס האָט ער מיר ניט געגעבן שלום?...

אינדערפרי בין איך אויפגעשטאַנען און איך האָב זיך געוואָלט וואַשן. האָב איך ניט געוואוסט, וואו די קיך איז. און ביי וועמען צו פרעגן איז אויך ניט געווען. דער פעטער און די מומע זיינען שוין ניט געווען אין שטוב. איך בין אַריין אין אַלקער, וואו זיי האָבן געזאָלט זיין לויט מיין רעכענונג. אָבער דאָרטן זיינען געווען צווייז לייזיקע בעטן, און צווישן זיי איז געשטאַנען אַ הויכע פייער־קאַסע. זי איז געווען אָפן און פול מיט געלט. דאָס גאָלד, זילבער און פּאַפּיר־געלט האָט ממש ווי אַרויסגעוואונקען צו מיר... איך בין בייגעקומען דעם יצר־הרע און פון דאָרטן אַנטלאָפן... און אַוועק מיט אַן אַנדער טיר און זיך אָנגעשלאָגן אין דער דינסט, די זעלבע יידענע, וואָס האָט מיר געעפנט נעכטן ביינאַכט דעם טויער.

— וואו וואַשט מען זיך דאָ? — פרעג איך זי.

— אָט־אַ־דאָ, אין קיך — זאָגט זי צו מיר זייער צערטלעך. — דאָ איז אַן עולם־התוהו... אַ פרעמדער מענטש קאָן דאָ פאַרפאַלן ווערן...

איך האָב זי אָנגעקוקט און ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט. איך האָב זיך איינגעוואָשן, און זי האָט מיר געגעבן אַ האַנטוך. איך האָב איר געדאַנקט. און אַז איך בין פאַרטיק געוואָרן, בין איך אַראָפּגעגאַנגען מיט די טרעפּ אַראָפּ אין הויף אַריין.

דער הויף איז גרויס און פּירעקעכיק. אַרום־אַרום שטיבער, מאַגאַזינען, קאַמערן. מיך באַגעגנט אַ יונגערמאַן מיט אַ יונג שוואַרץ בערדל און מיט פאַרשמירטע, פאַרגרעבטע הענט און מיט פאַרשמאַלצעוועטע קליידער.

— איר ווילט דאַווענען? — פרעגט ער מיך.

פונוואַנען ער ווייסט, אַז איך בין נאָך ניט קיין געדאַוונטער, פאַרשטיי איך ניט. ער וואַרט ניט אויף מיין ענטפער.

— גייט אַריין אין פעטערס אייגענער קלויז, אַן דאָרטן — ווייזט מיר אָן אויף אַ געביידע טאַקע דאָ אין הויף.

— איך בין דעם פעטערס אַ שוועסטערס אַ זון — ענטפערט ער מיר — און איך הייס יאָסל. ווי הייסט איר?

איך זאָג אים מיין נאָמען און לאָז אים וויסן, אַז איך בין פון דער מוטערס צד.

— איך איז גוט... ווייל די מומע שרה איז די גאַנצע מאַכערקע... דער פעטער ווייסט ניט אַ קאָץ אַן עק צו פאַרבינדן... — זאָגט יאָסל צו מיר גאַנץ אָפנהאַרציק. און ער גיט מיר אַ פרעג: — וואָס וועט איר דאָ טאָן?

— איך בין אַ בוכהאַלטער — זאָג איך.

— נו, און קופּטשיק?...

— כ׳ווייס?...

— אַ ביטערער יונג...

— יאָ?

— אָבער איר האָט ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר אים... איר זיינט פון דער מומעס צד...

נאָך אָט דעם קורצן געשפּרעך בין איך אַוועק אין פעטערס קלויז. דאָרטן האָבן שוין יידן געדאַוונט און דאָרט איז שוין דער פעטער אַרומגעגאַנגען אין אַ טלית מיט אַ זילבערנער עטרה. איינער פון די יידן, הפּנים דער שמש, האָט מיר אויסגעליגן אַ פּאָר תפילין, און איך האָב אָפּגעדאַוונט.

די קלויז איז געווען ריין, ציכטיק, און פון אַלץ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן זילבער און גאָלד. דער פעטער משה ליוואָוויטש האָט מיר

צוריקגעבראַכט אַרויף אין שטוב, אַז איך זאָל טרינקען טיי. דאָרטן האָט שוין דער סאַמאָוואַר געזאָטן אויפן טישל און עס זיינען געשטאַנען אַ סך גלעזער אויף אַ טאַץ. דער פעטער האָט אָנגעצאַפּט אַלע גלעזער מיט טיי און האָט זיך אַנידערגעזעצט טרינקען. איך האָב געטרונקען איין גלאָז טיי, פּאַמעלעך, ווייל זי, די טיי, איז געווען זייער הייס. און אין דער צייט, וואָס איך האָב געטרונקען איין גלאָז טיי, האָט דער פעטער אויסגעטרונקען די איבעריקע גלעזער מיט טיי. און אַזוי גיך, ווי ער האָט זיי אויסגע־טרונקען האָט ער זיי צוריק אָנגעצאַפּט מיט פרישער טיי... און ווערליק איך האָב נאָכגעציילט, האָט דער פעטער משה מסתּם אַריינגעגאָסן אַ פּאָר צענדליק גלעזער מיט טיי. זיין שיין פּנים איז אַזש געוואָרן רויט, און אויף זיין הויכן שטערן האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס שווייס, ווי טערקישע ניסלעך.

נײַנטער קאַפּיטל

איך האָב אויסגעטרונקען גאַר איין גלאָז טיי און זיך געוואונדערט, ווי אַזוי דער פּעטער משה קאָן אין זיך אַרײַנגיסן אַזוי פיל גלעזער. און איך האָב זיך אויפגעהויבן, ווייל איך בין דאָך עפּעס געקומען אויף אַ שטעלע און ניט טרינקען טיי...

— אייל זיך ניט — זאָגט צו מיר דער פּעטער משה — דער טאָג איז נאָך גרויס. מירן דאַרפן צוגיין צום גאַדזיראַטעל דיך זאַיאָווען.

— ווען, הײַנט?

— אויב דו וועסט האָבן צייט.

איך קוק אָן מײַן פּעטער. וואָס הייסט צי איך וועל האָבן צייט? ער, אַ ייד מיט אַזוי פיל געשעפטן, זאָגט ער גאָר מיר, צי איך וועל האָבן צייט.

איך האָב אָבער ניט געזען אויף זײַנע אויגן קיין שום חוזק־בליק. זײַן פּנים איז געווען אַזוי ריין און אומשולדיק ווי ביי אַ איש־תּמים.

— פּעטער — זאָג איך — איך גיי דערווייל אַראָפּ אין קראָם.

— גיי, גו וועסטו זען ווי דײַן מומע קאָמאַנדעוועט.

איך בין אַראָפּ מיט די טרעפּ און פון הויף אַרויסגעגאַנגען דורך דעם טויער. און דורך דער גאַס אַריין אין מײַן פּעטערס קראָם.

איך בין געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער פון דער גרויס פון דער דאָזיקער קראָם. דאָס איז געווען אַ ריזיקער סקלאַד מיט הויכע ראַפּטן אָנגעפּיקעוועט פון דער ערד ביז צו דער סטעליע מיט סחורה. באַלד רעכטס ביי דער פאָדערשטער טיר איז געווען אַ קאַנטאָרקע מיט שטאַכעט־לעך און מיט אַ טירל. איינעווייניק אין דער קאַנטאָרקע אַ טישל מיט טינט און פעדער און מיט ביכער און מיט האַטשיקלעך אויף די ווענטלעך פון דער קאַנטאָרקע און אויף די האַטשיקלעך העגגען חשבונות, צעטעלעך, דובליקאַטן.

„דאָ־אָ, וועל איך מסתם זיצן”... גיב איך אַ טראַכט. און אַזוי ווי איך טראַכט גייט צו מיר צו אַ רויטער יונגערמאַן מיט אַ סך קלייען אויף זײַן פּנים און גיט מיר בייז אַ פרעג:

— וואָס האָט איר געוואָלט?!

— וואו איז די מומע שרה? — זאָג איך כּדי דעם רויטן בעל־כּעסן וויזן, אַז איך בין דאָ ניט קיין פרעמדער.

— ווער זייט איר?! — כמורעט ער בייז זיין שטערן.

— אַן אייגענער... — זאָג איך.

דער רויטער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און לאָזט מיך שטיין. איך זע, אַז דער רויטער באַגעגנט זיך מיט דעם שוואַרצן יאַסלען, וועמען איך האָב שוין פריער באַגעגנט אין הויף. און יענער גיט אים שוין איבער, ווער איך בין.

די מומע שרה קומט אָן ווי אַ וויכער. איר זיידענע פאַטשיילע איז ביי איר גיט פאַרבונדן אונטערן האַלז, נאָר די צוויי עקן פון דער פאַטשיילע זײַנען פריי און בשעת זי לויפט ווייען די דאַזיקע עקן אין דער לופט.

— האָסט שוין געטרונקען טיי? — זאָגט זי צו מיר מיט אַ רחמנות פּנים און מיט אַ וויינענדיק קול.

— יאָ, מומע.

— נו, דריי זיך אַרום און קוק זיך צו. — זאָגט זי און לאָזט מיך איבער. איך הער זי שוין שרייען אויף ביידע, דעם רויטן און דעם שוואַרצן.

איך פאָלג מיין מומע און קוק זיך צו. עס קומען קונים און מאַכן באַ־שטעלונגען. איך זע, אַז דאָס איז אַ הורטאָווגע אייזן־קראָם. עס הויבט אָן זידן ווי אויף אַ יאַריד. פורן פאָרן אַריין דורכן טויער און ברענגען סחורה פון דער באַן. און פורן פאָרן אַריין און לאָדן זיך אָן מיט אייזנ־וואַרג, מיט בלעך, מיט פעסער סמאָלע, מיט קעסטלעך צוועקעס, מיט זעקלעך צעמענט.

די מומע לויפט אַרום. אָט איז זי אין הויף און אָט איז זי צוריק אין קראָם. יעדע ווײַלע ווען זי קומט אַריין אין קראָם גיט זי ביי מיר אַ פרעג:

— ער איז נאָך ניטאָ?

איך שטעל זיך פאָר, אַז זי מיינט דעם בוכהאַלטער קופּטשיק. זאָג איך, אַז ער איז נאָך נישטאָ... עס באַווייזט זיך אַ נידעריקער יונגערמאַן מיט אַ קיילעכדיק שוואַרץ קאַפּעלושל און מיט אַ ריזשע ציגן בערדל. ער בויגט זיך אַריבער די שטאַכעטלעך פון דער קאַנטאָרקע, באַברעט עפּעס אין די פּאַפּירן. אַז ער זעט ווי איך קוק זיך־צו, גייט ער צו צו מיר און גיט מיר שלום.

— מיין נאָמען איז יאַנקל ליוואָוויטש. ווי הייסטו?

איך זאָג אים מיין נאָמען?

— נאָך ניטאָ קופּטשיק? — פרעגט ער.

— נאָך נישט.

יאַנקל נעמט אַרויס אַ גילדערנעם זייגער, גיט אַ קוק און זאָגט:
—שוין באַלד צען...
יאַנקל גייט אַרויס. און דער רויטער, בייזער יונגערמאַן קומט צו צו מיר.
— וואָס האָט ער דיר געזאָגט?
— וואָס איז דיינע געשעפטן? — ענטפער איך אים צוריק מיט אַ בייז קול.
— אַזוי? אַ קלוגער?! — גיט דער רויטער אויף מיר אַ שטעל־אָן צוויי מעסער־שטעך אויגן. אין מיטן דערינען גיט אַ קום־אָן צולויפן די מומע.
— מיין יאַנקעלע איז דאָ געווען?
— היט אים!... — זאָגט זי צו מיר.
„אַ שיינע מעשה!..." — טראַכט איך. איך זאָל היטן איר אייגענעם זון...
— ער איז נאָך ניטאָ? — פרעגט די מומע מיט אַ וויינענדיק קול.
— נאָך נישט — ענטפער איך.
אָבער אין דער דאָזיקער מינוט האָט געטאָן אַ קום אַריין קופּטשיק אין אַ פּעלערינע מיט אַ גרויסן קאַפּעליוש, אַ שוואַרצן און מיט ברייטע ראַנדן, מיט אַ שיינעם שטעקן אין האַנט. ער זאָגט גאָרניט, נאָר גייט גלייך צו דער קאָנטאָרקע. נעמט וואוילעריש אַראָפּ די פּעלערינע און הענגט זי אויף אויף איינעם פון די האַטשיקעס מיט די חשבונות. נעמט אַראָפּ דעם הוט און זעצט זיך ביים טישל.
די מומע גיט צו מיר אַ קרומען וואונק מיט די אויגן און שוועבט אַוועק. איר לאַנג קלייד שלעפּט זיך נאָך נאָך איר. און מיר דאַכט זיך, אַז איך זע טריפּקעס אויפן זוים פון איר קלייד.
דער בוכהאַלטער קופּטשיק גיט מיך אַ קוק־אָן מיט פאַרניכטנדיקע אויגן. איך פּרואוו צו אים טאָן אַ שמייכל. אָבער איך פיל, אַז מיין שמייכל ווערט פאַרגליווערט.
דער רויטער גייט צו צום בוכהאַלטער און שרייט אויס פריילעך:
— גוטמאָרגן!...
און בויגט זיך צו אים אַריבער איבערן שטאַכעטל און רוימט אים איין אַ סוד, דערנאָך צעלאַכן זיי זיךביידע.
איך בין זיכער, אַז עס איז אויף מיין חשבון. ביי מיר פלאַמט דאָס פּנים. איך גיי אַרויס דורך דער טיר אויפן גאַס. די גאַס איז ברוקירט און לויפט ווי באַרג אַראָפּ. דער טראָטואַר איז מיט פלאַכע, גראָע שטיינער

אויסגעלייגט. עס פאָרן פאַרביי וועגן מיט משא. די פערד ווילן זיך איינ־גראָבן מיט זייערע פּאַדקאָוועס אין די שטיינער פון ברוק אַזש עס פליען פונקען. עס שמעקט מיט זשאָווער, מיט סמאָלע, מיט גיפּס. איך שטיי און באַטראַכט די שטאָט וויניצע. און מיר דאַכט זיך, אַז זי איז עפּעס אַזאַ פרעמדע, אַזאַ ניט קיין שיינע און אַ בייזע... די ווענט פון די מויערן דאָ אויף דער גאַס זיינען טונקל רויטע, ווי עס וואָלט דאָ געווען אָסטראָגן און ניט קיין וואוינונגען.

איך וועל יענעם ערשטן טאָג אין וויניצע קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איך בין אַ יינגל פון אַריבער 16 יאָר און איך האָב שוין אַריינגעטראָפן אין אַזאַ פרעמדער, פיינטלעכער אַטמאָספערע. צוליב וואָס בין איך דאָ גע־קומען? און וואָס מיינט מיין מומע, מיך צו מאַכן פאַר אַ נאָכפאָרשער?... נייִן, איך וועל עס איר זאָגן, אַז איך קאָן ניט טאָן אַזאַ אַרבעט...

צוועלף אַזייגער האָט מיך די מומע גערופן עסן אָנבייסן. בין איך מיט איר געגאַנגען אינאיינעם מיט די טרעפּ אַרויף.

— נו, ווי געפעלט דיר וויניצע?

— אַ שטאָט... — זאָג איך.

— פול מיט הולטייעס... פאַרענדיקט די מומע פאַר מיר.

— מומע — זאָג איך — ווען וועל׳ך שוין עפּעס אָנהויבן צו טאָן?

— האָב צייט, קוק זיך אַרום...

—איך וויל עפּעס טאָן — זאָג איך און מיין צונג פאַרהאַקט זיך און איך קאָן ניט זאָגן דאָס וואָס איך וויל.

— וואַרט, איך וויל פון אים פּטור ווערן... — גיט די מומע אַ זאָג און איך ווייס ווער ען זי מיינט.

מיר זיינען אַריין אין הויז. דער גרויסער טיש, וואָס אין דער ריזיקער זאַל, איז געווען געגרייט נאָר אויף איין ברעג.

— גיי אַריין צו מיין אידימוניו און בעט אים אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל גיין עסן... — זאָגט די מומע צו מיר און זי ווייזט מיר אָן אויף אַ טיר רעכטס פון דער גרויסער זאַל.

גיי איך אַוועק צו יענער טיר און עפן זי און גיי אַריין.

עס האָט מיר געטאָן אַ זעץ אין דער נאָז אַ פאַרדומפּטער ריח, וואָס מען פילט געוויינלעך אין אַ שטוב, וואו עס איז דאָ קליינע קינדער... און פאַר מיר איז געשטאַנען אַ פּערזאָן אין טונקעלע ברילן, ווי ביי אונזער רישקאָנער אַפּטייקער, און מיט אַ שוואַרצער שיטערער באָרד און מיט

זייער בלייכע הענט. האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער מומעס איידים.

— די מומע בעט אייך אַריין עסן — זאָג איך.

— זאָג דער מומע, אַז מיר זיינען ניט הונגעריק.

גיי איך צוריק און גיב איבער דער מומען, אַז ער האָט געזאָגט, אַז ער איז ניט הונגעריק.

— באַ!... — האָט די מומע געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט — אַז גאָט וויל שטראָפן אַ מענטשן זאָל ער אים געבן אַ רבס אַ זון פאַר אַן איידעם...

דער פעטער משה האָט זיך געזעצט אויפן שטול, וואָס זעט אויס ווי אַ קייזערלעכער טראָן. די מומע פון איין זייט און איך פון דער צווייטער זייט. די דינסט האָט דערלאַנגט אַ פּראָסטן, יידישן אָנבייסן פון צעהאַקטע לעבער מיט ציבעלעס און אַ יויך מיט קאַשע.

און דערנאָך האָב איך זיך ווידער אַרומגעבלאָנקעט אין קראָם, אין הויף און אין גאַס. און איך האָב געזען ווי דער מומעס זון, יאַנקל, סודעט זיך מיטן בוכהאַלטער קופּטשיק. און זיי לאַכן ביידע און קוקן אויף מיר. מסתּם, טראַכט איך, בין איך זייער קאָמיש, וואָס מען לאַכט פון מיר.

אין אָוונט, נאָך וועטשערע, בין איך אַרויס אַ ביסל אָנקוקן די שטאָט וויניצע. איך האָב ניט געקאָנט זיצן אין שטוב, ווען דער בוכהאַלטער האָט דאָרטן זיך צעלייגט מיט די ביכער אויפן טיש...

איך בין געגאַנגען באַרג אַרויף, ווייל איך האָב געזען, אַז באַרג אַרויף איז די גאַס זייער באַלויכטן. קומענדיק אויפן באַרג, האָב איך דערזען אַ סאָדע בודקעלע. בין איך אַריין טרינקען סאָדע וואַסער מיט שאָקאָלאַדקעס. איך האָב דערלאַנגט דעם מיידל אַ פּערציקער און זי האָט מיר געגעבן צוריק 13 קאָפּיקעס. דאָס הייסט, אַז זי האָט גערעכנט 5 קאָפּיקעס פאַרן זעלצער־וואַסער און צוויי קאָפּיקעס פאַרן איריס. מילא, טראַכט איך, אַביסעלע טייערלעך. אָבער איך האָב גאָר ניט געזאָגט נאָר, אַ גוטע נאַכט... און דאָס מיידל האָט מיך געבעטן אַריינקומען נאָך אַמאָל.

הייסט עס, אַז איך האָב שוין אַ פריינט אין וויניצע. איך גיי שוין מיט זיכערע טריט אין מיין מומעס הויז. עס איז אַ קילער, מילדער אָוונט. און איך קום אַרויף און טרעף נאָך דעם ווערעמדיקן בוכהאַלטער ביי די ביכער. איך גיי אַריין אין זאַל און זעץ זיך אַנידער אויפן דיוואַנטשיק. עס איז דאָ פינצטער. איך הער, ווי די מומע פרעגט ביי קופּטשיקן, צי עס איז היינט דער באַלאַנס...

— פינף טויזנט זעקס הונדערט.
— אַי, מען לייזט ניט געננוג... — גיט די מומע אַ קרעכץ.
— מיטוואָך איז אַלע מאָל דאָ ווינציק — זאָגט קופּטשיק.
איך האָב שוין קוים דערלעבט, אַז דער בוכהאַלטער זאָל אַוועקגיין. דאַן האָט מיר די מומע אַריינגערופן, אַז איך זאָל נאָכקוקן די חשבונות.
איך קוק נאָך די חשבונות.
— אַלעס איז ריכטיק — זאָג איך.
— אַ ממזרוק... איצט ווען ער ווייסט, אַז דו ביזט דאָ, גנבעט ער ניט... — זאָגט די מומע שרה.
— רק מען גנבעט ביי איר! — קומט דעם פּעטערס שטימע פון אַלקער.

צענטער קאַפּיטל

איך בין שוין אין וויניצע באַלד אַ וואָך און איך דריי זיך אַרום ליידיק. איך פאַרשטיי, אַז קיין בוכהאַלטער קאָן איך שוין ביי מיין מומען ניט זיין כּל זמן קופּטשיק איז דאָ. און אַזוי גיך פּטור ווערן פון אים וועט די מומע אויך ניט קאָנען. איך הויב שוין אָן צווייפלען, צי זי וויל פון אים פּטור ווערן... איך האָב שוין געפּרואווט טאָן עפּעס אין קראָם. האָבן מיך די צווי חברה, דער שוואַרצער און דער רויטער, ניט געלאָזט גאָרניט טאָן. ספּעציעל איז מיר דערגאַנגען די יאָרן דער רויטער קאָפּעל... איך האָב אים געוואָלט העלפֿן און ער האָט מיך געטריבן פֿון זיך.

עס איז שוין ביי מיר אויסגעגאַנגען דאָס ביסעלע דריבנע געלט, וואָס איך האָב געהאַט און איך האָב שוין אין די אָוונטן ניט געקאָנט אַריינגיין אין סאָדע בודקעלע טרינקען אַ גלאָז סאָדע־וואַסער. און אַז איך האָב גע־דאַרפט האָבן אַ מאַרקע, כּדי צו שיקן אַ בריוו אַהיים, האָב איך געדאַרפט אָנקומען צו מיין מומען.

— וואָס איז ביי מיר, אַ פּאָטשט? — האָט זי זיך אויף מיר אויס־געשריען. — און איך האָב ביי איר קיין מאַרקע ניט געקראָגן. האָב איך דאָך אָבער געוואָלט שרייבן אַ בריוו צו דער מאַמע. בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן: איך האָב אָפּגעוואַשן אַן אַלטע מאַרקע און זי צוגעקלעפּט צו מיין בריוו. און דעם בריוו אויפגעלייגט.

אויפן צווייטן טאָג איז געקומען פון פּאָטשט אַ שליח און גערופן מאַיסעי ליוואָוויטשן אין פּאָטשט אַריין... און געווייגלעך האָט מען גע־מיינט, אַז עס איז מסתּם עפּעס אַזאַ ספּעציעלער בריוו אָדער אַ פּאַקעט. און קופּטשיק, דער בוכהאַלטער, איז געגאַנגען אין פּאָטשט אַריין. און דאָרטן האָט מען אים געוויזן אויף אַ בריוו מיט אַ קאָנווערט פון דער פירמע, מאַיסעי ליוואָוויטש, מיט אַ פאַלשער מאַרקע...

און אַזוי ווי עס איז געווען מאַיסעי ליוואָוויטש, וואָס מען ווייסט, אַז ער דאַרף חלילה ניט קיין געוואַשענע מאַרקעס... האָט דער פּאָטשט־מייסטער אָפּגעגעבן דעם בריוו מיט דער פאַלשער מאַרקע דעם בוכהאַל־טער קופּטשיק.

קופּטשיק האָט געעפנט דעם בריוו און איבערגעלייענט און עס איז אים מסתּם פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווייל אין דעם בריוו האָב איך זייער ניט קיין שיינע זאַכן געשריבן וועגן אים.

אַז קופּטשיק האָט דערזען אַז דער בריוו איז מיינער און דאָס גוטע האַרץ האָט ער סיי־ווי געהאַט אויף מיר, איז ער געקומען צוגיין פון פּאַטשט מיט אַ געוואַלד: אַן אומגליק!... קאַטאַרגע!...

— ווער? וואָס? — האָט די מומע ניט פאַרשטאַנען וואָס ער באַלע־בעטשעט.

— אייער קאַנאַריק, אייער נעפּאָטיקל, האָט איך שוין אָנגעאַרבעט אַ חתונה...

— ווער? וואָס? — האָט די מומע נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען.

איך בין גראָד געווען אין קראָם בשעת מעשה. און איך האָב באַלד זיך געכאַפּט, אַז מען מיינט מיך... האָב איך זיך מישב געווען און אַרויס פון קראָם. און אַז איך בין נאָר אַרויס פון קראָם, האָט קופּטשיק באַלד דערציילט דער מומען די גאַנצע מעשה מיט מיין בריוו און מיט דער פאַלשער מאַרקע... און ווי אַזוי דער פּאָטשטמייסטער האָט זיך געוואונדערט וואָס מאָיסעי ליוואָוויטש דאַרף שוין, נעבעך, נוצן געוואָשענע מאַרקעס און ער האָט נעבעך ניט קיין געלט אויף אַ גוטער מאַרקע...

די מומע שרה האָט באַלד מיך גערופן אויף אַ קול. און אַזוי ווי איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין הויף און ניט געהערט ווי זי רופט מיך, איז דער רויטער קאָפּעל געקומען צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער:

— גייט, די מומע רופט אייך... אַ שיינע חתונה האָט איר אָנגע־אַרבעט... דער פעטער משה ליוואָוויטש וועט נאָך מוזן גיין אויף קאַ־טאָרגע...

איך בין געוואָרן אַ פאַרציטערטער און ווען איך האָב אַ טבע חלשן, וואָלט איך מסתּם באַלד געווען אַנידערגעפאַלן. נאָר גיי פאַל, אַז איך האָב ניט קיין טבע... און ווי אַזוי איך האָב געפילט בשעת איך בין אַריין אין קראָם איז איבעריק צו דערציילן.

— וואָס האָסטו געטאָן?! — איז די מומע מיך באַלד באַפאַלן.

— איך?

— וואָס הייסט, דו ווילסט אונז אומגליקלעך מאַכן?

— מומע — — — הויב איך אָן, אָבער זי לאָזט מיר ניט רעדן.

— אַז דו דאַרפסט אַ מאַרקע, קאָנסטו מיר ניט זאָגן?

— איך האָב אייך געזאָגט...

— נו ? !

— האָט איר ניט געגעבן...

— נעמט מען אַליין... די מאַרקעס ליגן אין קאַנטאָרקע.

— אַליין נעם איך ניט, אויב מען וויל ניט געבן...

— און דעם פעטער משה אָוועקשיקן אויף קאַטאָרגע מעגסטו יאָ ? ! שלעכט, וואָס ענטפערט מען אויף דעם ?

— ווייז אַהער דעם בריוו — ווענדעט זיך די מומע מיט כעס צו קופּטשיקן.

— דעם בריוו ? — זאָגט ער און קוקט קרום אויף מיר. — מען האָט אים מיר ניט געוואָלט אָפּגעבן... פריער וויל דער פּאָטשטמייסטער מאַכן אַ ספּראַווקע, ווער עס האָט דעם בריוו געשיקט... עס וועט זיין אַ סליעדסטוויע...

אַז די מומע שרה האָט דערהערט אַזאַ מעשה און אַז איך אַליין האָב דערהערט אַזאַ מעשה, וואָס איך אַליין האָב אָפּגעטאָן מיט מיינע אייגענע הענט — זיינען מיר ביידע געוואָרן זייער טרויעריק.

די מומע שרה האָט געהאַט אַ טבע, ווי איך האָב אין יענעם מאָמענט אויסגעפונען, אַז זי האָט ניט געוויינט ווי אַלע יידענעס... זי האָט פּשוט אַראָפּגעלאָזט איר נאָז און אָנגעבלאָזן אירע ליפּן ביז זיי זיינען אַזש געוואָרן בלאָ... זי האָט גאָרניט געזאָגט. ווארום ווען זי זאָל כאָטשבי אויף מיר געוועזן טאָן אַ געשריי, וואָלט מיר געווען אַ סך גרינגער, ווי פון איר שווייגן. און ווען אַ מענטש שווייגט, ווייסט מען דאָך ניט וואָס ער טראַכט.

איך בין באַלד אַרויסגעגאַנגען אין שטוב, טאָמער וועל איך דאָרטן געפינען דעם פעטער משה. ער איז דאָך מיט מיר געזעסן אַלע אינדערפרי ביים סאַמאָוואַר און מיט מיר געטרונקען טיי, און זיך פאַר מיר אויס־גערעדט זיין האַרץ. ערשט היינט אינדערפרי האָט ער זיך פאַר מיר גע־קלאָגט, אַז עס איז ניט אמת וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ מיליאָנער... „איך האָב דען עפּעס ?״ „ווען איך, זאָגט ער צו מיר, גיב פלוצים אַ שטאַרב אַוועק, וואָס וועל איך ברענגען מיט זיך אויף יענער וועלט ?״... עד האָט מיך פּשוט צעבראָכן מיט זיין פּראַסטקייט און מיט זיינע ערלעכע רייד.

וועל איך איצט אַרויסגיין און פאַר אים אויסדערציילן מיין ביטער האַרץ, ווי איך האָב ניט קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה און ווען איך דאַרף אַ מאַרקע פאַר אַ בריוו צו דער מאַמען מוז איך אָנקומען צו דער מומע שרה און זי וויל ניט געבן... איך וועל אים דערציילן דעם גאַנצן אמת,

אַז איך האָב געפּעלשט אַ מאַרקע און זי אויפֿגעקלעפּט אויף דעם קאָנ־ווערט מיט זיין נאָמען... זאָל ער מיך משפּטן...

אָבער ווען איך בין אַרויפגעקומען, האָב איך דעם פעטער משה ניט געטראָפן אויבן אין שטוב. האָב איך זיך אַנידערגעלייגט אויף דער סאָפקע אין זאַל. איך האָב ניט געקאָנט וויינען, אַזוי פאַרשטיינערט איז ביי מיר געווען דאָס האַרץ. ליג איך אַזוי און טראַכט, וואָס איך זאָל טאָן. און איך ליג אַ צייט לאַנג ביז איך הער, אַז מען גרייט זיך שוין צו גיין עסן אָנבייסן. טראַכט איך, אַז מען דאַרף אָפּטרעטן פון דאַנען. איך וועל היינט ניט גיין זיך אָוועקזעצן עסן מיט דער מומע שרה אינאיינעם.

הויב איך זיך אויף און גיי זוכן ערגעץ אַן אַנטרונעניש. רעכטס, ווייס איך, וואוינט דער מומעס אידים, גיי איך לינקס און עפן די טיר.

ערשט איך גיב אַ קוק, אַז איך געפין זיך אין אַ גרויסער ביבליאָטעק. אַרום אַלע פיר ווענט שאַפעס מיט ביכער און ספרים פון דיל ביז צום סטעליע, אין דער מיט אַ טיש מיט ווייכע קרעסלעס. איך פאַרגעס שוין די גאַנצע מעשה מיטן בריוו און איך קוק זיך אַרום, צי עס איז קיינער ניטאָ. עס איז דאָ אַזוי שטיל און האַלב־טונקל, ווייל דאָס איינציקע פענצטער איז באַלאַדנט. און איך גיי אַרום ביי די גלעזערנע טירן פון די שאַפעס און קוק זיך איין וואָס פאַר אַ ביכער עס ליגן דאָ. איך זע דאָ גמראָס און דעם תנ״ך אין וואונדערבאַרע איינבינדן מיט לעדערנע רוקנס און מיט גאָלד געליישט. איך זע דאָ דעם רמב״ם און דעם יורה־דעה און דעם זוהר... און איך גיי ווייטער און זע כמעט אַ גאַנצע וואַנט מיט פולע שאַפעס מיט דער רוסישער ליטעראַטור. אָט איז טורגעניעוו, גאָגאָל, טאָלסטאָי, ליעס־קאָוו, באָבאָריקין, שטשעדרין, טשעכאָוו, פושקין און לערמאָנטאָוו און איינ־געבונעדע באַנדן „וואָסכאָד״, „בודושטשנאָסט״, „ניוואָ״, „רוסקאָיע באָ־גאַטסטוואָ״. אָט די אַלע ביכער, שווערע, גרויסע און איינגעבונדן אין לע־דער און מיט גאָלד געליישט. און אָט גיי איך ווייטער, איז דאָ אַ וואַנט מיט שאַפעס מיט לשון־קודשדיקע ביכער. אָט איז פּרץ סמאָלענסקין, אַברהם מפּו, יצחק בער לעווינסאָן, קלמן שולמאַן, מענדעלע מוכר ספרים און באַנדן פון „המליץ״, „הצפירה״, „השילוח״ און „המגיד״ און „תולדות הימים״ און דער ביאור און אחד־העם און ביאַליק און ביכער פון „תושיה״ און ביכער פון „אחיאסף״. און איך גיי ווייטער און זע שאַפעס מיט דייטשישע ביכער. איך קאָן דאָך אַ ביסל דייטש פון מיין בוכהאַלטעריע. קאָן איך דערפאַר איבערלייענען די נעמען פון היינע, שילער, געטע.

ווענעמס זאָל די ביבליאָטעק זיין?

עס איז זיכער ניט דעם פֿעטער משה ליוואָוויטשעס... ווייל איך האָב שוין געזען בשעת אונזערע שמועסן ביי דער טיי, אַז דער פעטער משה איז ניט געווען אַזאַ בעל־תורה. ער האָט אפשר געקאָנט אַ ביסל חומש, דאַוונען... אָבער ניט מער. ווער־זשע לייענט אָט־די ביבליאָטעק?

זאָל עס זיין דער אידים? צי אפשר איז זי דאָ נאָך פאַרבליבן פון די צייטן ווען דעם פעטערס צוויי זין זיינען געווען בחורים?

אַלענפאַלס, אַזוי ווי איך האָב ניט געוואוסט ווענענס עס איז די דאָ־זיקע ביבליאָטעק, האָב איך זי מורא געהאַט אַנצורירן. און סיי ווי זיינען די שאַפעס געווען אַלע פאַרשלאָסן.

איך האָב פאַרמאַכט גוט די טיר און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ ווייכער קרעסלע און בין געזעסן און זיך איינגעהערט אין זיך אַליין און וואָס עס איז אין מיר פאָרגעקומען. עס האָבן אין מיר אינעווייניק זיך אויסגעטענהט צוויי־ערליי צדדים... איין צד האָט מיר געמאַכט מיט דער בלאָטע... וואָס הייסט אַ בחור זאָל טאָן אַזאַ זאַך? דאָס הייסט דאָך מורד זיין במלכות... דער צווייטער צד האָט געטענהט פאַרקערט, אַז איך האָב דאָך געמוזט שרייבן דער מאַמען אַ בריוו. און וואו האָב איך געקאָנט נעמען אַ מאַרקע? אַז קיין קאָפּיקע ביי דער נשמה האָב איך ניט... שרייט דער ערשטער צד: האָסטו ניט געזאָלט זויפן סאָדע־וואַסער מיט סאָק און מען פרעסט ניט קיין אירים... זאָגט דער צווייטער צד, אַז דאָס הייסט ניט זויפן און פרעסן... אַז מיר איז ניט גוט געווען אויף דער נשמה און איך האָב געמוזט זיך מיט עפּעס דערקוויקן...

און די קלוגע ספרים מיט די הערלעכע ביכער שטייען אין די שאַפעס און הערן זיך צו... זיי האַלטן מיט מיר... אַזוי דאַכט זיך מיר...

איך זאָג אייך, אַז עס איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט עפּעס בעסערס ווי שאַפעס מיט ביכער... זיי ריידן ניט... נאָר זיי שטייען אַזוי און ווינקען צו אייך און פאַרשטייען אייך שטילערהייט...

דערווייל האָב איך דערהערט ווי מען גרייט דאָרטן אין „זאַל" צום טיש און באַלד הער איך ווי די מומע שרייט מיט איר וויינענדיק קול און רופט מיך... אָבער איך ענטפער ניט. איך וויל היינט פאַסטן. איך וויל זיך ניט באַגעגענען מיט דער מומעס בליקן. און מסתּם ווייסט שוין דער פעטער משה אויך די גאַנצע מעשה. און איך וויל ניט, אַז דער פעטער משה זאָל אויף מיר אָנשטעלן זיינע גרויסע אויגן, אָדער מיך פרעגן ווי איך קום אָפּצוטאָן אַזאַ זאַך...

הער איך ווי די מומע שרייט און רופט מיך און איך ענטפער ניט... איך הער ווי מען שיקט די דינסט מיך זוכן אין הויף און איך הער ווי זי קומט צוריק און זאָגט, אַז זי האָט מיך ניט געפונען.

איך זיץ אַזוי און הער ווי זיי עסן דאָרטן, אונזער רייכע משפחהטע... פאַרוואָס, פרעג איך, קומט זיי אַזאַ רייכטום און מיר גאָרניט? און פאַר־וואָס מוז דוקא אַ רייכע מומע זיין אַזאַ קאַרגע, אַז אַפילו אַ מאַרקע זשאַ־לעוועט זי?

אָבער אַוועקצושיקן דעם פעטער משה אויף קאַטאָרגע איז גאָר אין מיין געדאַנק ניט געווען. טאַקע, וואָס האָב איך צום פעטער משה? ער אַליין זאָגט דאָך, אַז ער פאַרמאָגט גאָרניט...

עלפֿטער קאַפּיטל

זיץ איך מיר אַזוי אין דער שטילער ביבליאָטעק און קוק אויף די פֿאַרמאַכטע שאַפֿעס מיט ביכער. איך הער ווי דאָרטן, ביים פּעטער אין שטוב, עסט מען אַנבייסן אָן מיר. עס פֿאַלט זיי גאָר ניט איין, אַז איך זיץ דאָ אין ביבליאָטעק. מיך הונגערט אַביסל. איך שלינג מיין שפּייעכץ. אָבער איך וועל זיך ניט אונטערגעבן.

און אָט הער איך ווי עס קלאַפּן טעלער און עס קלינגען גאָפּל־לעפל. דאָס ראַמט מען שוין אָפּ פֿון טיש נאָכן עסן. באַלד ווערט ווידער שטיל. און איך זיץ און טראַכט וואָס צו טאָן. וואו זאָל איך זיך אַהינטאָן? די בושה וואָס איך לייד איז ניט אַריבערצוטראָגן. איך זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך און פֿעלשן אַ מאַרקע! דאָס פּאַסט פֿאַר אַ קליינשטעטלדיקן יאָלד... היינט וואו איז דאָס אומגליק, וואָס איך האָב, אפשר, געבראַכט אויף מיין פּעטער משה ליוואָוויטש?... עס וועט נאָך זיין אַ סליעדסטוואָ און מען וועט מיך נאָך שלעפּן אין געריכט און ערשט דאָרטן וועט זיך אַרויסווייזן מיי נאַ־רעשקייט...

איך ציטער אויף פֿון דעם געדאַנק. און פּלוצים עפֿנט זיך די טיר פֿון דער ביבליאָטעק. איך גיב זיך אַ הויב פֿון שטול, ווי איך וואָלט טאַקע געוועזן פֿאַרטיק, אויב מען רופֿט מיך צום יום־הדין...

— גוט מאָרגן אייך! — הער איך אַ ווייך, לאַשטשענדיק קול, כאָטש פֿון שרעק זע איך נאָך ניט ווער עס איז אַריינגעקומען.

— וואָס טוט איר דאָ? — פֿרעגט מיך די פּערזאָן זייער צערטלעך — איר דאַרפֿט זיך ניט שרעקן. דאָס איז מיין ביבליאָטעק...

ערשט איצט האָב איך דערזען, אַז עס שטייט פֿאַר מיר מיין פּעטערס איידים אין שלאָף־ראָק און אין שטעק־שיך.

— איך בין דאָ צופֿעליק אַריינגעגאַנגען — פֿאַרענטפֿער איך זיך. איך פֿיל, אַז מיין שטים ציטערט און איך קאָן זיך קוים איינהאַלטן ניט אויסצוברעכן אין אַ געוויין.

— מיר פֿרייט זייער וואָס איר זיינט דאָ — זאָגט מיין פּעטערס איידים און נעמט זיך אַרום נאָך פֿעסטער מיט די פּאָלעס פֿון זיין שלאָף־ראָק — איך גאָר אַזוי נאָך אַ מענטשן מיט וועמען איך זאָל זיך קאָנען דורכרעדן. זעצט זיך, יונגערמאַן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פאָטעל און מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול קעגנאיבער.

— מיך רופט מען בנציון און איך?

איך זאָג אים מיין נאָמען.

—איך קאָן אייער פאָטער. זייער אַ קלוגער ייד. ווי קומט עס וואָס ער האָט איך געלאָזט פאַרן אַהער? וואָס פאַר אַ צוועק איז דאָ פאַראַן פאַר איך?

—איך ווייס ניט.

—טוט איר שוין עפּעס?

— נאָך ניט.

— איך בין שוין דאָ באַלד 5 יאָר און איך טו נאָך אויך גאָר ניט... אייער פעטער האָט מיר געגעבן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, מיט אייביקע קעסט. עס קלינגט מאָדנע, אַז איך זאָל זיך געוועזן לאָזן אַריינגאַרן מיט אייביקע קעסט... אַ רבס אַ זון... אין אונזער הויז איז קיינמאָל ניט געוועזן אָפּצועסן צו זאַט... און איך בין אַריין אין אַ שמאַלץ גרוב. איך האָב געמיינט, אויב אַזאַ ייד ווי משה ליוואָוויטש האָט אַזוי פיל פעלדער, זאַוואָדן און אַזאַ ריזיקע קראָם, ווי וועל איך אויך עפּעס ניט קאָנען טאָן? לאָזט זיך אויס, אַז דער פעטער משה האָט טאַקע זאַוואָדן, וועלדער און אַ קראָם, אָבער ער אַליין האָט גאָר אַ קליינע דעה... די מומע שרה אייערע, מיין שוויגער, האָט נאָך פּיינט געהאַט איר טאָכטער ווען זי איז געוועזן אַ מיידל. און איך האָב צו איר דערפאַר קיין טענה ניט, ווייל עס איז טאַקע נישטאָ וועמען ליב צו האָבן... זי איז געוועזן אַ פאַרזעעניש מיידלוויז און איז איצט נאָך ניט שענער געוואָרן... נאָר וואו זיינען געוועזן מיינע אויגן? אַ פאַרבלענדעניש איז געקומען אויף מיר... אַ טאָכ־טער פון אַזאַ גרויסן גביר, אַזאַ הויף מיט אַן אייגענער קלויז און מיט אַזאַ רחבות... דער זון ברוך, אויב איר קאָנט אים שוין, האָט אַן אייגענעם זאַוואָד וואָס די מומע שרה אייערע האָט אים ביים לעבן איבערגעגעבן... און מיך האָט זי אַריינגענאַרט מיט אייביקע קעסט... עס קריכט מיר שוין צוריק אירע אייביקע קעסט!

איך האָב דערהערט אַזאַ מעשה איז מיר שוין אַביסל גרינגער געוואָרן אויף דער נשמה. אויב די מומע שרה קאָן אַזוי זיך נוהג זיין מיט איר אידעם, וואָס קאָן איך שוין עפּעס דערוואַרטן לגבי מיר? איך האָב זיך צוגערוקט אַביסל נעענטער צו בנציונען און ביי אים געפרעגט:

— וואָס זשע שווייגט איר?

—— עס וועט ניט העלפֿן קיין שום רייד. איך בין ביי זיי אַ לאַ־יוצלח, אַ באַנק־קוועטשער, אַ שלים־מזל. אַזוי האָט מען מיך באַקרוינט מיט אַלערליי צונעמען. עס פירט זיך דאָ אַ גאַנצע מלוכה מיט אונטערשטופּער און אונטער־אונטערשטופּער... און ווי באַלד איר ווייסט ניט ווי אַזוי זיך אַוועקצושטעלן מיטן ערשטן טראָט, זייט איר באַלד אַ פאַרפאַלענער... ווען איך זאָל געווען קומען מיט דער גרויסער פּאָמפּע... אַ רבס אַ זון... און מיין פֿאָטער איך דאָך אַ ראש־ישיבה און אַ פּראָפעסאָר פֿון מוסר־ספרים, און ווען איך גיב זיך באַלד ביי מיין ערשטן טראָט אַ שטעל־אַנידער מיט מיין גאַנצער וואַזשנעקייט, וואָלטן זיי פאַר מיר געהאַט גרויס דרך־ארץ. אָבער איך בין געקומען ווי אַ פּשוטער מענטש... איך האָב פיינט צו פּראָווען שטיק... ביי מיין טאַטן איך שטוב איז מען פּשוטע מענטשן... איך בין אויך אַזוי דערצויגן געוואָרן, אַז קאָנען לערנען הייסט נאָך ניט אַלץ... מען קאָן אַמאָל ניט קאָנען און דאָך זיין אַ וואוילער מענטש. היינט ווער שמועסט שוין, אַז מען האָט ביידע מעלות, אי מען קאָן לערנען און אי מען איז פּשוט...

באַלד צום ערשטן האָט מיין ווייב גענומען די אויבערהאַנט איבער מיר... זי איז זייער אַ פּראָסטע, כאָטש זי איז אויסגעוואַקסן איז אַזאַ גבירישער שטוב. און דער פּאַרוועניו שטעקט אַרויס פון אַלע אירע פּירעכצן... למשל, איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט אַט די ביבליאָטעק פון מיין טאַטנס הויז. מיין פֿאָטער, כאָטש ער איז אַ ראש־ישיבה, האַלט ער פונדעסטוועגן, אַז אַ מענטש דאַרף וויסן וואָס די אומות־העולם זאָגן אין זייערע ספרים... דערפֿאַר זאָל איך ניט וואונדערן, וואָס איך האָב געהאַט אַזאַ ביבליאָטעק נאָך אינדערהיים. געבראַכט אָט די ביבליאָטעק אַהער, צו משה ליוואָוויטש, האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה: וואו שטעלט מען זי אַוועק? אייער פעטער משה האָט זיך ניט געמישט. מען פרעגט ביי אים סיי־ווי־סיי ניט. נאָר די שוויגער מיינע האָט באַלד גענומען וואָרטשען: וואָס טויג מיר אַזוי פיל ביכער אויף מיין קאָפּ!... זי פאַרשטייט, זאָגט זי, אַז מען ברענגט אָן וואַגאָנעס אייזן, צעמענט, צוועקעס... אָבער צוליב וואָס דאַרף מען אַזוי פיל ספרים? נאָר זי האָט דאָך מורא געהאַט, אַז איך קאָן נאָך נעמען די ביכער מיינע און מאַכן אַ השיבנו באָזאַד... האָט זי מיר קוים מיט צרות און מיט אַ סך קרימעניש אָפּגעגעבן אָט דעם־אָ צימער... און דאַן האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן דער אמתער גיהנום. ווען איך בין נאָר אַריינגעגאַנגען אין מיין ביבליאָטעק עפּעס לייענען, האָט זיך באַלד מיין ווייב באַוויזן און מיר אָנגעהויבן פרעגן קלאָץ־קשיות: וואָס האָסטו פון די ביכער?... וואָס וועלן זיי דיר געבן?...

האסט נאך ווינציק געלערנט אין דיין לעבן?... דערנאך איז געקומען דאס ערשטע קינד און מיין ווייב פלעגט אויסקלייבן די צייט, ווען איך בין אריינגעגאנגען אין מיין ביבליאטעק און זי פלעגט מיטן פיצעלע קינד אויך אריינקומען: זע נאר ווי דאס קינד ברעכט פיסקעס!... זע! דאס קינד לאכט... הכלל, איך האב שוין קיינמאל ניט געקאנט לייענען. סיידן ווען איך פלעג זיך אריינכאפן אמאל ביינאכט...

איך בין געזעסן און באטראכט מיין מומעס אידעם און עס האט מיר אנגעכאפט א רחמנות־געפיל אויף אים. איך האב פלוצים דערזען, אז זיין שלאף־ראק איז זייער קויטיק און פארפלעקט. ווי אזוי איך האב עס פריער ניט באמערקט, איז מיר ניט פארשטענדלעך. איך האב אויך באמערקט, אז זיין יונג פנים איז געל ווי וואקס און צעקנייטשט מיט אן א שיעור קנייטשעלעך פון יסורים און פייניקונגען. און ער האט געעפנט זיין הארץ און רעדט פאר מיר אפן ווי פאר אן אייגענעם חבר... איך הער און שאקל מיטן קאפ.

— וואס זאל איך טאן? — פרעגט ער ביי מיר — גיט מיר אן עצה...

— גייט אוועק פון דאנען — גיב איך זיך אזוי ווי א כאפ־ארויס.

— איך האב דאך שוין פיר קינדערלעך...

— טאקע שלעכט...

איך גיב א שטארקן זיפץ.

— עס טוט אייך וויי עפעס? — פרעגט ער.

— וויי טוט מיר ניט, נאר איך האב אויך צרות...

— דערציילט, דערציילט...

— איר האט נאך ניט געהערט?

— ניין.

— איך בין באגאנגען א נארעשקייט.

— מיט אייער קומען אהער?

— ניין, נאך א גרעסערע נארעשקייט.

— דערציילט...

איך האב אים דערציילט די גאנצע מעשה ווי אזוי איך האב היינט געפעלשט א מארקע און זי אנגעקלעפט אויף א קאנווערט מיטן פעטער משהס נאמען און ווי אזוי מען האט גערופן אין פאטשט אריין און קופטשיק איז געגאנגען... און עס שמעקט, זאגט ער, מיט קאטארגע...

— וואס זשע, איר האט ניט ביי זיך קיין געלט?

— ניט א קאפיקע...

— וואס זשע שוויגט איר?... מענטש איינער!....

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויסגענומען פון זיין הויזן־קעשענע אַ בייטעלע און מיך געפרעגט:

— וויפיל דאַרפט איר?

— כ'האָב מורא, אַז איך וועל ניט קאָנען אָפּגעבן...

— ס'מאַכט ניט... איך ליי אייך...

— גיט מיר צוויי קערבלעך...

— מיט פאַרגעניגן... — און ער דערלאַנגט מיר צוויי פּיזיטלעך.

— אַ דאַנק אייך!

— וואָס הייסט אַ מענטש שוויגט? און מכח דער קאַטאַרגע זאָלט איר זיך גאַרניט זאָרגן. דער פּעטער אייערער האָט גאַנץ וויניצע ביי זיך אין קעשענע... פונעם גובערנאַטאָר ביז צום גאָראָדאָוואָי...

— אָבער טאָמער נעמט מען זיך צו מיר?

— רעדט איבער מיט ברוכן... איר קענט אים שוין? דאָס איז זייער אַ גוטער מענטש. כאָטש איינער דאָ צווישן זיי אַ גוטער...

— איך קען אים נאָך נישט.

— גוט, כ'וועל מיט אים ריידן... זאָרגט זיך ניט... איך וועל אייך איצט עפּענען אַ שאַפע, טאָמער ווילט איר לייענען עפּעס. איך דאַרף אַריינגיין צו זיך אין שטוב, מיין ווייב האָט מיך איבערגעלאָזט מיט די קינדערלעך און אַליין איז זי אַוועק אין הכנסת־אורחים... זי איז דאָרט פּרעדסיעדאַטעל...

בנציון איז אַרויס און מיר געלאָזט אַליין מיט אַן אָפענער שאַפע ביכער פון דער יידישער ליטעראַטור.

איך האָב זיך אַביסעלע אַרומגעטראַכט. איצט בין איך שוין דאָ ניט אַליין. איך האָב שוין אַן אח־לצרה...

צוועלפטער קאַפּיטל

מיין מומע שרה האָט דערזען, אַז איך בין נישטאָ, האָט זי מיך אַליין געגומען אַרומזוכן, ביז זי איז, העט פאַרנאַכט, געקומען איבער מיר אין דער ביבליאָטעק.

— וואו ביזטו געווען אַ גאַנצן טאָג ?

— דאָ.

— האָסט עפּעס געגעסן ?

— ניין.

— ביזט הונגעריק ?

— ניין.

— שוין זיך צונויפגעקאָמפּאַניעוועט מיט אים... — דאָס האָט זי געמיינט איר איידעם. און איך האָב איר אויף צו־להכעיס געענטפערט :

— בנציון איז זייער אַ וואוילער.

— נו, עס וועט שוין פון דיר קיין לייט ניט זיין !... — האָט זי אויס־געלאָזט און איז אַוועק אַ בייזע.

איך האָב שוין סיי־ווי אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז איך פאָר אַהיים, כאָטש אויף קיין הוצאות האָב איך ניט געהאַט. אַביסל שפּעטער, ווען מען איז געגאַנגען עסן וועטשערע, בין איך אַליין אַריין צום טיש. און דער פעטער משה האָט מיך גאָרניט געפרעגט. אַזאַ טייערער ייד! ער האָט מיך מסתּם פאַרשטאַנען... איך האָב נאָר געוואַרט אויף מאָרגן, פרייטאָג אינדערפרי, ווען איך וועל מיטן פעטער טרינקען טיי, כּדי איך זאָל אים דערציילן דעם אמת, און טאַקע ביי אים בעטן אויף הוצאות. אויף מאָרגן איז אָבער דער פעטער פאַרבליבן לאַנג ביי זיך אין קלויז. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער טוט עס אומיסטן, כּדי ניט צו זיין מיט מיר אויג אויף אויג. איך בין אַרויס אין גאַס און זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק פון פאַרנט פון דער קראָם.

עס איז דורכן טויער אַריינגעפאָרן אַ פאַיעטאָן מיט צוויי ברענענדיקע פערד, און ווען דער פאַיעטאָן איז צוריק אַרויסגעפאָרן פון טויער, איז דאָרטן אויבן־אָן געזעסן אַ יונגערמאַן מיט אַ שיינער „הערצל"־באָרד. דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט עפּעס געזאָגט צום קוטשער, און דער

פֿאַיעטאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער יונגערמאַן האָט מיך געטאָן אַ רוף־צו.
גײ איך צו.

— דאָס רעדט צו אײַך ברוך ליוואָוויטש — זאָגט דער יונגערמאַן.

— זײער אָנגענעמען! — זאָג איך און דערלאַנג אים מײַן האַנט.

— קומט מאָרגן צו מיר אויף אָנבײַסן.

— אַ דאַנק! אויב די מומע וועט לאָזן...

— זי וועט זיכער ניט לאָזן... — לאַכט ברוך — אָבער הערט זי ניט...

דער פֿאַיעטאָן איז אַוועקגעפֿאָרן, און באַלד איז די מומע שרה געוועזן לעבן מיר.

— ווי געפֿעלט דיר מײַן זון, ניט אַנדערש נאָר אין אַ פֿאַיעטאָן!... געגעבן אים אַ זאַוואָד; איך גײ צופֿוס, און ער פֿאָרט אין אַ פֿאַיעטאָן... וואָס האָט ער דיר געזאָגט.

— מיך געלאַדן אויף אָנבײַסן...

— איך וועל ניט לאָזן חײמס זון עסן טריפֿות...

— מומע, איך האָב אים צוגעזאָגט.

— אָבער האָסטעך ניט אונטערגעשריבן...

— ניין...

מילא, די מומע האָט שוין אַזוי געפֿירט, אַז איך האָב ניט געקאָנט גײן צו איר זון ברוך אויף אָנבײַסן. נאָר בײַטאָג, נאָכן עסן, האָט זי מיר געהײסן אַרײַנגײן צו איר זון, וועלכער האָט טאַקע געוואוינט דאָ בײַ איר אין הויף. איך האָב דאָרטן געטראָפֿן אַ פּרעכטיקע שטוב, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ רײַכן פֿאַבריקאַנט ווי ברוך ליוואָוויטש איז געווען.

ער אַלײן, ברוך, איז געשלאָפֿן. אויפֿגענומען האָט מיך זײַן ווײַב, וועלכע איז געווען זײער גאַסט־פֿרײַנטלעך צו מיר — שוין אַ ביסעלע צופֿיל... עס האָט מיר אַזש גענודיעט פֿון די אַלע גוטע רײד אויף מײַן חשבון און פֿון די שלעכטע רײד אויף מײַן מומעס חשבון, ווען ברוך איז אויפֿגעשטאַנען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך גאָרניט זאָרגן וועגן דער מעשה מיט דער פֿאַלשער מאַרקע... ער איז געווען זײער ווײַכ־האַרציק און גוטמוטיק צו מיר און מיך אויסגעפֿרעגט פֿאַדראַבנע וועגן מיר, און מיר האָט זיך אַלע ווײַלע אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט גיט ער צו מיר אַ זאָג: „בו, יונגערמאַן, קום צו מיר אין זאַוואָד אויף אַ שטעלע...״

אָבער ער האָט עס ניט געזאָגט. און איך בין געקומען צוריק אין דער מומעס הויז אַ סך מער אַ דערדריקטער, ווי פֿריער. איך בין געזעסן אין דער פֿינצטער, ביז די מומע האָט אָנגעצונדן ליכט און דער פֿעטער משה

האָט געמאַכט הבדלה. דעמאָלט האָבן אָנגעהויבן קומען געסט, און איך האָב שוין ניט געקאָנט רעדן מיט מיינע קרובים וועגן זיך. דער סאַמאָ־וואַר האָט פּאַרזאָטן. און דאָס וואָלט ניט געווען אַזוי שלעכט, ווען עס קומט ניט אָן דער בוכהאַלטער קופּטשיק... און ער האָט זיך באַלד צעלייגט מיט די ביכער זיינע אויפן טישעלע און געראַכנט און זיך געמישט אין דעם שמועס, וואָס עס איז אָנגעגאַנגען צווישן מומע־פעטער און זייערע געסט. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זיינען די דאָזיקע געסט געווען אַלע מיין פעטערס שותּפים פון וועלדער, גוראַלניעס, זאַוואָדן... איינעם פון יענע שותּפים געדיינק איך זייער גוט, ווייל איך האָב מיט אים געהאַט צו טאָן אַ ביסל שפּעטער אין מיין לעבן.

דאָס איז געווען איינער פון די וויניצער גרעסטע גבירים, מאַריאַנסקי, אַ ייד מיט אַ ווייסן קאָפּ נידעריק־געשוירענע האָר און מיט אַ שפּיציק־פאַרשווירענעם בערדל און מיט אַ רויט פּנים, אין וועלכן עס איז ניט געווען קיין איין קנייטשעלע פון עלטער...

איך בין געזעסן און געהערט, ווי עס פליען טויזנטער און הונדערטער טויזנטער פון זייערע מיילער, און זיי גיבן זיך אַפילו ניט קיין קרים... און מיר אַליין פעלט איינגאַנצן אַ פינפערל אויף הוצאות... און מען קאָן זיך אָנשטויסן, אַז ביי מיר האָט דענסטמאָל די וועלט ניט אַזוי יושרדיק אויס־געזען. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין די פּנימער פון מיין פעטער משה, פון הער מאַריאַנסקין, און זיך געפרעגט: וואָס עפּעס קומט זיי, און מיר ניט? זיי רעדן, דאַכט זיך, פּונקט אַזוי ווי איך און לאַכן אַזוי ווי איך און טרינקען טיי אַזוי ווי איך, איז פאַרוואָס קומט זיי אַזויפיל געלט?

און אַזוי־אָ, בשעת מען זיצט, גיט זיך דער בוכהאַלטער קופּטשיק פּלוצים אַ זאָג:

— שאַט, איר וואָלט געווען בעלנים עפּעס צו הערן צום לאַכן?...

— צום לאַכן?! — זאָגן אַלע ווי אין אַ כאָר — פאַרוואָס ניט?

דער בוכהאַלטער קופּטשיק הוסט זיך אויס און נעמט אַרויס פון זיין בוזים־קעשענע אַ פּאַפּיר.

מיין איך, אַז ער נעמט זיך עפּעס לייענען אַ שטיקל פון שלום־עליכם, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט. טראַכט איך: זאָל ער לייענען, איך וועל סיי־ווי ניט לאַכן...

ער הויבט אָן לייענען:

„צו מיין טייערע, ליבער מוטער... איך האָב דיר ביז איצט ניט געשריבן, ווייל איך האָב פּשוט ניט אויף קיין מאַרקע... און איך מוז איצט אָפּוואַשן מיט מיינע טרערן אַן אַלטע מאַרקע, כּדי איך זאָל דיר לאָזן וויסן,

אַז עס איז מיר דאָ שלעכט. איך בין אַריינגעפאַלן צו אַ מומען, וואָס איז אַזוי קאַרג, אַז זי פאַרהענגט די זון, כדי טאָמער וועט זיך חלילה די זון הייסן באַצאָלן..."

דער בוכהאַלטער מאַכט אַ פּאַוזע און דערקלערט דעם עולם, אַז די מומע פון דעם בריוו מיינט מען טאַקע די מומע שרה ליוואָוויטש אַליין, און דעם בריוו האָט געשריבן אַ פּערזאָן, וואָס איז טאַקע דאָ אַט אַ־דאָ צווישן אונז...

איך האָב שוין געוואוסט, נאָך איידער קופּטשיק האָט געגעבן זיין דערקלערונג, אַז דער בריוו איז מיינער; אַט דער זעלבער בריוו, וואָס איך האָב טאַקע געשריבן צו מיין מוטער, און אויף וועלכן איך האָב אַרויפגעקלעפּט אַ פאַלשע מאַרקע... איך בין אַזש געוואָרן פאַרשטיינערט, און איך האָב געפילט, אַז עס האָט ביי מיר אָפּגענומען הענט און פיס. איך האָב זיך ניט געקאָנט אויפהויבן פון אָרט, און ווען עס עפנט זיך מיר אַ גרוב אונטער מיינע פיס, וואָלט איך זיך אין אים אַריינגעוואָרפן...

קופּטשיק האָט נאָך דער דערקלערונג זיך ווידער אויסגעהוסט, און זיין מערדערישער, אָפּגעגאָלטער פּנים איז געוואָרן ווייס, און ער האָט גענומען ווידער לייענען:

„שרייב איך דיר, מיין טייערע מאַמע, אַז עס איז דאָ אַ בוכהאַלטער מיט אַן אָפּגעפּרעסענער מאָרדע ווי ביי אַ חזיר..."

דער עולם זעצט־אַרויס אין געלעכטער...

— דאָס מיינט מען מיך... — זאָגט קופּטשיק.

— וועמען דען, מיך? — זאָגט מאַריאַנסקי.

„טייערע מאַמע, איך זע ניט דאָ פאַר זיך קיין שום צוועק, ווייל דער חזיר קופּטשיק האָט זיך דאָ צעליגט אין דער ברייט און לענג, און די מומע איז ניט נאָר אַ קאַרגע, נאָר זי האָט אויך אַ צונג אַן בייזער. וואו זי וויל, אַהין דרייט זי מיט דער צונג..."

ווידער שיסן־אויס אַלע מאַנצבילן אין אַ באַסאָוון געלעכטער. און איך ווייס שוין ניט, צי איך זיץ. דאָס גאַנצע בענקל ברענט אונטער מיר. עס איז געוועזן אַ גליק, וואָס דער פעטער משה ליוואָוויטש האָט פּלוצים געטאָן אַ זעץ מיט אַ האַנט אין טיש, אַזוי אַז אַלע גלעזער מיטן סאַמאָוואַר האָבן אַזש געטאָן אַ שפּרונג פון שרעק.

— גענוג! דו אַזוינער און אַזוינער! ווי האָסטו ניט מורא פאַר גאָט צו פאַרגיסן אַ מענטשנס בלוט?!

דער פעטער משה האָט געטאָן אַ כאַפּ־אויס דעם בריוו מיינעם פון קופּטשיקס האַנט און אים מיר אָפּגעגעבן.

איך האָב געטאָן אַ כאַפּ דעם בריוו מײַנעם און מיט אימפּעט זיך געטאָן אַ ריס פון בענקל און אַוועק אין „זאַל" אַרײַן, וואו עס איז געווען פינצטער. עס האָבן געטאָן אַ שטראָם פון מײַנע אויגן בריענדיקע ריטש־קעלעך איבער די באַקן. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויף דער סאָפע. איך ווייס ניט, ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן, ווען איך האָב דערפילט, אַז עמיצער קניעט איבער מיר.

דאָס איז געווען דער פעטער משה.

— דו שלאָפסט?

— ניין.

— קום אַרײַן, די מומע און איך ווילן מיט דיר רעדן.

— איך קאָן ניט...

— דער רשע איז שוין אַוועק — זאָגט מיר דער פעטער. — איך האָב אים אַרויסגעטריבן...

דערהערט אַזאַ מעשה, איז מיר געוואָרן פריילעך און איך בין אַרײַן אין אַנדערן צימער. דאָרט איז געזעסן די מומע מיט אַ צעקנייטשן שטערן און אַ געל פּנים. די ליכט אין די לײַכטער האָבן שוין געצאַנקט.

— הער אויס — זאָגט די מומע גלייך ביי מײַן אַרײַנקומען — פון מאָרגן, מירצעשעם, ביזטו דער בוכהאַלטער... אויס קופּטשיק!...

— אַזאַ רשע... — שרייט דער פעטער און טופּעט אַזש מיט אַ פוס.

— אָבער געדענק, איך וויל, אַז דו זאָלסט היטן מײַן יאַנקלען — זאָגט די מומע.

— איך וועל... — האָב איך ניט געקאָנט פאַרענדיקן דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. איך בין געווען אַזוי אומדערוואַרטעט אויפגעריכט, אַז איך האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיך, צי זאָל איך וויינען, צי זאָל איך טאַנצן פון פרייד...

איך בין פונדעסטוועגן אַראָפּ אונטן אין הויף און געלאָזט די פּאַר־טעטשקע אַזוי אָפּן, כּדי איך זאָל קאָנען צוריק אַרײַנקומען. און איך בין אַרײַן אין סאָדע־בודקע און זיך טראַקטירט מיט אַ סאָדע מיט סאָק און מיט צוויי שטיקלעך איריס...

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט מיך דאָס סאָדע־מיידל געפרעגט, ווייל זי האָט מסתּם באַמערקט אויף מיר, אַז איך בין זייער אויפגעלייגט.

— מאָרגן, מאָרגן!...

דרייצנטער קאַפּיטל

פון גרויס פרייד האָב איך ניט געקאָנט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט; איך האָב שוין געוואָלט דערלעבן דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווען איך וועל ענדלעך האָבן דערגרייכט צו דעם וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט: איך וועל ווערן דער בוכהאַלטער ביי מיין מומע שרה ליוואָוויטש!

אינדערפרי, באַלד ביי דער טיי, האָט דער פעטער משה מיר ווידער געזאָגט, אַז אויב איך וועל נאָר האָבן צייט, וועט ער מיט מיר גיין צום באַדזיראַטעל, כּדי מיך צו זאַיאַווען... און דאָס מאָל האָב איך אים שוין געענטפערט: — אויב כ'וועל נאָר האָבן צייט...

איך בין אַראָפּגעגאַנגען אין קראָם און דאָרטן געטראָפן די מומע שרה און די צוויי משרתים, דעם „שוואַרצן" און דעם „רויטן".

— גיי אַריין אין דער קאַנטאָרקע — זאָגט צו מיר די מומע. ביי איר איז דאָס אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך. אָבער ביי מיר איז דאָס אַן אויסער־געוויינלעכע איבערלעבונג. איך גיי אַריין און פּרואוו זיך אַנידערזעצן ביים קאַנטאָר טיש. עס זעצט זיך עפּעס ניט אַזוי גרינג. עס איז פּונקט ווי איך וואָלט אָנגעטאָן אַ נייעם גאַרניטור.

די מומע קומט־צו און זי זאָגט מיט איר געוויינלעכן וויינענדיקן קול:

— איך וויל, אַז דו זאָלסט פאַרשרייבן יעדעס פּיצעלע באַזונדער, ניט אַזוי ווי קופּטשיק האָט זיך געפירט.

די צוויי משרתים וואַקסן־אויס ביי דער זייט פון דער קאַנטאָרקע. זיי קוקן מיר אָן מיט בייזע אויגן, ווי זיי וואָלטן מיר ניט פאַרגינען מיין אויפגעריכט זיין.

— איך וועל פאַרשרייבן יעדע זאַך באַזונדער — זאָג איך — אויב אַ קונה וועט קויפן אַ סך זאַכן וועל איך יעדע זאַך פאַרשרייבן אין אַ באַזונדערע שורה מיט דער וואָג און דעם פּרייז...

— שוין נייעס! — גיט דער „רויטער" אַ שפּרונג אַרויס מיט לשון — אַט וועל'ך זיך גיין אָוועקשטעלן וואַרטן ביז דער בוכהאַלטער וועט פאַרשרייבן יעדע זאַך מיט זיין וואָג און פּרייז!... עס מעג בלייבן אַזוי ווי קופּטשיק האָט זיך געפירט... מיר וועלן דערלאַנגען דעם בוכהאַלטער אַ פּאַרטיקן חשבון און ער וועט פאַרשרייבן די אונטערשטע שורה...

— ניין! — גיט די מומע אויף אים אַ געשריי — עס וועט מער אַזוי ניט זיין!

— וואָס מיינט איר, איך וועל זיך גיין אָוועקשטעלן און געבן דעם בוכהאַלטער, וואָס וועט געדויערן פֿון אסתּר־תּענית ביז פּורים...

אַזאַ יחסן פּונקט ווי ער!... — ווייזט דער „רויטער" אָן אויף מיר.

— אָבער איך בין דאָ באַלעבאָסטע! — שרייט אויף אים צוריק די מומע שרה.

הכּלל עס איז געבליבן, אַז איך זאָל פאַרצייכענען יעדע זאַך, וואָס ווערט פאַרקויפט דאָ אין קראָם אויף אַ באַזונדערער שורה מיט דער וואָג און מיט דעם פּרייז. און צוליב דעם צוועק האָב איך צוגעגרייט אַ בוך אויפן טישל און געוואַרט ביז עס איז געקומען דער ערשטער קונה. קיין סך וואַרטן האָב איך ניט געדאַרפט, ווייל עס איז ניט געקומען איינער, נאָר צוויי־דריי מיט אַמאָל.

— אַ נייער בוכהאַלטער ביי אייך! — האָבן זיך די קליינשטעטלדיקע יידן געוואונדערט, ווען זיי האָבן מיך דערזען. די מומע האָט זיי גאָר ניט געענטפערט. זי האָט איבערהויפּט מיט די דאָזיקע קונים זייער ווינציק גערעדט, ווי זי וואָלט זיי בישט גערן געהאַט אָדער עס וואָלט איר ניט אָנגעשטאַנען מיט זיי צו ריידן.

דער „רויטער" האָט אָבער יאָ געזאָגט אינדערהויך: — יע, אַ נייער בוכהאַלטער וואָס וועט געדויערן פֿון אסתּר־תּענית ביז פּורים...

די קליינשטעטלדיקע יידן, עפּעס אַלע אַזוינע נידעריקע, מיט קליינע קאַשקעטלעך און מיט פאַרוואַקסענע פּנימער; עפּעס אַזוינע דערשלאָגענע, פאַרשטויבטע ווי מיט זשאַווער פון אייזן, האָבן אַרויסגענומען לאַנגע צעט־לען פון זייערע קעשענעס און זיך גענומען מאַכן זייערע באַשטעלונגען. עס איז געגאַנגען נאָך דער ריי. ווער עס איז אַריין פריער, דער האָט גע־קויפט פריער. דער ייד האָט געלייענט פון זיין צעטל און די צוויי חברה, דער „שוואַרצער" און דער „רויטער", האָבן דערלאַנגט פֿון די ראַפטן, וואָס דער ייד האָט נאָר געוואָלט.

איך בין געזעסן אין קאַנטאָרקע און געוואַרט ביז די משרתים וועלן פאַרטיק ווערן. ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן, האָבן זיי דעם יידן צוגע־שיקט צו מיר. דער ייד האָט מיר דערלאַנגט זיין צעטל. נעם איך דאָס צעטל און איך וויל עס „אַריינפירן" אין בוך אַריין. ווייס איך אָבער ניט די פּרייזן פון דער סחורה. איך זע, אַז דער ייד, למשל, האָט געקויפט איין קעסטל שינדל־נעגל. ווייס איך ניט וויפיל עס וועגט אַזאַ קעסטל און אויך ניט דעם פּרייז. רוף איך צו יאָסלען דעם שוואַרצן און פרעג ביי אים.

זאָגט ער מיר, אַז ער ווייסט אויך ניט. די זאַכן ווייסט דער „רויטער". רוף איך דעם רויטן.

— כ'האָב איצט קיין צייט ניט! — ענטפערט מיר דער רויטער מיט כּעס — מירטשעם שבת, וועל'ך האָבן צייט!...

קומט אָן די מומע שרה.

— מומע, איך ווייס ניט די פּרייזן — זאָג איך.

— וואָס הייסט דו ווייסט ניט! מען נעמט אַ פּאַפּיר און מען מאַרקירט אָן אַלע פּרייזן!

— אָבער דערווייל שטייט דאָך אַ ייד און וואַרט.

— מיינסט, אַז איך ווייס? זאָל'ך אַזוי ניט וויסן פון בייז, ווי איך ווייס וויפיל מען דאַרף לייזן אַ קעסטל צוועקעס. פרעג ביי זיי...

— הער נאָר, רויטער, קום נאָר אַהער!... שרייט די מומע.

דער רויטער גיט מיט כּעס אַ וואָרף אַוועק דאָס וואָס ער האַלט אין די הענט. ער גייט צו צו אונז. ביי אים זיינען די נאָזלעכער צעשפּרייט ווי ביי אַ ווילדן אָקס.

— וואָסי?!

— וויפיל איז דער פּרייז פון אַ קעסטל צוועקעס? — פרעגט די מומע ביי אים.

— וואָס וואָלט איר געטאָן ווען דער רויטער איז נישטאָ? — זאָגט ער און וויזט אָן אויף זיך.

— כ'וואָלט איין אויג אויסגעווישט... — זאָגט די מומע אַ געוויס פאָלקס־ווערטל וואָס איז ניט שיין צום דרוקן.

— ווי באַלד אַזוי, וויל'ך ניט זאָגן דעם פּרייז און טוט מיר עפּעס! לויפט אַוועק דער רויטער און לאָזט אונז איבער. מיר קוקן זיך אָן און ציען מיט די אַקסלען.

— נאַ, עך וועל דערווייל גיין ערגעץ — זאָגט דער קליינשטעטלדיקער ייד — און שפּעטער וועל'ך קומען.

די מומע נעמט אַרויס פון אַ שופלאָד חשבונות און דופּליקאַטן. און מיר נעמען ביידע זוכן די חשבונות פון די פאַבריקן וואו די מומע קויפט די צוועקעס. איך קוק אויפן נומער, וואָס איז אויפן קעסטל און זוך דעם נומער און חשבון, וואָס אויפן דופּליקאַט. ענדלעך געפונען וויפיל עס קאָסט אַ קעסטל צוועקעס. אָבער איך ווייס נאָך אַלץ ניט וויפיל עס איז דער פּרייז.

— וויפיל דאַרפט איר פאַרדינען אין אַ קעסטל צוועקעס? — פרעג איך די מומע שרה.

— איך זאָל אַזוי וויסן פון בייז... מאַכט די מומע.

— אָבער איך מוז דאָך וויסן, כדי צו קאָנען פאַרשרייבן.

— זאָל עס שוין גיין אויפן אַלטן שטייגער — גיט זיך שוין די מומע אונטער.

— פונדעסטוועגן קאָן עס גיין ווי איר ווילט.

און דער רויטער האָט געהאַט דעם ערשטן זיג איבער מיר. ער האָט צוגענומען דאָס צעטל פון מיר מיט אַזאַ מין רציחה, אַז ער האָט מיר שיר ניט אָפּגעריסן מיין האַנט און דערנאָך האָט ער מיר דערלאַנגט אַ סך־הכּל און איך האָב פאַרשריבן אין מיין בוך, אַז איך האָב פאַרקויפט פאַר אַזוי פיל און אַזוי פיל סחורה.

דער קליינשטעטלדיקער ייד האָט מיר געגעבן די סומע געלט און איך האָב די סומע אַריינגעלייגט צו מיר אין שופלאָד. אויפהויבן פון אָרט האָב איך זיך שוין ניט געקאָנט, ווייל איך האָב מורא געהאַט איבערצולאָזן דעם שופלאָד מיטן געלט. איך בין דאָך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם געלט.

ווען מען האָט געדאַרפט גיין עסן אָנבייסן האָב איך צוגערופן די מומע שרה און איר אָפּגעציילט דאָס געלט, וואָס איך האָב אַריינגעלייזט. און איך האָב ביי איר גישט גענומען קיין קבלה... עס איז דאָך איר געלט. מיר זיינען אַרויף עסן און נאָכן עסן בין איך אַראָפּ ווידער אין קראָם. ווידער קונים און ווידער געלט אַ פולער שופלאָד. פאַרנאַכט, איידער מען האָט פאַרמאַכט די קראָם גיב איך דער מומען איבער דאָס געלט.

— וויפיל האָט מען היינט געלייזט? — פרעגט די מומע. איך רעכן און מאַך אַ סך־הכּל און זאָג דער מומען.

— וואו־זשע איז דאָס געלט?! — גיט די מומע אויף מיר אַ שטרעק אויס צוויי אויגן.

— כ׳האָב איך געגעבן בייטאָג געלט.

— מיר?

— איר געדענקט ניט?

— כ׳האָב אייך געגעבן.

— האָסט מיר ניט געגעבן.

— כ׳האָב אייך יאָ געגעבן...

הכלל איך רוף ביידע משרתים אַלס עדות און זיי זאָגן, פאַרשטענד־לעך, אַז זיי האָבן ניט געזען, אַז איך זאָל האָבן געגעבן געלט, כאָטש איך האָב אַליין געזען ווי זיי זיינען ביידע געשטאַנען און געקוקט ווי איך האָב איר אויסגעציילט דאָס געלט.

— מומע, איך האָב איך אַליין גערופן און איך אויסגעצאָלט דאָס גאַנצע לייזונג.

— כ׳הויב ניט אָן צו געדענקען...

— אַ צווייטן מאָל וועט איר מיר שוין מוזן געבן אַ קבלה...

— אַ צווייטן מאָל... אָבער דערווייל וואו איז די לייזונג?

— מומע!... איר מאַכט מיך פאַר אַ גנב!...

— דו האָסט טאַקע ניט געגנבעט אָבער דאָ דרייט זיך אַרום מיין זון יענקעלע...

הכלל, איך האָב דערזען, אַז דאָ איז שלעכט... איך וועל מוזן זיך נעמען אין די הענט אַריין און ווערן אַ בוכהאַלטער ווי עס באַדאַרף צו זיין. דער רבי יעקב מאַרק האָט מיך געלערנט, אַז אויב איך גיב אויס אַ סומע געלט פון מיין קאַסע זאָל איך נעמען אַ קבלה.

אויפן צווייטן טאָג ווען איך האָב דער מומען געגעבן דאָס לייזונג האָב איך פון איר געפאָדערט אַ קבלה.

— מיר געטרויען מענטשן מער געלט ווי דאָס — זאָגט די מומע — און אָן אַ חתימה...

— אָבער... מומע, איר געדענקט, נעכטן...

— איך געדענק ניט... וואָס נעכטן?...

— איר האָט פאַרגעסן, אַז איך האָב אייך געגעבן געלט און דערנאָך האָט איר פאַרגעסן, אַז איר האָט גענומען...

— ווער הייסט דיר געבן?...

— כ׳קאָן עס אָבער ניט לאָזן אין שופלאָד.

— זיצט מען און מען היט דעם שופלאָד.

— נו, און עסן אָנבייסן?

— עסט מען ניט! קופּטשיק האָט אַ גאַנצן טאָג ניט געגעסן. וואָס, וואָס, אָבער איך האָב מיט אים קיינמאָל ניט געהאַט צו זינגען און צו זאָגן, ווי איך האָב מיט דיר...

דאָס אָפּגעזאָגט איז די מומע אַוועק און מיך געלאָזט שטיין אין קראָם און די צוויי משרתים האָבן געלאַכט אויף מיין חשבון.

וואָס זאָל איך איצט טאָן?

איך בין שוין ניט געגאַנגען עסן קיין אָנבייסן און בין אַזוי אַ הונגע־ריקער געזעסן אין דער קאַנטאָרקע ביז פאַרנאַכט. די מומע שרה איז געווען אָנגעדראָדלט און צו מיר ניט גערעדט קיין איין וואָרט. נאָר דער פעטער משה איז יאָ אַריינגעקומען צו מיר אין קאַנטאָרקע.

— דו קאָנסט שרייבן ענגליש? — פרעגט ער בסוד סודות.

— ניין — זאָג איך.

— איך דאַרף שרייבן אַ בריוו צום לאָנדאָנער נדיב רב משה מאָנ־טעפיאָרע, וועגן אונזער שפּיטאָל... די מומע דיינע טאָר דערפון ניט וויסן... איז וואָס איז דאָ צו קאָנען?

— פּעטער, איך קאָן ניט קיין ענגליש.

— אַ שאָד... דער ממזר קופּטשיק קאָן יאָ ענגליש...

— נעמט אים איך צוריק!... — גיי איך שוין אַרויס פון געדולד.

— זע נאַר, פאַר וואָס שרייסטו אויף מיר? — און דער פּעטער האָט זיך, נעבעך, אָפּגעטראָגן פון דער קאָנטאָרקע.

פערצנטער קאַפּיטל

איך האָב קיין אָנבייסן ניט געגעסן יענעם טאָג. און ביי מיין מומע שרה אין קראָם איז געווען אַ גרויסע שפּע, און איך האָב אַפילו ניט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן וועגן עסן. איך האָב געמוזט זיצן ביים שופלאַד מיטן געלט און עס אָפּהיטן.

ווען פּלוצים אַרום 3 אַזייגער בייטאָג האָט די מומע שרה געטאָן אַ געשריי, אַז אַ גנב האָט אַרויסגעפירט אַ וואָגן מיט סחורה פון הויף. די צוויי משרתים זיינען אַרויס און איך בין געבליבן זיצן ביי דער קאַסע.

— וואָס זיצסטו ווי אַ גולם? — שרייט אויף מיר די מומע — דו האָסט געהערט, אַז אַ גנב האָט אַרויסגעפירט אַ וואָגן מיט סחורה, צי ניין?

— געהערט... אָבער איך קאָן ניט איבערלאָזן דאָס געלט...

— גיי, לויף אַרויס! מען פירט אַרויס דאָס שוואַרצאַפּל פון מיין אויג!... כ'האָב זיך דען אויף וועמען צו פאַרלאָזן!... — האָט די מומע שרה ממש געוויינט.

איך האָב זיך אויפגעהויבן און אַרויס אויפן גאַס. און געזען ווי די צוויי משרתים לויפן מיט דער גאַס אַראָפּ באַרג. האָב איך זיך אויך געלאָזט אין יענער ריכטונג. און ווען איך האָב זיי אָנגעיאָגט, זיינען זיי געשטאַנען איבער אַ וואָגן אָנגעלאָדן מיט קעסטלעך און זיך געקאַטשעט פון געלעכ־טער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ וואָגן מיט סחורה, וואָס איינער אַ קליינשטעטלדיקער ייד האָט טאַקע איינגעקויפט אין מיין מומעס קראָם...

איך בין צוריקגעגאַנגען אין קראָם אַריין און איבערגעגעבן דער מומען, וואָס פאַר אַ טעות עס איז געווען, און זיך צוריק אַנידערגעזעצט ביים טיש אין קאַנטאָר. איך גיב אַ קוק — דער שופלאַד איז אָפן, און דאָס גאַנצע געלט איז נישטאָ.

— מומע, ווער האָט צוגענומען דאָס געלט?

— וועלך געלט?

— דאָס לייזונג פון היינט... דאָ אין שופלאַד איז עס געווען...

— האָסט געהאַט געלט? ווי־זשע קומסטו עס איבערלאָזן אויף הפקר?...

— איר האָט דאָך מיר געהייסן לויפן...

— און אַז איך וועל דיר הייסן שפּרינגען איבערן דאַך?

— מומע, איר מאַכט חוזק... וואו איז דאָס געלט?!

— געלט היט מען אָפּ... ווייל געלט האָט אַ טבע צו קריכן...

— איר זייט דאָך דאָ געבליבן...

— מער האָב איך ניט וואָס צו טאָן, נאָר צו היטן דיין געלט...

— עס איז דאָך אייער געלט...

— גיי שוין, גיי... עס איז ניט מיינס... כּל־זמן עס איז אין דיינע הענט, איז עס דיינס... דאַרפסטו עס היטן...

— מומע, נעמט מיר ניט אַרויס די נשמה...

— אַ שיינע נשמה... עס איז זיך פאַראַן אויף וועמען צו פאַרלאָזן... נעמט און לאָזט איבער געלט און לויפט אַרויס...

— מומע, איר... איך...

איך האָב שוין אַליין ניט געוואוסט, וואָס איך רעד. איך האָב זיך שוין געוואָלט נעמען רייסן מיינע האָר פון קאָפּ, ווען די מומע שרה האָט פון הינטער איר פאַרטעך אַרויסגענומען אַ קנויל מיט געלט און עס אַריינ־געוואָרפן צוריק צו מיר אין שופלאָד.

— נאָ, איך האָב דיך נאָר געוואָלט אויספּרואוון... אַ צווייט מאָל זאָלסטו וויסן, אַז ווען דו היטסט פרעמד געלט, אַפילו ווען די מומע זאָל דיר הייסן אַוועקגיין, זאָלסטו זי ניט פאָלגן.

איך האָב זיך עס אַריינגענומען גוט אין קאָפּ אַריין. און אין אָוונט, נאָך וועטשערע, ווען איך האָב געדאַרפט אַריינפירן אַלץ אין די ביכער, און איך האָב געמאַכט דעם באַלאַנץ, האָט מיר געפעלט אַ הונדערטער.

איך רעכן און צייל און רעכן ווידער איבער: עס פעלט מיר אַ הונ־דערטער... ווידער האָט די מומע מיר אָפּגעשפּילט אַ סצענע, און דער סוף איז געווען, אַז זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי האָט באַהאַלטן דעם הונדערטער כּדי מיך אויסצופּרואוון, צי איך נאַר זיך אַליין ניט אָפּ...

דער פעטער משה האָט געלאַכט... און איך האָב שוין אויך געלאַכט פון דער שפּיל צווישן מיר און מיין מומע שרה.

אויפן דריטן טאָג פון מיין בוכהאַלטעריע בין איך געזעסן אין קאַנ־טאָרקע און שוין געווען ביי זיך זיכער, אַז איצט קאָן איך שוין מיין מומע שרה דורך־און־דורך... און איך וועל זיך שוין ניט לאָזן אַזוי לייכט אָפּנאַרן. ווען פּלוצים דערפיל איך אַ שווערע האַנט אויף מיין אַקסל, און איידער איך האָב צייט זיך אַרומצוקוקן, דערהער איך קופּטשיקס קול:

— דו, פאַרנעם זיך פון דאַנען!

און נאָך איידער איך האָב צייט זיך צו ראַזדרעכן פון מיין ערשטער איבערראַשונג, בין איך שוין מיט אַ שטאַרקן שטויס שיר ניט געפאַלן אין מיטן פון דער קראָם.

מיין מומע איז בשעת מעשה ניט געווען אין קראָם, נאָר די צוויי משרתים: דער שוואַרצער און דער רויטער. אָט די צוויי חברה האָבן עס, הפּנים, געהאַלטן פאַר אַ גרויסן וויץ, און זיי האָבן געקייכט פון געלעכטער; ספּעציעל דער רויטער, ער האָט אַזש געוויינט פאַר פרייד...

פון גרויס איבערראַשונג בין איך אַ ביסל געשטאַנען אין דער מיט קראָם און זיך געריבן מיינע אויגן. אָבער איך האָב באַלד זיך געכאַפּט, וואָס דאָ איז. קופּטשיק האָט אויסגעקליבן אַ מאָמענט, ווען מיין מומע איז ניט געווען אין קראָם, און איז אַריין און מיך אַרויסגעוואָרפן פון דער קאַנטאָרקע, און איצט זיצט ער שוין דאָרטן...

איך בין אַרויס און אויסגעזוכט די מומע, און איר דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט.

איך האָב געמיינט, אַז זי וועט זיך באַלד אָננעמען מיין קריוודע, אָבער, ניין! זי צעלאַכט זיך גאָר און מאַכט אַזוי:

— אַז דו לאָזט זיך אַרויסוואַרפן, ביזטו עס ווערט...

— מומע...

— גיי, האָב טענות צום רב...

— סטייטש? איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז איך בין בוכהאַלטער!...

— קופּטשיק איז אויסגעוואַקסן מיט דער קראָם...

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן?

— מיר'ן זען...

הכּלל, איך זאָל איך נעמען דערציילן, ווי אַזוי איך האָב זיך גע־פּייניקט ביי מיין מומע שרה נאָך אַ פּאָר וואָכן, און וואָס איך בין דורכ־געגאַנגען, וואָלט עס פאַרנומען צופיל אָרט. איך וועל בעסער דערציילן, ווי אַזוי איך בין פון איר אַוועק.

איך בין אויפגעשטאַנען איין שיינעם אינדערפרי און געזאָגט צו מיין מומע, אַז איך וויל פאָרן אַהיים.

— האָסט דען אויף הוצאות? — האָט זי מיך געפרעגט.

— ניין.

—וויפיל דאַרפסטו?

— איך ווייס ניט.

— פינף־און־צוואַנציקער וועט זיין גענוג?

— גענוג...

און זי האָט מיר דערלאַנגט אַ פינף־און־צוואַנציקער. טראַכט איך מיר, וואָס טוט מען מיט אַזוינס, אַז עס זאָל איר וויי־טאָן?

בין איך אַוועק אויף דער נייער שטאָט און זיך געקויפט אַ פּאָר געלע שיך מיט קנעפּלעך און זיי אָנגעטאָן און בין צוריקגעקומען, און מיין מומע שרה האָט שיר ניט געפּלאַצט. איך האָב פאַרפּאַקט מיין רענצל און בין אַריין צו בן־ציונען און אים אָפּגעגעבן זיין חוב און זיך מיט אים געזעגנט. ער האָט מיר לאַנג געדריקט די האַנט.

אין גאַס פון פאַרנט פון דער מומעס קראָם האָב איך געטאָן אַ געשריי: „איזוואָזשטשיק!". עס האָט ניט גענומען לאַנג און עס האָט געטאָן אַ פּאַר־צו אַ דראָזשקע. אַז די מומע שרה איז אַרויס און דערזען די דראָזשקע, איז זי געוואָרן געל און גרין.

איך האָב באַמערקט, אַז זי עקט זיך.

— מיט אַ דראָזשקע גאָר? און צופוס קאָנסטו ניט גיין צום וואָקזאַל?

— איך האָב ליב צו פאָרן מיט אַ דראָזשקע — זאָג איך, און איך קריך אַרויף אין דער בריטשקע און מאָסטשע איין מיין רענטצל, און איך הייס פאָרן צום וואָקזאַל.

— זייט געזונט! — שריי איך אויס צו מיין מומע. נאָר וואָס זי ענטפערט מיר, הער איך שוין ניט, ווייל דאָס פערד קלאַפּט שוין מיט די פיס אין שטיינערנעם ברוק.

ביים וואָקזאַל קויף איך אַ בילעט ביז אָקניצע.

וואוהין פאָרט מען איצט? אַהיים קאָן איך ניט קומען, ווייל אַלע אין מיין שטעטל וויסן, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן אויף אַ שטעלע. קאָן איך זיך ניט ווייזן אַזוי גיך צוריק פון דער שטעל... באַשליס איך, אַז איך פאָר צום זיידן קיין קאַמענעץ, כּדי צו צוקלאָגן די מומע שרה צו דער באָבען... און אפשר וועט דער זיידע פאַר מיר קריגן אַ שטעלע אין אַ קאַמענעצער קאָנטאָר...

איך האָב זיך שוין געפירט ווי אַ גרויסשטאָטיקער בחור אין באַן. אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ רוסיש מיידל. זי איז געפאָרן אַהיים פון קיעוו אויף קאַניקול, און זי האָט געוואָלט עפענען דאָס פענצטער און ניט גע־קאָנט. האָב איך פאַר איר געעפנט דאָס פענצטער. און זי האָט מיר גע־דאַנקט. איז אָבער דורכן אָפענעם פענצטער אַריין דער רויך פון דעם לאָקאָמאָטיוו. האָט זי מיך געבעטן צו פאַרמאַכן דאָס פענצטער. האָב איך דאָס פענצטער פאַרמאַכט. דערפאַר האָט זי מיך מכבד געווען מיט קאָל־בעס מיט ברויט. און איך האָב זי געפרעגט, ווי ווייט זי פאָרט. און זי האָט מיך צוריקגעפרעגט, ווי ווייט איך פאָר. און זי האָט זיך דערפרייט,

ווען זי האָט געהערט, אַז איך פאָר ביז אָקניצע, ווייל זי איז אויך געפאָרן ביז אַהין. און פון דאָרטן? — האָב איך זי געפרעגט. פון דאָרטן פאָרט זי אין אַ דאָרף צו אירע עלטערן. און איך וואו פאָר? זאָג איך איר, אַז איך פאָר צו מיין „דיעדושקאָ" קיין קאַמענעץ. דערנאָך איז שוין געקומען אַזוי גרינג ווי אַ האָר פון דער מילך איר נאָמען און מיין נאָמען. און איר האָט עס גאָרניט געאַרט, וואָס איך בין אַ ייד. פאַרקערט, זי זעט צום ערשטן מאָל אַזאַ יידן. האָב איך שוין געמוזט מאַכן צוריק אַ קאָמפּלימענט, אַז איך זע צום ערשטן מאָל אַזאַ קריסטין...

כאָטש איך האָב געטראַכט צו זיך אַליין, אַז איך בין אַ גרויסער ליגנער, ווייל וואו האָב איך דען געהאַט אַ מעגלעכקייט צו פאָרן אין איין באַן אַ באַנק קעגן אַ באַנק מיט אַנדערע קריסטלעכע מיידלעך. און איך האָב געטראַכט, מסתם זאָגט זי אויך אַ ליגן וועגן מיר...

איר האָט זיך געוואָלט „וואָזדוך" (לופט), און מיר זיינען אַרויסגע־גאַנגען אויף דער פּלאַטפאָרמע, און די באַן איז געגאַנגען גראָד דעמאָלט איבער דער מאָליוועך בריק וואָס איבער דעם דניעסטער. און די באַן האָט זיך געוויגט אַהין און אַהער, און מיר ביידע האָבן זיך אָנגעכאַפּט און זיך געהאַלטן איינס דאָס אַנדערע. און אַזוי געשטאַנען אַרומגענומען ביים פאָרענטש פון דער פּלאַטפאָרמע. און, מיין גאָט, עס איז דאָך געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אַז איך האָב געהאַלטן אַ מיידל אין מיינע אָרעמס. און די מאָליוועך בריק איז אויך געווען אַ נייע זאַך, וואָס איך האָב געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן: אַ וואונדערלעך געפלעכט ־יז שטאָל איבער אַזאַ ברייטן טייך ווי דער דניעסטער... און דערצו איז באַן די זון אויך פאַרגאַנגען און אויפן דניעסטער האָט זיך געלייגט אַ לאַנגער פּאַס פון רויט...

פֿופֿצנטער קאַפּיטל

איך האָב זיך אַליין געוואונדערט פֿון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען דער גוטער רוסיש און דער עכטער רוסישער אַקצענט מיט וועלכן איך האָב זיך באַנוצט, בשעת איך האָב גערעדט מיט מיין רוסישער שכנה אין באַן, אויף מיין וועג פֿון וויניצע קיין קאַמענעץ; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס איז צו מיר אָנגעקומען אומגעריכט און פֿון וואַנען האָב איך אַליין ניט געוואוסט.

מיר, דאָס הייסט איך און מיין שכנה, זיינען ביידע געשטאַנען אויף דער פּלאַטפֿאָרמע בשעת די באַן איז געלאָפֿן, און ווען ניט דער שלעכטער קאָנדוקטאָר, וואָלטן מיר גאָר געווען פֿאַרגעסן וואו מיר זיינען, אַזוי שיין און ראָמאַנטיש איז געווען אַרום אונז. די יאָגנדיקע פֿעלדער און וועלדער, דער הימל מיט זיין וואונדערלעכן זונפֿאַרגאַנג... נאָר פּלוצים איז אָנגעקומען דער קאָנדוקטאָר מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט און האָט אונז געהייסן מוחל זיין אַריינגיין צוריק אין וואַגאָן.

מיר זיינען אַריין אין וואַגאָן און געזעסן ביים פֿאַרמאַכטן פֿענצטער, כּל זמן עס איז נאָך ניט פֿינצטער געוואָרן און מען האָט נאָך געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אינדרויסן. אָבער גאָר גיך איז געוואָרן פֿינצטער אינדרויסן. און מיין שכנה האָט זיך איינגעגאָרעט אין איר ווינקל און פֿאַרמאַכט די אויגן. און איך האָב געמוזט האַלטן אַן אויג אויף אירע זאַכן...

מיר זיינען אָנגעקומען קיין אָקניצע אין מיטן נאַכט און זי האָט זיך מיט מיר געזעגנט, ווייל זי האָט געדאַרפֿט פֿאָרן אין איר דאָרף אַריין, און איך האָב זיך באַדונגען מיט אַ פֿאַיעטאָנטשיק, אַז ער זאָל מיך פֿירן קיין קאַמענעץ. ווען זי האָט מיר דערלאַנגט איר האַנט האָט זי אויף מיר געטאָן אַ קוק און איך וועל אייביק ניט פֿאַרגעסן אָט יענעם בליק אירן...

צי עס איז געווען די שפּעטע שעה פֿון דער נאַכט, צי עפּעס אַנדערש? ווער קאָן וויסן?... איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין פֿאַיעטאָן און דאָרטן זיינען שוין געזעסן נאָך צוויי פּאַסאַזשירן. זייערע פּנימער האָב איך ניט געקאָנט זען, מחמת דער שטאָק־פֿינצטערניש. און אַזוי ווי דער פֿאַיעטאָן האָט זיך גערירט, האָב איך איינגעדרעמלט, און זיך אויפֿגעכאַפּט ווען עס איז שוין געווען גראָער טאָג. מיינע מיט־פֿאָרער האָבן זיך אויך אויפֿגע־

כאָפּט און אונזערע אַלעמענס פּיס זיינען געווען שטיף און „אָפּגעגנומען״. זיינען מיר אַראָפּ אַ ביסל זיך דורכגיין באַרג אַרויף. עס זיינען געווען פון ביידע זייטן פאַרזייטע פעלדער מיט ווייץ, מיט פּאַפּשויעס, מיט האָבער, מיט גאָרטנוואַרג און מיט סעדער. די ראָסע האָט געבליסטשעט אויף די לאַנגע קוקורוזע בלעטער. דער ווייץ האָט שוין אַרויסגעלאָזט קעפּלעך און אויך דער האָבער. און דער בלאָער קרויט האָט זיך געבאָדן אין ראָסע און די רויטלעכע בורעקע בלעטער האָבן זיך געקרייזלט פון וואוילטאָג און אין די סעדער האָבן געבלאַנקט רויטע קאַרשן. און מיר זיינען געגאַנגען דריי אירע. איך האָב ערשט איצט געזען, אַז די אַנדערע צוויי זיינען בחורים אין מונדירן מיט ווייסע לאַמפּאַסן אויף זייערע בלויע הויזן. די הויזן שמאָלע, אַז זיי ווערן שיר ניט צעפּלאַצט פון די פולע געטאָקטע פּיס. אויף די טוזשורקעס צוויי רייען קנעפּ מיט אָדלערס און די היטלען מיט רויטע גאָלעשקעס און מיט אַ קנאָפּ פון פאָרנט אויך מיט אַן אָדלער. די פּנימער פון מיינע מיטפאָרער אָן אַ סימן פון האָר, ברונעטע, אויסגעגאָלטע; אַפילו אַ נאָכט פון ניט שלאָפן האָט חלילה די דאָזיקע פּנימער גאָר ניט געשאָדט. די צוויי חברה־לייט רויכערן ביידע פּאַפּיראָסן מיט מונדשטוקן און די דאָזיקע פּאַפּיראָסן שמעקן דאָ אין דער מאָרגנדיקער לופט אַזוי געשמאַק.

איינער נאָכן אַנדערן בעטן מיך, אַז איך זאָל נעמען אַ פּאַפּיראָס. זיי פאַרמאָגן ביידע רייצנדיקע פּאַפּיראָס־פּושקעס, זילבערנע; פון יענע פּושקעס, וואָס עפענען זיך מיט אַ שיינעם קלונג.

איך [illegible] אַ פּאַפּיראָס און פאַררויכער. מען הויבט מיך אָן פרעגן פון וואַנען אין [illegible]ר און צי בין איך אַ קאָמענעצער. זאָג איך זיי, אַז איך בין ניט קיין קאָמענעצער, נאָר אַז איך פאָר צוגאַסט צו מיין זיידן. ווידער רעדט מען רוסיש. זיי דערציילן מיר, אַז זיי פאָרן פון קיעוו, וואו זיי לערנען אין אוניווערזיטעט. און זיי פרעגן מיך צי איך שטודיר. זיי דערקענען אין מיין ריידן, אַז איך שטודיר... איך גיב אַ שמייכל... אָבער זאָג זיי דעם אמת, אַז איך לערן ניט אין קיין שום גימנאַזיע און פון אַן אוניווערזיטעט איז דאָך אָפּגערעדט... זיי קוקן מיך אָן פון דער זייט. דער אָנטרייבער שרייט צו אונז, אַז מיר זאָלן אַרייַנקריכן אין פאַיעטאָן און מיר לויפן גיכער און זעצן זיך אַריין. און עס הויבט זיך אָן נייע שאלות: וואו איך לערן און פון וואַנען איך בין. און איך זאָג זיי, אַז איך בין פון אַ קליין שטעטעלע אין בעסאַראַביע. און זיי וואונדערן זיך וואָס פאַר אַ געשמאַקן רוסיש איך רעד... בשעת מעשה האָב איך הנאה. אָבער איך בין ניט זיכער צי זיי זיינען ערנסט, צי זיי מאַכן חוזק. זיי פרעגן־אויס ביי מיר זייער אַ סך זאַכן.

זיי ווילן וויסן צי עס איז דאָ ביי אונז אין שטעטעלע אַ סך ראַבאָטשי מענטשן. איך רעכן זיי אויס ווער עס זיינען די שניידער, שוסטער, רימאַ־רעס, סטאָליאַרעס, באָנדערס. איך זאָג זיי, אַז עס איז אַפילו דאָ ביי אונז איין שטריק־דרייער און צוויי קאָוואַליעס. זיי פאַרשרייבן אין קליינע ביכע־לעך אַלץ וואָס איך זאָג זיי. איך וויל וויסן צוליב־וואָס עס טויג זיי דאָס צו וויסן... ענטפערן זיי מיר, אַז איך וועל שוין געוואוירע ווערן, ווען איך וועל זיין אינדערהיים אַרום ווינטער־צייט... וואָס עפּעס ווינטער־צייט? פרעג איך. אויף דעם טאָרן זיי מיר ניט ענטפערן... עס איז אַ סוד... און נאָך אַ זאַך: אויב מיין זיידע וועט מיך פרעגן מיט וועמען איך בין געפאָרן אין פאַיעטאָן זאָל איך ניט דערציילן, אַז איך בין געפאָרן מיט זיי... שוין צוויי סודות...

איך זאָג זיי, אַז מיין זיידע טאָר אַפילו ניט וויסן, אַז איך פאָר מיט אַ פאַיעטאָן... זיי לאַכן האַרציק. מען טראַקטירט מיך ווידער מיט אַן אַשקינאַזי פאַפּיראָס און מיר אַלע דריי רויכערן. און עס הויבט אָן אויפ־צוגיין די זון און מיר פאָרן אַריין קיין קאַמענעץ.

גאַסן־קערער קערן דעם שטיינערנעם בריק. די גרויסע קראָמען עפע־נען זיך מיט אַ קאַראַש, וואָס קומט דערפון וואָס די לאָדן פון די קראָמען זיינען אַזוי געמאַכט, אַז זיי וויקלען זיך אַריין אין די ווענט אַריין. ווידער, די בייגל־פאַרקויפער, זינגען אַזוי טרויעריק. און אונזער פאַיעטאָן שווייגט אויך ניט. די רעדער קנאַקן איבער די שטיינער. דער אָנטרייבער פירט מיך צו ביז צום הויף וואו מיין זיידע וואוינט און איך קריך אַראָפּ און געזעגן זיך מיט מיינע צוויי סודותדיקע סטודענטן. מיר זיינען אין דער איינציקער האַלבער נאַכט געוואָרן ווי אייגענע ברידער און ווען איך וואָלט זיך ניט געשעמט, וואָלט איך געלאָזט אַ טרער ביים צעשיידן זיך מיט זיי:

— אויף ווידערזען! אויף ווידערזען!...

דאָס איז געווען פרייטאָג אינדערפרי, ווען איך בין אָנגעקומען צום זיידן. דער זיידע איז שוין געווען אין קלויז און די באָבע האָט זיך מיט מיר זייער דערפרייט און זי האָט מיך באַטראַכט און עס איז איר געפעלן זייער מיינע געלע שיך און דאָס וואָס איך האָב געטאָן אַ וואַקס־אויס. און די באָבע האָט הנאה פון מיינע קורצע קליידער און פון דעם קאַפּעלוש. זי האָט מיך געקושט און ווידער געקושט, און באַלד איז געווען טיי מיט פרישע בייגל. און די באָבע האָט מיך אַפילו ניט געפרעגט צי איך האָב שוין געדאַוונט... און איך האָב איר געמוזט דערציילן די גאַנצע מעשה־וויניצע פון אָנהויב ביזן סוף. און די באָבע האָט געשאָלטן איר שוועסטער שרה ליוואָוויטש, און האָט מיר דערציילט, אַז בשעת זי איז נאָך געווען

אַ מויד איז זי געווען זייער קאַרג. זי איז געווען די עלטסטע מויד אין שטוב און קיינמאָל ניט געלאָזט, אַז מען זאָל מאַכן אַ נײַ קליידל פאַר די ייִנגערע מיידלעך. און זי האָט געטראָגן די שליסל אין גאַרטל. און אַז מען האָט געוואָלט עסן, האָט זי געפלעגט צו האַלטן דאָס ברויט פאַרשלאָסן...

— וואַרט, איך וועל אָנשרייבן אַ בריוו וועט איר פינצטער ווערן אין די אויגן!... — האָט די באָבע געזאָגט און מיר געהייסן זיך אַ ביסל צולייגן אָפּרוען.

דער זיידע איז געקומען פונקט צום ראַסל און ווען ער האָט מיך דערזען האָט ער זיך אי געחידושט און אי געפרייט מיט מיר. דער זיידע בערקע האָט מיך ליב געהאַט און איך אים אויך.

בשעת מען האָט געגעסן האָט מען ביים זיידן ניט געטאָרט ריידן. ערשט נאָכן עסן האָט ער זיך צוגעלייגט מיטן לולקע־ציבוק אויפן דיוואַן, און דערנאָך איז ער געווען פאַרנומען מיט זיינע וואָכן־געלטער ביז פאַר־נאַכט. און דערנאָך האָט ער זיך גענומען גרייטן צום שבת. איך האָב אים דערווייל ניט געקאָנט דערציילן די מעשה־וויניצע.

— נאָך שבת וועסטו מיר דערציילן... — האָט דער זיידע געזאָגט און פלוצים דערזען אויף מיר מיינע געלע שיך — וואָס איז דאָס פאַר אַ שיך?!...

געלע... — זאָג איך — איך האָב זיי געקויפט אין וויניצע.

— קיין אַנדערע איז שוין ניט געווען צו קריגן?

— אָט האָסטו דיר אַן עסק!... — האָט זיך די באָבע אַריינגעמישט.

— מיט אַזוינע געלע שיך זאָל איך אים פירן אין קלויז?!...

— וועט ער זיצן אינדערהיים! — זאָגט די באָבע.

— ער קאָן זיי דאָך אָפּשוואַרצן...

— משוגענער! מען וועט נעמען אַזוינע טייערע שיך און זיי קאַליע מאַכן...

— הער וואָס איך זאָג, מען וועט זיי אָפּשוואַרצן... אַניט וועט זיך איבערקערן די וועלט!... — וואַרנט דער זיידע און זיינע גרויסע אויגן שפּרינגען שיר ניט אַרויס פון זייערע ערטער.

— מען וועט זיי ניט אָפּשוואַרצן... געלע שיך זיינען שיין...

— אַ סאָלדאַט, אַ פריסטאַוו, אַ פאָניאַק, אַ קאַרמאַנשטשיק, אַ וואָס־אין־דער־קאָרט טוט זיך אָן געלע שיך... מיין אייניקל וועט ניט טראָגן קיין געלע שיך!...

ווי איך האָב זיך געפילט? אָט ערשט בין איך אַרויס פון אַ קאַשמאַר אין וויניצע און בין געקומען דאָ צום זיידן זיך אָפּרוען דאָס האַרץ, איז האָב איך אַ נייע צרה. צוליב וואָס האָט עס מיר געטויגט?

איך האָב געכאַפּט אַ קוק צו מײַנע געלע שיך ווי זיי גלינצערן און ווי זיי וואָלטן צו מיר געוואונקען און זיך געבעטן ביי מיר, אַז איך זאָל זיך איינשטעלן פאַר זיי און ניט דערלאָזן אַפילו צו דעם געדאַנק פון אָפּשוואַרצן זיי...

אָבער מיין זיידע בערקע האָט געבראַכט אַ פּושקעלע מיט שוואַרצן שו־וואַקס און אַ באַרשט.

— נעם און שוואַרץ־אָפּ די געלע שיך — זאָגט ער צו מיר.

— זיידע.

— נו, ווילסט ניט וועט דער זיידע ביי דיר פּוצן די שטיוול... — זאָגט דער זיידע בערקע און עפנט דאָס פּושקעלע מיט שו־וואַקס און נעמט זיך צו דער אַרבעט. ער טונקט איין דאָס בערשטל אין שו־וואַקס און באַשמירט מיין געלן שוך. עס ווערט מיר אַ לאַך אין האַרצן, ווען איך דערזע דעם שוואַרצן פלעק אויף מיין שיינעם געלן שוך.

דער זיידע אַרבעט געשמאַק. ער האָט שוין באַלד שוואַרץ געמאַכט דעם גאַנצן שוך. ער זשאַלעוועט ניט קיין שו־וואַקס.

הכלל עס איז געוואָרן אַ תל פון מיינע געלע שיך, און איך בין אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן שבת מיט אַ צעבראָכן געמיט. שבת־צונאַכט נאָך הבדלה האָב איך ערשט דערציילט דעם זיידן די גאַנצע מעשה־וויניצע, און די באָבע האָט מיר געהאָלפן מאַכן אַן איינדרוק אויפן זיידן, מיט דעם וואָס זי האָט אַלע מאָל מיר געגעבן גערעכט... אָבער ניט געקוקט אויף דעם, האָט דער זיידע ניט געהאַלטן מיט מיר, נאָר מיט דער מומע שרה ליוואָוויטש.

— דו האָסט געדאַרפט איבערטערפּען און דאָרטן בלייבן...

— זיידע, איך האָב ניט געקאָנט...

— וואָס־זשע וועט איצטער זיין?

— אפשר קאָן איך קריגן אַ שטעלע דאָ אין קאָמענעץ?

— איך וועל זיך נאָכפרעגן... אפשר... אָבער די היגע גבירים זיינען ניט בעסער פון די וויניצער... וועסט דאַרפן טערפּען און שוויגן...

זעכצנטער קאַפּיטל

מיין זיידע האָט זיך געסטאַרעט פאַר מיר צו קריגן אַ שטעלע און ניט געקאָנט געפינען. און איך בין אין אַ פּאָר טעג נאָך שבת אַוועקגעפאָרן מיט אַ בעל־עגלה. איך האָב שוין פאַרגעסן אין מיינע געלע שיך, וועלכע זיינען איצט שוין געווען שוואַרץ, ווייל עס איז מיר געווען אויף דער נשמה נאָך שוואַרצער...

וואוהין זאָל איך איצטער פאָרן? קומען אַהיים איינמיטן זומער וועט עס אויסזען זייער ניט פייגלדיק. וואָס וועלן מענטשן זאָגן? גיי הייב אָן איטלעכן דערציילן אַ גאַנצע מעשה־וויניצע... איך האָב אָבער געמוזט זיין אינדערהיים כאָטש דערציילן דער מאַמען...

הכלל, איך בין געפאַלן אויף אַ פּלאַן צו קומען אַהיים שפּעט אין אָוונט, און אַז קיינער אין שטעטל זאָל מיך ניט זען. פון יעדינעץ האָב איך געדונגען אַ יידן מיט אַ פערד און וועגעלע, אַז ער זאָל מיך פירן קיין רישקאָן נאָך זונזעצן, און מיט אים אויסגענומען, אַז ער מוז מיך נאָך די אייגענע נאַכט פירן צוריק קיין יעדינעץ. איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל זיין אין דערהיים אַ פּאָר שעה, זיך דורכשמועסן מיט דער מאַמען און זען מיינע ברידער און זיך האַלטן אַן עצה מיט דער מאַמען, וואוהין צו פאָרן. עס איז געווען פאַר מיר צוויי וועגן: אָדער צום טאַטן אין דער גוראַלניע, אָדער צום פעטער אַברהם קיין ליפּקאַן. דער עיקר איז געווען, אַז מיין קומען אַהיים זאָל בלייבן אַ סוד פאַר אונזער שטעטל.

דער ייד פונעם פערד און וועגעלע האָט עפּעס געקוקט אויף מיר פאַר־דעכטיק. ער האָט מן הסתם געטראַכט, אַז עס איז ניט גלאַט ווען אַזאַ יונגער שנעק ווי איך בין געווען, זאָל שוין וועלן פאָרן דווקא נאָר ביינאַכט אַהין און צוריק... נאָר אַזוי ווי איך האָב אים דערפאַר באַצאָלט, איז ער איינגע־גאַנגען צו פאָרן, אָבער ער האָט מיך געהיט אַ גאַנצן וועג.

געבראַכט האָט ער מיך אַרום צוועלף ביינאַכט קיין רישקאָן. דאָס גאַנצע שטעטל איז שוין געשלאָפן און ביי אונז אין שטוב איז שוין אויך געווען פינצטער. איך בין אַראָפּ פון וועגעלע און אָנגעקלאַפּט אין דער הינטער טיר פון אונזער שטוב.

— ווער איז דאָרט? — האָב איך דערהערט מיין מאַמעס קול.

— איך... ס'איז איך, קייטל אויף...

— דו?... — האָט די מאַמע דערקאַנט מיין קול און זי האָט נערוועז אויפגעקייטלט דעם שווערן קייטל פון דער הינטער־טיר — ווי קומסטו אַהער אַזוי שפּעט? וואָס האָט געטראָפן?

באַלד איז געוואָרן אַ גערודער אין שטוב. אַלע ברידערלעך זיינען אַראָפּ פון די בעטן.

— ש־ש־ש! — האָב איך צו זיי אַלע געזאָגט און זיי געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז מען זאָל ניט מאַכן קיין גערודער. דער ייד איז אַריינגעפאָרן הינטער דער שטוב און מסתּם געגעבן עסן זיין פערדל. און נאָכדעם ווי איך האָב מיך מיט אַלעמען צוקושט, האָב איך זיך מיט דער מאַמען און אַלע ברידערלעך אַנידערגעזעצט אין קיך און דערציילט די גאַנצע מעשה־וויניצע. די דאָזיקע קיך איז געגאַנגען מיט אַ פענצטער צום הינטן פון דער שטוב, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין אַ פּוסט פעלד. דאָ האָב איך ניט מורא געהאַט, אַז עמיצער קאָן מיך באַמערקן.

— מוזט זיין הונגעריק — זאָגט די מאַמע.

— אַ גלאָז טיי וואָלט איך געטרונקען. און מען דאַרף דעם יידן אַריינ־רופן טרינקען טיי, ווייל באַלד פאָרן מיר צוריק...

— וואָס הייסט? דו ביזט ניט געקומען אַהיים אויף שטענדיק? — דערשרעקט זיך די מאַמע.

— ניין, איך מוז ערגעץ אַוועקפאָרן... ווי וועל איך אויסזען ביי אַלעמען אין די אויגן?

— וואוהין וועסטו פאָרן?

— אָדער צום טאַטן אָדער צום פעטער אַברהם. איך וויל הערן וואָס דו, מאַמע, האָסט צו זאָגן.

— בלייב אין דערהיים...

— דאָס איז אוממעגלעך.

— צום טאַטן אין גוראַלניע טויג אָבער ניט. ווער ווייס דיר דאָרטן אָפּקאָכן אַ לעפל געקעכץ? פאָר שוין, בעסער, צום פעטער אַברהם.

— איך האָב אויך אַזוי געמיינט.

עס איז באַלד געווען דער סאַמאָוואַר און דאָס גוטע שטיקל היימיש ברויט וואָס די מאַמע האָט אַליין געבאַקן, און פּוטער מיט סמעטענע אויך פון דער אייגענער קו. די מאַמע האָט אַריינגערופן דעם יידן און ערשט איצט, אַז ער האָט געזען אונזער שטוב און דעם סאַמאָוואַר, האָט זיך דער

ייד מודה געווען, אַז ער האָט געמיינט אַז ער פירט עפּעס אַ געפערלעכן בחור, וואָס אַנטלויפט, אָדער וואָס קלייבט זיך עפּעס אָפּצוטאָן אַ געפער־לעכע זאַך...

דער ייד און איך האָבן זיך גוט אָנגעגעסן און פאַרטרונקען מיט גוטער, הייסער טיי, און איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין מאַמען און די ברידערלעך און איך בין נאָך יענע נאַכט צוריק געפאָרן קיין יעדינעץ. איך בין געווען זיכער, אַז קיינער ווייסט ניט פון מיין קומען אַהיים און פון מיין אַוועקפאָרן, ווייל דאָס שטעטל איז געשמאַק געשלאָפן.

איך בין אָנגעקומען קיין ליפּקאַן צו מיין פעטער אַברהם אומדער־וואַרטעט. און מיין פעטער אַברהם און די מומע אסתּר האָבן זיך זייער דערפרייט מיט מיין קומען. דער פעטער אַברהם האָט פון גרויס פרייד אַזש געגעבן דעם בעל־עגלה אַ גוטן טרונק־געלט דערפאַר, וואָס ער האָט אים געבראַכט אַזאַ גאַסט... מיין פעטער אַברהם איז ניט געווען אַזוי רייך ווי משה ליוואָוויטש. ער איז געווען אַ ייד אַ מעקלער מיט ווייץ... ווי ער אַליין האָט געזאָגט: — איך האַנדל מיטן ווינט...

זיי האָבן געוואוינט אין אַ באַשיידן, באַלעבאַטיש הויז פון דריי צימערן מיט אַ קיך און מיט אַ גאַניק. אַלץ אין הויז איז געווען באַלעבאַטיש, ריין און ציכטיק, ווייל די מומע אסתּר איז געווען אַ גרויסעווירטין. די מומע אסתּר איז גאָר ניט געווען געראָטן אין מיין מאַמען מיט איר אויסזען, אָבער אַ ווירטין איז זי געווען פונקט ווי מיין מאַמע. די פּאָדלאָגעס גע־פאַרבט און אָפּגעוואַשן און די בעטן מיט די סאַפעס פאַרשפּרייט מיט האַנט־געאַרבעטע שפּרייטלעך און די פענצטער באַהאַנגען מיט פאַרהענגלעך און מיט קרוזשעווקעס. און דערצו איז מיין מומע אסתּר אַליין געווען אַ שיינהייט: הויך און שלאַנק, מיט אַ לאַנגן שוואַרצן צאָפּ מיט האָר, וואָס האָט געגרייכט ביז צו אירע קני; מיט אַ מילך־ווייסן פּנים און מיט קליינע קלייענדיקע שפּרענקעלעך אויף איר הויט, וואָס האָבן איר צוגעגעבן אַזוי פיל חן. דער פעטער אַברהם איז אויך געווען ניט קיין מיאוסער. אַ שיין געטאָקט יידיש פּנים מיט גרויסע, ברוינע אויגן, מיט אַ שטערן, וואָס איז פאַרפאָרן העט, העט ביז אַ האַלבן קאָפּ. ער האָט געטראָגן אינדער־וואָכן אַ געפּרעסט העמד מיט אַ שיין קאַפּאָטקעלע מיט אַ שפּאַלט פון הינטן. דאָס האָט ער מסתּם געדאַרפט צוליב זיין פּרנסה גיין אַלע טאָג שיין אָנ־געטאָן. און דעם פעטער אַברהם האָב איך נאָך געדיינקט פון מיין קינדהייט אַלס אַ פריילעכן יידן, פון יענע צייטן, ווען מיר האָבן אויך געוואוינט אין ליפּקאַן. איצט אָבער האָב איך ערשט מיין פעטער אַברהם דערזען אין זיין גאַנצער פּראַכט. ער איז קיינמאָל גאָר טרויעריק ניט געווען, צי

ער האָט יאָ פאַרדינט צי ניט פאַרדינט. אַלע מאָל איז ער געווען גרייט אָפּצוטאָן עפּעס אַ שפּיצל, כּדי מען זאָל לאַכן. און לאַכן האָט די מומע אסתּר קיינמאָל ניט פיינט געהאַט.

איך האָב געפונען פינף קינדער ביי מיין פעטער. דריי ייִנגלעך און צוויי מיידלעך. דער עלטסטער זון, יאָסל, איז געווען ייִנגער פון מיר מיט אַ דריי־פיר יאָר. און דאָס עלטסטע מיידל, ציפּרה, איז געווען ייִנגער פון מיר מיט אַ פינף יאָר. אַזוי, אַז מיט וועמען זיך צו חברן האָב איך ניט געהאַט. איך בין געווען 16 יאָר אַלט. און שוין אַ גאַנצער קאַוואַליער, מיט אַן אַטעסטאַט און מיט אַ דערפאַרונג פון גרויסע שטעט... האָב איך דערווייל פאַרבראַכט מיט דער מומע אסתּר גאַנצענע טעג. און ווען דער פעטער אַברהם האָט געמאַכט אַ גוט „געשעפטל״ פלעגט ער שוין קומען צופאָרן מיט אַ פאַיעטאָן און אונז זיך הייסן אויפזעצן און מיר פלעגן זיך דורכקאַטאַיען צום פּרוד.

ליפּקאַן, וואו מיר האָבן אַמאָל געוואוינט און וואו איך האָב פאַרבראַכט מיין ערשטע קינדהייט, איז מסתּם געווען דאָס זעלבע שטעטל וואָס אַמאָל. איך האָב סיי־ווי נאָר געדיינקט דאָס הויז וואו מיר האָבן געוואוינט.. און איך האָב געגאַרט דאָס דאָזיקע הויז אָנצוקוקן.

מיין קאַזין יאָסל האָט מיך ביי דער ערשטער געלעגנהייט געפירט צו יענעם הויז, וואָס איז געשטאַנען חוץ דער שטאָט. און איך האָב געפונען דאָרט אַ גרויסע חורבה. די שיינע ווענט פון דעם הויז זיינען שוין געווען האַלב איינגעפאַלן און די שטאַלן זיינען געווען צעלעכערט און דער גאַנצער הויף מיט דער קרעניצע איז פאַרוואַקסן געווען מיט ווילדע גראָזן און עס זיינען דאָרטן אַרומגעלאָפן סוסליקעס... אוי, וואָס עס קאָן ווערן פון אַזאַ שיינעם הויף, ווי דאָס איז געווען! און אינגאַנצן איז דאָס געשען אין אַזאַ קורצער צייט!

יענער זומער איז אָבער ביי מיר פאַרבליבן אין זכּרון, ווייל דאָ אין ליפּקאַן האָב איך געלייענט זייער אַ סך. עס האָט זיך געפונען דאָ אַ ביבליאָ־טעק, וואו איך האָב געקאָנט לייענען אויף פּריקאָט ביכער אין יידיש, העברעאיש און רוסיש. דער אייגנטימער פון דער ביבליאָטעק איז געווען איינער פון די פירער פון דער אינטעליגענץ פון ליפּקאַן, אַ ייד מיטן נאָמען ראַבינאָוויטש. די ביבליאָטעק האָט ער געעפנט אַלס אַ פּרנסה, נאָר ער האָט פון דער ביבליאָטעק קיין פּרנסה ניט געהאַט און געמוזט זיין אַ לערער אויך. ביי אָט די ראַבינאָוויטשעס אין דער ביבליאָטעק האָב איך זיך באַ־קאָנט מיט דער גאַנצער אינטעליגענציע פון ליפּקאַן. און צווישן זיי זיינען געווען אַ פּאָר טשודאַקעס, ווי דער דאָקטאָר שרייבער און דער בחור

נאָקמאַן און דער ליבער אליעזר שטיינבערג, וואָס איז געווען אַ קרוב פונעם שריפטשטעלער יהודה שטיינבערג און וועלכער האָט שפּעטער אַליין געשאַפן זיינע באַרימטע פאַבלען און מעשהלעך.

איך האָב געשלונגען ביכער; אַלע טאָג האָב איך איבערגעלייענט אַ בוך און הער ראַבינאָוויטש האָט מורא געהאַט, אַז באַלד וועט ער שוין נישט האָבן מער קיין ביכער פון מיינעטוועגן... ער האָט מיט מיר איינגעטענהט, אַז מען דאַרף לייענען פּאַוואָליע און אַריינבעמען אין זיך דאָס, וואָס מען לייענט אין בלוט אַריין...

נאָר איך בין דאָך געווען יונג און די זומער־טעג זיינען געווען גרויסע, און איך האָב ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָב איך „געשלונגען" יעדן טאָג אַ בוך...

און נאָכמיטאָג, ווען עס איז געווען זייער הייס, זיינען מיר געגאַנגען זיך באָדן אין פּרוד. און דאָרטן זיינען געלעגן ספּלאָוועס מיט געהילץ אויפן וואַסער. מען האָט זיך אויסגעטאָן אויף די ספּלאָוועס און אַראָפּגעשפּרונגען אין קאַלטן, קלאָרן פּרוד אַריין.

און דערנאָך ווידער געלייענט, און אַזוי אַ גאַנצן זומער. דער פעטער אַברהם האָט מיך ניט געלאָזט פאָרן אַהיים ביז נאָך יום־כפּור. און איך האָב געטראַכט פון דעם גרויסן חילוק, וואָס עס איז געווען צווישן דעם רייכן פּעטער פון וויניצע און דעם אָרעמען פּעטער פון ליפּקאָן. און ניט אַנדערש, אַז עס האָט געמוזט עפּעס זיין אַ טיפער מיין אין דעם...